STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01868

# FERDINAND LASAL

Eduard Bernstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עדוארד בערנשטיין

# פערדינאנד לאסאל

## אפשאצונג פון לערער און קעמפער

פון דייטש

יוסף לעשצינסקי

פארלאג קולטור-ליגע / ווארשע

געדרוקט אין 2000 עקז.

1922 דרוקעריי „די וועלט„ ווארשע

FERDINAND LASSAL — E. BERNSZTEJNA — Tłom. I. LESZCZYNSKI
Druk, „Di Welt“ Wyd. „Kultur-Liga“ Warszawa 1922

# אינהאלט


I פערדינאנד לאסאל און די דייטשע דעמאקראטיע. דייטשלאנד ערב דער לאסאליאנישער באוועגונג . . . 7

II לאסאלס יוגנט, דער האצפעלד־פראצעס. די רעדע אין געריכט. פראנץ פאן זיקינגען . . . . . 21

III פערדינאנד לאסאל און דער איטאליענישער קריג . . 48

IV סיסטעם פון ערווארבענע רעכט . . . . 81

V דער פרייסישער קאנסטיטוציע־קאנפליקט. די רעדעס וועגן קאנ־ סטיטוציע און דאס ארבעטער־פראגראם . . . 101

VI לאסאל און דער לייפציגער ארבעטער־קאמיטעט. די אפענע תשובה, איר פאליטישער טייל . . . 129

VII דער עקאנאמישער אינהאלט פון דער אפענער תשובה. דאס אייזערנע לוין־געזעץ און די פריוואט־געזעלשאפטן מיט מלוכה־ קרעדיט. . . . . . . 149

VIII די גרינדונג און פירונג פונם אלגעמיינעם דייטשן ארבעטער־ פאריין . . . . . . . 162

IX לאסאל און ביסמארק . . . . . 181

X די לעצטע שריט פון לאסאלן און זיין טויט . . . 196

XI שלוס־ווארט . . . . . . 201

# פערדינאַנד לאַסאַל און די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

## I

### דייטשלאַנד ערב דער לאַסאַליאַנישער באַוועגונג

זינט עס זיינען פאַראַן הערשנדיקע און אונטערדריקטע קלאַסן, עקספּלואַטירנדיקע און עקספּלואַטירטע — האָבן אַלע מאָל די לעצטע אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די ערשטע, און אַלע מאָל זיינען געווען מלוכה־מענער און פילאָזאָפן, ערגייציקע און טרוימער, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פון רעפאָרמען, כדי צו פאַרקלענערן אָדער גאָר אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע. אויב מע זאָל דעם באַגריף „סאָציאַליזם" אָנווענדן צו די דאָזיקע אַלע שטרעבונגען, איז דער סאָציאַליזם אַזוי אַלט, ווי די ציוויליזאַציע גופא. אויב מען נעמט אָבער אין אַכט ניט דאָס בלויזע שטרעבן צו אַ געזעלשאַפט־צושטאַנד פון האַרמאָניע און אַלגעמיינעם וווילשטאַנד, נאָר מען זוכט מער באַשטימטע באַצייכנונג־סימנים פאַרן סאָציאַליזם, דאַן האָט דער איצטיקער סאָציאַליזם אַלס אידעען־שיטה נאָר דאָס שותּפישע מיטן סאָציאַליזם פון אַ וואָסער ס'ניט איז פריערדיקער עפּאָכע, וואָס ער איז, ווי דעמאָלט אויך איצט, דער גייסטיקער יסוד פון דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכן עס פירן די פאַרמעגנסלאָזע קלאַסן. דער בוי פון דער געזעלשאַפט, ווו דער סאָציאַליזם אַנטשטייט, לייגט אַלע מאָל אַרויף אויף אים דעם שטעמפּל פון דער געגעבענער עפּאָכע.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז אַ פּראָדוקט פון קלאַסנקאַמף אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיין שורש ליגט אינם קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן דער בורזשואַזיע און צווישן דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער קעגנזאַץ האָט — געשיכטלעך — לערך זייער פרי געפונען זיין אויסדרוק אין פּאַקטישן קאַמף, כאָטש די קעמפנדיקע צדדים אַליין האָבן זיך נאָך דעמאָלט ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן

חשבון וועגן זיין פאַרנעם און באַטייט. ווען דאָס בירגערטום האָט
גענומען אויפטרעטן קעגן די פריווילעגירטע שטאַנדן פון דער פעאָ=
דאַלער געזעלשאַפט, דערנאָך קעגן דער אַבסאָלוטיסטישער פּאָליציי=
מלוכה, האָט עס לכתחילה געקוקט אויף זיך, ווי אויף דעם אַדוואָקאַט
פון אַלע ניט=פּריווילעגירטע; האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּשאַפן אַל=
טע איינריכטונגען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין וועג פון דער אַנט=
וויקלונג פונם בירגערטום, אָדער וועגן איינפירן נייע, וואָס זאָלן
מיטהעלפן זיין אַנטוויקלונג,—אַלע מאָל האָט עס גערעדט און געפּאָ=
דערט אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק. און אַ לאַנגע צייט האַנדלט דער
קלאַס אַזוי באמונה שלמה, ער איז זיכער, אַז די פאָרשטעלונגען,
וועלכע ער פאַרבינדט מיט די פאַרלאַנגטע רעפאָרמען, זיינען די איינ=
ציקע, וועלכע שטימען בכלל מיטן מענטשלעכן שכל=הישר. דער
אויפקומענדיקער פּראָלעטאַריאַט אָבער, ווען ער הויבט זיך אָן צו
באַפרייען פון די בורזשואַזע צעך=פאָרורטיילן, באַפרידיקט זיך מיט
די פאָדערונגען פון די בירגערלעכע אידעאָלאָגן נאָר אויף אַזוי פיל,
אויף וויפיל זיי באַקעמפן דעם פעאָדאַלן סדר. ווי נאָר אָבער דער
לעצטער ווערט באַזיגט, אָדער ער ווערט לפחות פאַרשטויסן אין
הינטערגרונט, און דאָס בירגערטום טרעט צו צו פאַרווירקלעכן אין
לעבן זיינע אייגענע שטרעבונגען, ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז דער
המון האָט גאָר אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן דעם צוגעזאָגטן
„גאָטס=קעניגרייך" אויף דער ערד, איידער זיינע ביז איצטיקע אפּטרופּסים
און באַשיצער; עס קומט גלייך צו צוזאַמענשטויסן, און וואָס גרעסער
די אילוזיעס זענען פריער געווען, אַלץ שטאַרקער זענען איצט די
קאָנפליקטן. דער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער נאָך נישט גענוג שטאַרק,
כדי צו אַנטוויקלען אַ דויערהאַפטן ווידערשטאַנד; מיט געוואַלט, מיט
אכזריותדיקע מיטלען מאַכט מען אים שווייגן, און ער גייט אויף אַ
לאַנגע צייט אַראָפּ פון סצענע.

אַזוי איז די זאַך צוגעגאַנגען באַ אַלע בורזשואַזע אויפשטאַנדן
פון 16, 17 און 18 און אפילו נאָך אין די ערשטע צענדליקער יאָרן
פון 19=טן יאָרהונדערט. אין דעם לעצטן יאָרהונדערט אָבער איז די
רעוואָלוציע אין די פּראָדוקציע=פאַרהעלטענישן געווען אַזאַ ראַשיקע,
אַז זי האָט געביטן אויך דאָס האַלטן זיך פון פּראָלעטאַריאַט לגבי
דער בורזשואַזיע. מען האָט שוין פאַרשפּאָרט צו האָבן אויסערגע=
וויינלעכע סיבות, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קלאָר אנערקענען

דעם קעגנזאַץ צווישן זייַנע אינטערעסן און שטרעבונגען און די זעלבע פון דער בורזשואַזיע; אין די מער אַנטוויקלטע לענדער איז דער קעגנזאַץ פון זיך אַליין בולט געקומען צום אויסדרוק. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און אַנטקעגנשטעלן די קאַפּיטאַליסטן, די היינטיקע אָרדנונג האָט מען אָנגעהויבן קריטיקירן פון אַ פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, עס האָט זיך באַוויזן אַנטי־בורזשואַזע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. און ס'איז גענוג געווען לערך גאָר קליינע רייבונגען צווישן דער בורזשואַזיע, אַ סכסוך צווישן איין פליגל אירן מיטן אַנדערן, כדי די אַקטיווערע עלעמענטן פון פּראָלעטאַריאַט זאָלן דאָס אויסנוצן און אַרויסטרעטן מיט אייגענע פאָדערונגען, אַלס זעלבשטענדיקע פּאַרטיי. די רעפאָרם־באַוועגונג פון ליבעראַלן בירגערטום אין ענגלאַנד איז געווען דער סיגנאַל פאַר דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג, די יולי־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך איז לכתחילה באַגלייט געוואָרן פון אַ ריין רעפּובליקאַנישער פּראָפּאַגאַנדע, שפּעטער אָבער רופט זי אַרויס פרווון פון אַ סאָציאַליסטישער, פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג,—פרווון, וועלכע זענען לויט זייער פאַרנעם געווען אפשר נישט שוואַכער, איידער די טשאַרטיסטישע אַגיטאַציע.

אין דייטשלאַנד ווייזן זיך די ערשטע סימנים פון דער באַוועגונג, ליטעראַריש און פּראָפּאַגאַנדיסטיש, אין די 40־קער יאָרן. שרייבער און פּאָליטיקער, וועלכע ווערן אַרויסגעשיקט אָדער מוזן אַליין עוקר זיין כדי זיך צו ראַטעווען פון פּאָליציי־שפּיאָנאַזש, קומען קיין אויסלאַנד, ווערן דאָרט הייסע אָנהענגער פון סאָציאַליזם, און זוכן ווי אים איבערצופלאַנצן אין דייטשלאַנד; דייטשע אַרבעטער, וועלכע וואַנדערן אַרום און אַרבעטן לענגערע צייטן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, ברענגען מיט זיך אַהיים די סאָציאַליסטישע לערע און פאַרשפּרייטן זי אין אַלע נאַכט־הייזער; עס גרינדן זיך געהיימע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פאַר פּראָפּאַגאַנדע; און לסוף, ערב דעם רעוואָלוציע־יאָר 1848, אַנטשטייט דער קאָמוניסטן־בונד, מיט אַ פּראָגראַם, ווו ס'ווערט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט און אַנטשיידנקייט פאָרמולירט דער קעגנזאַץ צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, נאָר גלייכצייטיק ווערט אין אים אָנגעוויזן, אַז די באַזונדערע פאַרהעלטנישן פון דייטשלאַנד שטעלן דערווייל פאַרן פּראָלעטאַריאַט די אויפגאַבע צו פירן געמיינזאַם מיט דער בורזשואַזיע דעם קאַמף

קעגן דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, קעגן פֿעאָדאַלן ערד־אייגנטום און קעגן רעאַקציאָנערער קליינבירגערלעכקייט.

פֿראַנקרייך איז אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע שוין געווען שטאַרק סאָציאַליסטיש באַפאַרבט, און אין דייטשלאַנד, בעת דער מערץ־רעוואָלוציע, טרעפן מיר אויך שוין אַ היפשע לערך צאָל פון סאָציאַליסטיש־דענקענדיקע אַרבעטער. אי דאָ אי דאָרט זענען שוין די אַרבעטער געווען, כאָטש נישט אין אַ גלייכער מאָס, די אַקטיווסטע עלעמענטן פון דער רעוואָלוציע. אָבער אפילו אין פראַנקרייך, נישט געקוקט אויף דער העכערער מדרגה פֿון אַנטוויקלונג, זענען די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם סאָציאַליזם געווען נים פיל גינסטיקער, ווי אין דייטשלאַנד. אין דאָרף האָט געהערשט די קליין־פויערשע ווירטשאַפט, און אין די שטעט, אין די אינדוסטריעלע באַצירקן, איז די גרויסע אינדוסטריע, אמת שוין געווען פֿאַרשפרייט, אָבער זי האָט נאָך נישט געהאַט די גאַנצע עקאָנאָמישע ממשלה אין אירע הענט. די קליינע און מיטל־האַנטווערקעריי, ובפרט די קונסט־האַנטווערק, האָט נאָך געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָל, כאָטש זי האָט שוין אָנגעווירן איר צעך־כאַראַקטער און האָט מייסטנס שוין געאַרבעט אויף די גרויס־אינדוסטריעלער; אַזוי איז געווען אפילו אין פאַריז, דעם הויפט־צענטר פון דער לוקסוס־אינדוסטריע. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם האָט כמעט אומעטום געטראָגן אַ קליינבירגערלעכן כאַראַקטער. אפילו דאָרט, ווו ער איז אייגנטלעך געווען ריין פון אוטאָפיזם. די פֿעברואַר־רעוואָלוציע און די גרוילעכע יוני־שחיטה האָבן גאָרנישט געענדערט. דער אוטאָפיסטישער סאָציאַליזם פון די פראַנצויזישע אַרבעטער האָט טאַקע באַקומען אַ טויט־קלאַפ, אָבער זיין אָרט האָט אויף אַ צייט מיט יאָרן פאַרנומען — דער פרודאָניזם.

און נאָר מיט אָט דער אומרייפקייט פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס בעת אין לאַנד האָט געשווייבלט מיט סאָציאַליסטן און אין פאַרלאַמענט האָבן זיך אַריבער 200 דעפוטאַטן דערקלערט פאַר „סאָציאַלדעמאָקראַטן", האָט דאָך די באָנאַפאַרטישע כנופיא געקאָנט אָפפטרן די אַרבעטער בלויז מיט זיסע ריידעלעך.

אין דייטשלאַנד איז די דאָזיקע אומרייפקייט געווען, נאַטירלעך, נאָך שטאַרקער. די גרויסע מאַסע אַרבעטער איז געווען טיף פאַרזונ־

קען אין קליינבירגערלעכע באַגריפן און אָנשויונגען, טיילווייז נאָך אפילו צעך־אַרטיק געשטימט. אויף די פאַרשיידענע אַרבעטער־קאָנגרעסן, וועלכע דאָס יאָר 1848 האָט אַרויסגערופן צום לעבן, זענען באַהאַנדלט געוואָרן די רעאַקציאָנערסטע פאָרשלאַגן. בלויז זייער אַ קליינע מינדערהייט האָט געהאַט אַ באַגריף וועגן דער רעוואָלוציאָנערער מיסיע פון אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע מינדערהייט האָט אומעטום געקעמפט אין די ערשטע רייען פון די פאָלקס־פאַרטייען, ווו זי האָט נאָר געקאָנט האָט זי זיך באַמיט צו שטופן די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע פאָרווערטס, און זי האָט זייער טייער געצאָלט פאַר איר אַקטיוויטעט. די קאָמוניסטן פון 48־טן יאָר זענען געפאַלן אויף די באַריקאַדעס, אויפן שלאַכטפעלד אין באַדען, מיט זיי זענען פול געווען די טורמעס, און דערנאָך ווען די רעאַקציע האָט געזיגט אין גאַנצן לאַנד האָבן זיי געמוזט אויסוואַנדערן, און אַ גרויסער טייל פון זיי איז אומגעקומען אין גרויס עלנט. די יונגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין פרילינג 1848, זענען אַלע אָן אויסנאַם פאַנאַנדערגעלאָזט אָדער ביז צום טויט פאַרפאָלגט געוואָרן. די יתר הפליטה פון די סאָציאַליסטן, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד, האָבן זיך צום טייל גאָר צוריקגעצויגן פון פאָליטישן לעבן, אויסוואַרטנדיק אויף בעסערע צייטן. און אַ טייל זענען „קלוגער געוואָרן“ און זענען צוגעשטאַנען צו דער פראַקציע פון בורזשואַזן ליבעראַליזם. דאָס לעצטע האָט פאַסירט אויך מיט אַ געווויסער צאָל פאַרטרעטער פונם האַלב־אינטעליגענטישן האַלב־סאַנקילאָטישן „עכטן“ סאָציאַליזם, וועלכער איז אויפגעטראָטן מיט אַזאַ גרויסן געפילדער. די אַרבעטער ווידער, מער אָדער וויניקער אָנגעשראָקענע, פאַרלאָזן אינגאַנצן דעם געדאַנק וועגן אַן אייגענער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע מיט זעלבשטענדיקע צילן, און פאַלן אַרונטער אונטער דער אַפטרופסות פון די ראַדיקאַלע בורזשואַזע פאַרטייען אָדער אונטערן שוץ פון גוטהאַרציקע בורזשואַזע פילאַנטראָפן.

די נאָנטסטע אַנטוויקלונג איז אין די וויכטיקסטע פונקטן דאָ די זעלבע, וואָס אין ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אין ענגלאַנד האָט דער דורכפאַל פון דער באַנייטער טשאַרטיסטישער אַגיטאַציע אין יאָר 1848 געבראַכט דערצו, אַז דעם אויבן־אָן האָט פאַרנומען דער קריסטלעכער סאָציאַליזם פון די מאָריצס, קינגסלייס און לודלאָווס, און אַ טייל אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן זען זיי־

ער באַפרייונג אין זעלבסטהילף=חברות — נישט נאָר די עקאָנאָמישע
באַפרייונג, נאָר אויך — „מאָראַלישע", די באַפרייונג פון "עגאָיזם"
פון „קלאַסן=האַס" א. אַ. וו. די דאָזיקע „קריסטלעכע סאָציאַליסטן"
זענען טאַקע נישט אויסן געווען מיט זייער אַרבעט קיין ריין פער=
זענלעכע, עגאָיסטישע צילן, דירעקט האָבן זיי נישט געדינט די
אינטערעסן פון וואָסער ס'נישט איז בורזשואַזער פאַרטיי — אָבער
דער פועל יוצא פון זייער פּראָפּאַגאַנדע, אויף וויפיל זי האָט געהאַט
אַן איינפלוס, איז געווען דער, אַז די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן
איגנאָרירן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון זייער קלאַס, ד. ה. זיי
האָבן פּאָליטיש דעגראַדירט. דער „קלאַסן=עגאָיזם" איז טאַקע פאַר=
טריבן געוואָרן, אָבער זיין אָרט האָט מייסטנס פאַרנומען דער פּי=
ליסטערישער גענאָסנשאַפט=עגאָיזם און אַ נישט ווייניקער פּיליסטער=
האַפטע „בילדונג=טרייבעריי". די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג ווערט
פאַרטרונקען אין די קליינע טאָג=אינטערעסן, און די נאָך פאַרבליבענע
אָוועניסטן פאַרנעמען זיך דער עיקר מיט דער אַזוי גערופענער פריי=
דענקערישער פּראָפּאַגאַנדע.

אין פראַנקרייך האָט די מפּלה פונם יוני=אויפשטאַנד אָפּגע=
וואָרפן דעם אַרבעטער=קלאַס פון דער רעוואָלוציאָנערער בינע, אין
איר הינטערגרונט. לכתחילה אָבער נאָר אין הינטערגרונט. אַפילו די
דאָזיקע גרויזאַמע בלוט=אָפּצאַפּונג האָט נישט געקאָנט מיט אַמאָל
טויט שלאָגן דעם רירעוודיקן פּאָליטישן גייסט פון פּאַריזער פּראָלע=
טאַריאַט. „ער פּרוווט—ווי מאַרקס שרייבט אין זיין 18=טן ברומער—
אַלע מאָל זיך ווידער פאָרויס צו רוקן, ווי נאָר די באַוועגונג שיינט
פון ס'ניי אויפצולעבן". זיין קראַפט אָבער איז געווען געבראָכן, ער
האָט זיך נישט געקאָנט דערהויבן אַפילו צו קיין צייטלעכע נצחונות.
„ווי נאָר וואָסער ס'ניט איז פון די אויבערשטע געזעלשאַפטלעכע
שיכטן ווערט פאַרכאַפּט פון רעוואָלוציאָנערער גערונג, שטייט דער
פּראָלעטאַריאַט צו צו אים, אַזוי. אַז אויף זיין גורל פאַלן אויס אַלע
מפּלות, וואָס די פאַרשיידענע פּאַרטייען ליידן נאָכאַנאַנד. אָבער די
דאָזיקע קלעפּ ווערן אַלץ שוואַכער, וואָס מער זיי ווערן פאַרטיילט
איבערן גאַנצן שטח פון דער געזעלשאַפט. די מער באַדייטנדיקע
פירער זיינע אין פּאַרלאַמענט און אין דער פּרעסע פאַלן איינער
נאָכן אַנדערן אַלס קרבנות פון געריכט=פּראָצעסן, און אַלץ מער
שטעלן זיך אין זיין שפּיץ צווייטדייטיקע פּערזענלעכקייטן. טיילווייז

כאַפּט ער זיך דאַן פאַר דאָקטרינערישע עקספּערימענטן, פאַר טויש=
בענק און אַרבעטער=אַסאָציאַציעס, ד. ה. ער טרעט אַריין אין אַ
באַוועגונג, וווּ ער זאָגט זיך אָפּ פונם געדאַנק איבערצוקערן אַלטע
יסודות פון דער אַלטער וועלט, נאָר ער זוכט זיין אויסלייזונג כמעט
ווי הינטער דעם רוקן פון דער געזעלשאַפט, אויף אַ פּריוואַט=אופן,
אין די ראַמען פון זיינע הייניטיקע באַגרענעצטע עקזיסטענץ=באַדינ=
גונגען" (דער 18=טער ברומער, 3=טע אויפלאַגע, 14 און 15).

בנוגע צו דייטשלאַנד פון יענער צייט איז אייגנטלעך שווער
אַפילו צו ריידן וועגן אַ מפּלה פון די אַרבעטער, ווייל אַלס קלאַס
האָבן זיי נאָך דאַן קיין שום גרעסערע אַקציע נישט אונטערגענומען.
אַלנפאַלס, האָט זיך אויך דאָ געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז אַ לאַנגע צייט
האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד אַפילו וועגן פּרוון אַרויסווייזן
אַקטיווע זעלבשטענדיקייט. די בורזשואַזע פילאַנטראָפּיע, זאָרגנדיק
„פאַרן וווּל פון אַרבעטנדיקן קלאַס", האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פראַגן
וועגן אַרבעטער=וווינונגען, קראַנקן=קאַסעס און נאָך אַזעלכע אומשול=
דיקע זאַכן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער קליינבירגערלעכער
דעמאָקראַט, דער פּרייסישער דעפּוטאַט שולצע—דעליטש, גענומען פאַר
זעלבסטהילף=פאַריינען, כדי דורך זיי ברענגען אַ „לעזונג פון דער
סאָציאַלער פראַגע", און גראָד די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון
לאַנד איז אים שטאַרק בייגעשטאַנען אין זיין „לעבלעכער" אַרבעט.

שולצע=דעליטש האָט פון לכתחילה אָן מער געהאַט אין אויג
די קליינע האַנטווערקער, איידער די אַרבעטער; די האַנטווערקער
האָבן עס געוואָלט דורך די קרעדיט= און רוי=שטאָף=פאַריינען קריגן
די מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט דער גרויס=אינדוסטריע. און ווירק=
לעך—די גרויס=אינדוסטריע איז נאָך געווען ווייניק אַנטוויקלט אין
דייטשלאַנד, די גרויסע צאָל האַנטווערקער האָבן נאָך נישט באַוויזן
זיך צוצופּאַסן צו איר, ווי דאָס איז געווען שוין אין פראַנקרייך און
אין ענגלאַנד, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן נאָך געחלומט וועגן די מיט=
לען ווי זיך צו שיצן פון דער דאָזיקער מגפה; די אידעען פון דע=
ליטשן זיינען דעריבער געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן, און די פאַ=
ריינען האָבן טאַקע געבראַכט געוויסע נוצן די האַנטווערקער, כל זמן
די גרויס=אינדוסטריע האָט נאָך ניט געהאַט באַהערשט דעם אָדער יע=
נעם פּראָדוקציע=צווייג. אויף אַזאַ אופן זענען מיט פרייד אַנטשטאַ=
נען די קרעדיט= און רוישטאָף=פאַריינען, נעבן זיי קאָנסום=פאַריינען

פון קליינבירגער מיט אַרבעטער, און ערגעץ אין הינטערגרונט האָבן געפינקלט — ווי די פלומרשטע קרוין פון גאַנצן בנין — פראָדוציר־קאָאָפעראַציון פון אַרבעטער, וואָס האָבן געזאָלט זיין די פאַרקערפערטע באַפרייונג פון דער אַרבעט פונם קאַפיטאַל.

אין אָנהויב האָט שולצע־דעליטש, פונקט ווי די ענגלישע קריסטלעכע סאָציאַליסטן, לגמרי נישט פאַרבונדן מיט זיין אַגיטאַציע קיין שום ספעציפישע פּאָליטיש־פאַרטייִשע צילן; זיין גרונט־געדאַנק איז געווען, ווי בײַ יענע, נאָר פילאַנטראָפיע, אין פולן איינקלאַנג מיט זיין קלאַסן־אינסטינקט. צו יענער צייט האָט די פאָליטישע פאַרטיי, צו וועלכער ער האָט געהערט, די לינקע פון דער פריסישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן פאָליטישן לעבן. זי האָט זיך קודם געלאָזט באַזיגן פון דער קרוין מיט איר ליבע יונקערס, און דערנאָך, ווען די פרייסישע רעגירונג האָט איינגעפירט דאָס דריי־קלאַסיקע וואַל־סיסטעם, האָט זי אויף אַ צייט גאָר פאַרלאָזט דאָס שלאַכט־פעלד. זי האָט צונויפגעדריקט די פויסטן אין די קעשענעס און געוואַרט, די רעאַקציע זאָל זיך פון זיך אויסלעבן.

שולצע־דעליטש איז געווען אַ קליינבירגער פון קאָפ ביז די פיס, אָבער אַ קליינביגער מיט ליבעראַלע אנזיכטן, און מיט אויפריכטיקע כונות דערביי; ווען ער האָט זיך דערפילט געטראָפן פון דער רעאַקציע, האָט ער אויפגעכאַפט די אידעע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן אין דער לופט. „אסאציאציע" איז געווען דער לאָזונג פון סאָציאַליסטן אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן, אינם רעוואָלוציע־יאָר האָבן די אַרבעטער געגרינדעט אסאציאציעס, דער קאָנסערוואַטיווער שרייבער פ. א. הובער האָט געפרעדיקט וועגן דעם זעלבן, — פאַרוואָס־זשע זאָל דער קרייז־שופט שולצע אויך נישט זיין באגייסטערט פון דער דאָזיקער אידעע?

שפעטער וועט אונז נאָך אויסקומען ריידן באַריכותדיקער וועגן דער פראַגע; דאָ וועלן מיר נאָר ברענגען אַ פאָר ציטאַטן פון שולצעס אַן אָפהאַנדלונג פון 1858 יאָר, כדי צו ווייזן וואָס פאַרע האָפענונגען ער האָט פאַרבונדן מיט די זעלבסטהילף־פאַריינען בנוגע צו דער לאַגע פון די אַרבעטער:

„...וואָס אנבאלאנגט די אַרבעטער, וואָס וועלן בלייבן באַ זייער לוין־אַרבעט, וועט פאַר זיי אויך זייער נוצלעך זיין די קאָנקורענץ פון די פאַריין־קראָמען קעגן די אונטערנעמער. קאָן דען זיין, אַז דער נאָכפרעג אויף אַרבעטער, וואָס איז צוליב דעם פאַרשטאַרקט,

זאָל ניִשט וויִרקן גיִנסטיִק אויף די לוין־באַדיִנגונגען? וועלן דען די בעלי־בתים פון די גרויסע אונטערנעמונגען ניִשט זיין געצוווּנגען פאַרצולייגן זייערע אַרבעטער וואָס בעסערע באַדיִנגונגען, וויִבאַלד זיי וועלן מורא האָבן, אַז די אַרבעטער קאָנען אַוועק צו איינער פון די עקזיִסטיִרנדיִקע אסאציאציעס אָדער זיי קאָנען גאָר גריִנדן אַ נייע, בפרט ווען דערויף גייען באַטיִרלעך קודם כל די געשיִקטסטע און פעיִקסטע פון זיי?—געוויִס, נאָר אויף אַזאַ אופן, ווען די אַרבעטער גופא מאַכן קאָנקורענץ דעם אַרבעטגעבער, קאָן מען באַקומען אַ זיִכערן איינפלוס אויף דער גרויס פונם לוין און בכלל אויפן מצב פון די אַרבעטער; מיִר האָבן שוין פריִער געזען, ווי ווייניִק מען קאָן דערגרייכן דורכן צוואַנג פון געזעץ אָדער דורכדעם, וואָס מען וועט אַפעליִרן צו דער הומאַניִטעט...

„וויִבאַלד די אַרבעטער וועלן נאָר אויפשטעלן אַ געוויִסע צאָל אסאציִאיִרטע אונטערנעמונגען, און דער איִצטיִקער מאָנאָפאָל פון די גרויסע אונטערנעמער וועט זיין געבראָכן, מוז עס האָבן די פעולה, אַז די קאָלאָסאַלע רווחים פון די לעצטע וועלן פאַרקלענערט ווערן, ווייל ביִז איִצט האָבן זיי אַליין גענאָסן פון אַלע רווחים און איִצט וועלן זיי מוזן אַ טייל לאָזן לטובת די אַרבעטער. פון איין זייט וועט דער פאַרנעם פון עשירות ביִסלעכווייז אָנהויבן קלענער ווערן און איִן דער זעלבער מאָס וועט די נויט פון דער צווייטער זייט אָנהויבן פאַרשוויִנדן מער און מער, און מיִר וועלן זיִך אָנהויבן פאַמעלעך דערנענטערן צו אַ מצב פון אַלגעמיינעם וווּיל. דערמיִט ווערט געלייגט אַ גרענעץ סיי פאַרן מאַמאָניזם סיי פאַרן פאַופעריִזם, פאַר די ביידע אומגליִק־פראָדוקטן פון אונזער איִנדוסטריִע, וועלכע מיִר באַטראַכטן פאַר צוויי גלייכע פיינט פון אמתער קולטור...

„מיִר קומען תמיד וויִדער צום זעלבן: כל זמן די אַרבעטער וועלן זיִך ניִשט איינשטעלן אליין, מיִט אייגענע כוחות און אויף אייגענער אחריות, צו שאַפן אונטערנעמונגען, און וועלן ניִשט באַווייזן דורך פאַקטן, אַז זיי קאָנען פאַר אַ נויט זיִך באַגיין אויך אָן דער מיִט־היִלף פון די איִבעריִקע קלאַסן, ביִז דאַן וועלן די לעצטע ניִשט אַנטקעגנקומען די אַרבעטער איִן זייער זאַך, ווייל זיי האָבן אַ צו גרויסן איִנטערעס צו האַלטן די אַרבעטער איִן דער זעלבער אָפּהענגיִקייט, ווי ביִז אַהער. ערשט ווען אָט דער באַווייז וועט דורך דער קאָנקורענץ זיִך לאָזן גוט פיִלן, ווען די אַרבעטער וועלן אויפטרעטן

קעגן די אונטערנעמער אַליין אויך ווי אונטערנעמער,—ערשט דאַן
וועט מען אָנהויבן זיך רעכענען מיט זייער ווילן, דער ברייטער עולם
וועט אָנהויבן סימפּאַטיזירן מיט זיי, ובפרט די קאַפּיטאַליסטן וועלן
דעמאָלט ערשט אָנהויבן צו באַטראַכטן זיי פאר מענטשן, בעת וועו
ביז אהער קוקן זיי אויף זיי ווי אויף נישטן, וואָס האָבן קיין שום
באַטייט. אין עקאָנאָמישן לעבן הערשט אויסשליסלעך דער אייגן=
אינטערעס, און די סאַמע גערעכטע פאָדערונגען און שטרעבונגען
ווירקן נאָר דאַן, ווען זיי ווערן פון אינעווייניק אויף אַזוי פיל
שטאַרק, אַז זיי הויבן אָן זיך אויסצוגיסן אין לעבנס=קרעפטיקע
פאַקטן, וועלכע לאָזן זיך נישט אָפּשאַפן"[1])...

נישט געקוקט דערויף, האָט שולצע געמוזט אנערקענען, אויפן
ווירטשאַפטלעכן קאָנגרעס, זומער 1862, אַז קיין פּראָדוציר=קאָאָפּע=
ראַטיאָן זענען נאָך כמעט ווי אינגאַנצן נישט פאַראַן און געברויך=
פאַריינען זענען אויך פאַראַן נאָר געציילטע. דערפאַר אָבער האָבן
זיך גוט אָנגענומען די קרעדיט=און ליי=פאַריינען, וועלכע זענען באַ=
שטאַנען פון האַנטווערקער און קליינע הענדלערלעך און געבן זיי—
שוין אין אַ קלענערער צאָל—די רוישטאָף=קאָאָפּעראַטיוון.

מיר זענען אַביסל צו ווייט אַוועק אינם שילדערן דעם גאַנג
פון די געשעענישן פון 1848 ביזן אָנהויב פון לאַסאַלס אַגיטאַציע:
לאָמיר זיך אַ ביסל אומקערן צוריק.

שוין דער קרימער קריג האָט געגעבן דער אייראָפּעישער רע=
אַקציע אַ פילבאַרן קלאַפּ — ער האָט היפּש צעטרייסלט די „סאָלידאַ=
ריטעט פון די רעגירונגען", אויף וועלכער די רעאַקציע האָט זיך
צווישן אַנדערן געהאַלטן. די מחלוקת צווישן פּרייסן און עסטרייך
האָט זיך פון ס'ניי אַרויסגעוויזן אין דער פאַרשיידענער האַלטונג
פון ווינער און בערלינער קאַבינעטן צו רוסלאַנד; דער טויט וויטער
פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און דער אַלגעמיינער מצב פון דער צאַ=
רישער מלוכה צום סוף פון קריג האָט פּאַקטיש אָפּגענומען ביי די
רעאַקציאָנערע פּאַרטייען פון אייראָפּע זייער שטאַרקסטע פּאָזיציע.
רוסלאַנד איז אַזוי געווען פאַרטאָן אין אירע אינעווייניקסטע אָנגע=
לעגנהייטן, אַז אינטערעסירן זיך סתם „לשם פּרינציפּ" מיט דער
אָרדענונג אין וואָסער ס'ניט איז אַנדער לאַנד, האָט זי יאָרנלאַנג ניט

[1]) שולצע=דעליטש, די אַרבעטנדיקע קלאַסן און דאָס אַסאָציאַציע=וועזן אין דייטש=
לאַנד. לייפּציג 1858 ז. 58, 61 און 63 (דייטש).

געקאנט; פֿאַר דער אינערלעכער פּאָליטיק פון די שכנישע לענדער האָט רוסלאַנד אַלזאָ עקזיסטירט. דאָך איז אין אָנהויב די מחלוקת צווישן פּרייסן מיט עסטרייך ניט אַריבער די גרענעצן פון קליינלעכע קאַבינעט־אינטריגעס, און לגבי זייערע קינדער־לענדער זיינען ביידע רעגירונגען געווען אין זייער האַנדלונג געגוג „סאָלידאַריש“.

אַ צווייטן קלאַפּ האָט די רעאַקציע באַקומען דורך דעם אַלגע־מיינעם קריזיס, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין די יאָרן 1857 און 1858. אין יאָר 1850 האָט דער אַלגעמיינער גוטער מעמד געבראַכט אין גלייכגעוויכט די טראָנען, וועלכע האָבן זיך געשאָקלט; איצט פאַרקערט האָט דער האַנדלס־קריזיס פֿון 1857, וועלכער האָט לויט זיין פאַרנעם און אינטענסיווקייט איבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע קריזיסן, גורם געווען דערצו, אַז די פעסטע טראָנען האָבן זיך ווידער גענומען שאָקלען. אומעטום האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפרודערונג צווישן די פֿאָלקס־שיכטן, וועלכע האָבן געליטן פון קריזיס; אומעטום האָט די אָפּאָזיציע געשעפּט נייע קראַפט אין אָט דער אומצופרידנקייט פון די מאַסן: אומעטום האָט דער „שר פון רעוואָלוציע“ פון ס׳ניי אויפגע־הויבן דעם קאָפּ. גאָר ערנסט איז די לאַגע געוואָרן אין פראַנקרייך, דער טראָן האָט זיך בכלל געהאַלטן זייער ניט זיכער. נאַפּאָ־לעאָן דער דריטער האָט נאָכאַמאָל אַ פּרווו געטאָן זיך ראַטעווען דורך דראַקאָנישע מיטלען, אויסנוצנדיק אַלס אויסרייד דעם אַטענ־טאַט פון אָרסיני; ער האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען, אַז דאָס פאַרערגערט נאָך זיין לאַגע און האָט זיך אַ קער געטאָן צו אַנדערע מיטלען. ער האָט געמיינט צו שיצן זיין לעבן פאַרן געווער פון די קאַרבאַנאַריער און באַפעסטיקן זיין אינעווייניקסטע ממשלה דורך אַ פּאָפּולערן אויסערלעכן קריג. אָרסיניס אַטענטאַט איז געווען אַ התראה פאַרן אַמאָליקן מיטגליד פון דער קאַרבאַנאַריער־פאַרשווערונג, אַז אויב ער וועט ניט האַלטן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט זיי גע־געבן, וועט ער אַלע מאָל האָבן צו טאָן מיט נייע נקמה־נעמער. דער איטאַליענישער קריג איז אַלזאָ געווען אַ באַשלאָסענע זאַך. כמעט צו דערזעלבער צייט הויבט זיך אָן אין פּרייסן, מיט דער רעגענט־שאַפט פון ווילהעלם דעם ערשטן, די „נייע תקופה“. ווילהעלם טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק צו צעברעכן די עסטרייכישע העגע־מאָניע אין דייטשלאַנד, כאָטש ער זאָגט דאָס נאָך אָפן ניט אַרויס; ער באַמיט זיך דעריבער צו געווינען אויף זיין צד די ליבעראַלע

בורזשואַזיע, און באַשטימט אַ קאַבינעט, וואָס זאָל אין אירע אויגן גושא־חן זיין. צוערשט איז אַלץ געגאַנגען גוט. די ליבעראַלן זיינען געווען גערירט, וואָס זיי זיינען גערופן געוואָרן צו דער מאַכט אָן אַ שום אָנשטרענגונג פון זייער זייט, און האָבן מיט אַלע מעגלעכ־קייטן געזוכט צו אַפּשירן זייער לאָיאַליטעט. דער „נאַציאָנאַל־פאַריין" איז געגרינדעט געוואָרן מיט דעם פּראָגראַם: די איינינקונג פון דייטש־לאַנד, מיט פּרייסן בראָש. אויף פּרייסן זאָל האָבן אויסגעפאַלן די בכבודיקע ראָל צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע! ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט קומט ווידער אָן אַ פרייהייט־פרילינג און נאָך אַ פיל שענע־רער ווי אין 1848, ווייל ער וועט באַשטיין פון בלויז „רויזן", אָן „דערנער". באַ אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג ווייסט מען קיינמאָל נישט אויף זיכער, ווו די אויפרודערונג וועט זיך אָפּשטעלן און וואָס פאַרע קרעפטן זי קאָן פאַנאַנדערקניפּן אין איר גאַנג. איצט אָבער פאַרשפּאָרט מען אָנצוקומען צו די אומבאַקאַנטע מאַסן, אַלץ וועט זיך אָפּשפּילן גאָר פיין און ריין פאַרלאַמענטאַריש. און זאָלן אַפילו אויסברעכן געשעענישן—האָט דאָך שוין דער ביישפיל מיט די שולץ־דעליטשישע שפּאָר־און געבּרויך־פאַריינען, ליי־און רוישטאָף־גענאָסנ־שאַפטן אויסגעהיילט די אַרבעטער פון זייערע סאָציאַליסטישע אוטאָ־פּיעס. האָט זיי דען שולצע נישט באַוויזן, וואָס די זעלבסטהילף איז בכוח צו טאָן פאַר זיי, און אַז אַ חוץ ליבעראַלע „פרייהייטן" דאַרפן זיי מער גאָר נישט, אָבער טאַקע גאָר נישט?

ליינענט מען איצט די סאָציאַל־פּאָליטישע ליטעראַטור פונם דייטשן ליבעראַליזם פון יענער צייט, ווערט מען ממש איבערראַשט פון דער אומגעהייערער נאַיוויקייט, מיט וועלכער ער האָט באַנומען יעדע פראַגע, וואָס ליגט עפּעס ווייטער פון שמאָלן האָריזאָנט פונם אויפגעקלערטן קרעמערל. דער ליבעראַל איז געווען זייער געבילדעט, באַלעזן, ער האָט געקענט זייער פיל רעדן וועגן דער אַלט־גריכישער קאָנסטיטוציע און וועגן ענגלישן פאַרלאַמענטאַריזם, אָבער געבליבן איז ער באַ דעם, אַז אַ נאָרמאַל־מענטש איז נאָר דער אויפגעקלער־טער דייטשישער געווירצן־קרעמער אָדער שלאָסער־מייסטער—און אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט איינפּאַסן אין זייער קרעמל אַריין, טויג אויף כפּרות און מעג אונטערגיין. מיט אָט דער נאַיווער פאַרליבטקייט אין זיך האָט דער ליבעראַליזם געפירט די פּאָליטיק אין פּרייסישן

פּאַרלאַמענט, און איז געקומען צו אַ קאָנפליקט מיט דער מאַכט, איידער נאָך ער האָט זיך געפילט גענוג פעסט אין זאָטל, און אויף דעם זעלבן אופן האָט ער פון זיך אָפּגעשטויסן די ארבעטער, אַ סך פריער איידער דאָס איז נויטיק געווען צוליב ערנסטע אינטערעסן־היפּוכים. דער ליבעראַליזם האָט זייער פיל, מוראדיק פיל געלערנט געשיכטע, ער האָט זיך אָבער פון איר גאָרנישט אויסגעלערנט.

וועגן די סיבות און עצם פונם פרייסישן קאָנסטיטוציע־קאָנפליקט איז דאָ איבעריק צו רעדן — דער קאָנפליקט האָט אויסגעבראָכן — און דער ליבעראַליזם האָט זיך פלוצים אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ פאַרביטערטן קריג מיט דער זעלבער רעגירונג, וועלכע האָט עס געזאָלט רעאַליזירן די שיינע אויפגאַבע פון אויפשטעלן דייטשלאַנד און וועלכער ער אליין האָט פאַרשפּראָכן די העגעמאָניע אין דעם אויפגעשטעלטן דייטשלאַנד. פאָרלויפיק אָבער איז די לאַגע נאָך נישט געווען מסוכן. די ליבעראַלע פאַרטיי איז בינו לבינו געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געקאָנט אַ היפּשע צייט אויסהאַלטן דעם קאַמף. אַ דאַנק דער טעמפּער עקשנות פון איר געגנער, האָט זי געהאַט הינטער זיך דאָס גאַנצע פאָלק. די נאַציאָנאַלע שטרעבונג האָט ארומגעכאַפּט אַלע קלאַסן; אויסער אַ קליין הייפל מזרח־עלבישע פעאדאלן און צביעותדיקע פרומאַקעס, האָבן פאַקטיש אַלע אָנגעטרויט דער אָקאָרשט געבילדעטער פּראָגרעסיווער פאַרטיי צו פירן דעם שטרייט מיט דער פרייסישער רעגירונג. די דאָזיקע פאַרטיי איז באַגאַנגען גרויסע פעלערן, זי איז באַשטאַנען פון די פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן, איר פּראָגראַם איז געווען זייער ווייניק באַאַרבעט — אָבער דאָך דאַרף מען זאָגן, אַז אין יענעם מאָמענט האָט זי קעגן דער פון ס׳ניי חוצפּהדיק געוואָרענער קאָאַליציע פון יונקערטום און פּאָליציי־אבסאָלוטיזם געקעמפט פאַר אַ זאַך, וואָס איז געווען אין די אינטערעסן פון אַלע נישט־פעאדאלע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט: זי האָט געשיצט דאָס ביודזשעט־רעכט פון דער פאָלקס־פאַרטרעטונג.

אָבער אנערקענען, אַז אַ פּאָליטישע פאַרטיי האָט צייטווייליק אויסצופירן אַ געוויסע פּאָליטישע אויפגאָבע הייסט נאָך נישט אינגאַנצן זיך איבערגעבן דער דאָזיקער פאַרטיי, זיך אָפּזאָגן פון אייגענער זעלבסטשטענדיקייט. די אַנטוויקלטערע עלעמענטן צווישן דער דייטשער אַרבעטערשאַפט האָבן דאָס טאַקע געפילט, לאַנג זיך באַנו־

גענען מיט דער ראָל פון סטאַטיסטן, ווי די ליבעראַלע וואָרטפירער האָבן דאָס געוואָלט, האָבן זיי נישט געקאָנט; זיין אויף קעסט אין די דורך די ליבעראַלן געשטיצטע בילדונגס- און אַנדערע פאַריינען האָט זיי אויך ווייניק וואָס געשמעקט. די אַלטע קאָמוניסטישע און רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס זענען נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשווונדן; ס'זענען געווען אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך אַליין געווען מיטגלידער פון אַ קאָמוניסטישן פאַריין; אָדער זיי האָבן געהאַט חברים אַזעלכע, וועלכע האָבן זיי באַקאַנט געמאַכט מיט גרונט-יסודות פון קאָמוניזם און פלעגן זיי צו ברענגען די קאָמוניסטישע ליטעראַטור. צווישן די אַרבעטער—און אונטער זייער ווירקונג אַלץ אין ברייטערע קרייזן—האָט מען גענומען לופטערן די פראַגע, צי איז נישט צייט אויב נישט צו שאַפן אַן אייגענע פאַרטיי מיט אַ באַזונדער אַרבעטער-פראָגראַם — איז לפחות אַן אַרבעטער-פאַרבאַנד, וועלכער זאָל פאָרט זיין עפעס מער ווי בלויז אַ פיליע פון דער ליבעראַלער פאַרטיי.

ווען די פראָגרעסיסטן און נאַציאָנאַל-פאַריין-לייט וואָלטן כאָטש עפעס געווען געלערנט פון דער געשיכטע פון אַנדערע לענדער, וואָלטן זיי זייער לייכט געקאָנט זיך דערשלאָגן, אַז די דאָזיקע באַוועגונג זאָל זיך נישט שטעלן פיינטלעך צו זיי, כל זמן זיי אַליין געפינען זיך אין קאַמף מיט דער פרייסישער רעגירונג. זייער געדאַנקען-גאַנג איז אָבער געווען אַן אַנדערער: מיר פאַרטרעטן די פאָלקס-זאַך, מיר זיינען דאָס „פאָלק", און דערצו נאָך אַ „פאָלק פון דענקער", וואָס וועט זיך נישט לאָזן אויפן איינזייטיקן וועג פון אויסלאַנד, ד. ה. פון קלאַסן-קאַמף; זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ שטרעמונג, וועלכע מוז פריער אָדער שפעטער קומען צום וואָרט, און אַז זיי דאַרפן דעריבער ווי ס'איז מיט איר זיך פאַרשטענדיקן. זייער איינגעליבטקייט אין זיך איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן נישט תופס געווען, ווי קאָנען עס די אַרבעטער בלייבן אומבאַפרידיקט, ווען זיי האָבן דעם כבוד דורך זיי רעפרעזענטירט צו ווערן. און ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל פאַר זיי גרינגער מאַכן די תנאים פון אַריינטרעטן אין נאַציאָנאַל-פאַריין, האָבן זיי באַקומען די תשובה: „איר קאָנט זיך באַטראַכטן פאַר געבוירענע ערן-מיטגלידער פון פאַריין" —אַנדערש גערעדט, איר קאָנט בלייבן אין דער היים זיצן. די תשובה איז געווען

העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּאַרטיי-חברים פונם העלדישן שולצע: פאַר זיי האָט עקזיסטירט דער „בעל-הביתל", זייער אייגן אָפּבילד, זייער גאָט—עפּעס אַנדערש האָבן זיי נישט געקאָנט באַגרייפן.

אַזוי אַרום איז געקומען צו די באַקאַנטע דיסקוסיעס אין די לייפּציקער אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, און כאַלד דערנאָך איז געבילדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט אויף צונויפרופן אַ קאָנגרעס פון אַלע דייטשע אַרבעטער, און ס'זענען אָנגעקניפּט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען אויך מיט פערדינאַנד לאַסאַלן.

## II

## לאַסאַלס יוגנט, דער האַצפעלד-פּראָצעס, די רעדע אין געריכט, פראַנץ פאָן זיקינגען.

לאַסאַל איז אַלט געווען 37 יאָר, בעת דער לייפּציקער קאָמיטעט האָט זיך צו אים געווענדעט; דאָס איז געווען דער גלאַנץ-פעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ בראַוזנדיק שטיק לעבן, ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען סיי אין פּאָליטיק סיי אין דער וויסנשאַפט—דערווייל נאָר אין באַשטימטע קרייזן, אמת—ער איז געווען באַנט מיט אָנגעזעענע פאַרטרעטער פון ליטעראַטור און קונסט, ער האָט פאַרמאָגט היפּשע מאַטעריעלע מיטלען און זייער איינפלוסרייכע פריינט, אַזוי, אַז דער קאָמיטעט האָט, אויב זיך רעכענען מיט די אַלגעמיין-גילטנדיקע באַגריפן, גאָר נישט געקאָנט אים פאָרלייגן אַזעלכס, וואָס ער זאָל שוין נישט געווען האָבן דערגרייכט; דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פערזענלעכקייטן ביז דאַן גאָר אומבאַקאַנטע, און די באַוועגונג אַליין האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויספּיקן. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגענומען זייער איינלאַדונג מיט גרויס חשק און האָט זיך גלייך גענומען ריכטן די באַוועגונג אין גייסט פון זיינע אַנשויונגען און צילן. אַ חוץ אַלע אַנדערע טעמים, האָט אים טאַקע באַזונדער שטאַרק צוגעצויגן דאָס, וואָס די באַוועגונג האָט נאָך נישט קיין שום באַשטימטע פאָרמען, און ער האָט געהאַט פאַר זיך טייג, וואָס לאָזט זיך לייכט קנעטן. צוגעבן דער באַוועגונג אַ פאָרם, זי ריכטן און פירן אין זיין אייגענעם גייסט—דאָס איז געווען פונקט צוגעטראָפן פאַר זיינע וויט-גיי-

ענדיקע פלענער, דאָס איז בכלל געווען אַן אויפגאַבע, צוגעפּאַסט פאַר אַלע זיינע נאַטירלעכע נייגונגען און סימפּאַטיעס.

אין דעם בוך קלייבן מיר זיך נישט געבן אַ פולע ביאָגראַפיע פון לאַסאַלן, מוסיף זיין נאָך איינע צו די צאָלרייכע לעבנסבאַשרייבונגען פונם גרינדער פון אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער=פאַריין. מיר מוזן מותר זיין אויף אַ סך זאַכן, וואָס געהערן דער עיקר צו אַ ביאָגראַפיע. מיר ווילן שילדערן לאַסאַלס פערזענלעכקייט און זיין באַדייטונג דער עיקר אויף וויפיל דאָס איז פאַרבונדן מיט זיין פּאָליטיש=ליטעראַרישער און אַגיטאַטאָרישער טעטיקייט. אָבער דאָך קאָן מען נישט אויסמיידן כאָטש אַ קורצן איבערבליק איבער לאַסאַלס לעבנסגעשיכטע, ווייל אין איר גראָד ליגט טאַקע דער שליסל צו פאַרשטיין זיין גאַנצע פּאָליטישע אויפפירעכץ.

שוין די אָפּשטאַמונג אַליין האָט געהאַט אויף לאַסאַלס אַנטוויקלונג אַ גרויסע, מען קאָן זאָגן כמעט אַ פאַטאַלע ווירקונג. דאָ רעדן מיר נישט וועגן פשוט געירשנטע אייגנשאַפטן אָדער נטיות; מיר האָבן אין זין דעם באַדייטונגספולן פאַקט, וואָס לאַסאַלן האָט נאָך יונגערהייט זייער געפייניקט דער באַוווסטזיין, אַז ער קומט אַרויס פון יידן; באַ אַלע זיינע באַמיונגען, און אפשר אַ דאַנק די דאָזיקע באַמיונגען, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך אָט דעם אָפּשטאַמונגס=געפיל, באַזיגן אין זיך אַ געוויסע אינערלעכע נישט=פרייהייט.

מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז לאַסאַלס וויגעלע איז געשטאַנען אין מזרח=טייל פון דער פּרייסישער מאָנאַרכיע—ער איז געבוירן געוואָרן אין ברעסלוי דעם 11 אַפּריל 1825—וווּ די יידן זיינען נאָך פאַרן 1848=טן יאָר געווען פאָרמעל אינגאַנצן גלייכבאַרעכטיקט. די פאַרמעגלעכקייט פון זיינע עלטערן האָט לאַסאַלן פאַרשפּאָרט אַ סך פריקרע זאַכן, פון וועלכע די אָרעמערע יידן האָבן דעמאָלט געליטן; זי האָט אים אָבער נישט געקאָנט שיצן און אָפּהיטן פון די כלערליי קליינע באַליידיקונגען, וועלכע פאַלן אויס אויפן גורל פון די, וועלכע געהערן צו אַ „נידעריקערער" ראַסע; אין אַזוינע שטאָלצע נאַטורן, ווי לאַסאַל איז פון יוגנט אָן געווען, דערוועקן די דאָזיקע באַליידיקונגען לכתחילה אַ פאַרביטערטן פאַנאַטיזם פון ווידערשטאַנד, מיט דער צייט גייט אָבער דער פאַנאַטיזם אָפּט איבער אין זיין היפוך. ווי שטאַרק דער פאַנאַטיזם איז געווען אין

לאַסאַלן, קאָן מען זען פון זיין טאָג־בוך פאַר די יאָרן 1840 און 1841 (פאַרעפנטלעכט דורך פויל־לאַנדוי). דעם 1 פעברואַר 1840, קיין 15 יאָר נאָך נישט אַלט, שרייבט לאַסאַל אין זיין טאָג־בוך:

...„איך האָב דאָס אים געזאָגט, און אין דער אמתן, איך האַלט זיך פאַר איינעם פון די בעסטע יידן, וואָס ס'קאָן נאָר געבן, כאָטש איך היט נישט אָפּ די ריטואַל־דינים. איך וואָלט פּעיק געווען, ווי יענער ייד אין בולווערס „לאלא“, מיין לעבן איינצושטעלן, אבי אויסצולייזן די יידן פון זייער איצטיקן געדריקטן מצב. עס וואָלט מיך דער עשאַפאָט נישט אָפּגעשראָקן, איך זאָל זיי נאָר קאָנען צו־ריק מאַכן פאַר אַ געאַכטעטע פאָלק. אַך, ווען איך גיב זיך איבער מיי־נע קינדערשע טרוימען, איז מיין ליבסטער געדאַנק אַלע מאָל—זיך שטעלן אָן דער שפּיץ פון די יידן מיט וואפן אין דער האַנט און זיי ווידער זעלבשטענדיק צו מאַכן“.

בעת די רדיפות אויף יידן אין דמשק, אין מאַי 1840, רייסט זיך בא אים אַרויס דער אויסרוף: „אַ פאָלק, וואָס פאַרטראָגט אַזוינס, איז שרעקלעך, זאָל עס אָדער נקמה נעמען אָדער אָננעמען פאַר ליב אַזאַ באַהאַנדלונג“.

און באַקענענדיק זיך מיט אַ באַריכט איבער די געשעענישן אין דמשק, שרייבט ער, אַפּנים אונטער דער ווירקונג פון בערנע:

„די יידן פון דער שטאָט טראָגן איבער גרוילעכע זאַכן; נאָר פאַריער אויף דער ערד קאָנען פאַרטראָגן אַזוינס און נישט רעאַגירן; אַפילו די קריסטן באַוווּנדערן אונזער לעבלעך בלוט, פאַרוואָס מיר שטעלן זיך נישט אַנטקעגן, פאַרוואָס מיר שטאַרבן נישט ליבער אויפן שלאַכטפעלד, איידער אומצוקומען פאַרפייניקטע. זיינען דען די יידן, וואָס האָבן באַוויזן די שווייצער צו אַן אויפשטאַנד, געווען שווערערע?.. פאָלק פון פחדנים, דו ביסט נישט ווערט קיין בעסערן שיקזאַל“.

נאָך יידנשאַפטלעכער דריקט ער זיך אויס אין עטלעכע חדשים אַרום (30 יולי): „ווידער אַמאָל די אומגעלומפּערטע מעשיות, אַז די יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט. אין ראָדאָס און אין לעמבערג די זעלבע געשיכטע, וואָס אין דמשק. דאָס וואָס די דאָזיקע בלבולים לאָזן זיך הערן פון אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט זאָל זיין, שיינט מיר, אַן אָנזאָג דערויף, אַז ס'איז טאַקע באַלד צייט, מיר זאָלן נע־מען זיך העלפן דורך קריסטן־בלוט. טו צליין פאַר זיך און גאָט

וועט דיר העלפן. די קאָרטן זיינען אויפגעוואָרפן, זיי וואַרטן אויף די שפּילער״.

מיט דער צייט, מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג, ווערן די דאָזיקע קינדישע אידעען צערונען, אָבער די ווירקונג פון אָט די יוגנט־איינדריקן אויף די גייסטיקע נטיות ווערט נישט פאַרפאַלן. די דאָזיקע שמערצן האָבן ראשית געטריבן דעם יונג־רייפן לאַסאַלן דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק מקפּיד זיין אויף זיין אייגענעם כבוד, ער האָט געזוכט אָנערקענונג מיט אַלע מיטלען. און זייער גיך ווערט דער פּראָטעסט קעגן דער אונטערדריקונג פון יידן דורך קריסטן פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישן רעוואָלוציאָניזם. איינמאָל, ווען ער זעט שילערס פּיעסקאָ, מאַכט ער פאָלגנדיקע באַמערקונג, וואָס ווייזט אויף אומגעהייער שאַרפער זעלבסטקריטיק: „כאָטש איך האָב איצט רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע איבערצייגונגען, פונדעסטוועגן פיל איך, אַז איך וואָלט פּונקט אַזוי געהאַנדלט ווי דער גראַף לאַוואַני, איך וואָלט מיך נישט באַפרידיקט דערמיט, וואָס איך בין דער ערשטער בירגער פון גענוע, איך וואָלט בפירוש אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער קרוין. דערפון איז מיר קלאָר, ווען איך איבערלייג מיך, אַז איך בין פשוט אַן עגאָיסט. ווען איך וואָלט געבוירן געוואָרן אַ פּרינץ אָדער אַ פירשט, וואָלט איך מיט לייב און לעבן געווען אַריסטאָקראַט. אַזוי ווי איך בין אָבער נאָר אַן איינפאַך בירגער־קינד, וועל איך מסתמא זיין אַ דעמאָקראַט״.

זיין פּאָליטישער ראַדיקאַליזם איז אויך דער הויפּט־גורם, וואָס אין יאָר 1841, קוים זעכצן יאָר אַלט, בייט ער מיט אַמאָל זיין באַשלוס אָפּצוגעבן זיך מיט מסחר, און דערשלאָגט זיך ביים פאָטער, יענער זאָל אים ערלויבן זיך גרייטן צו אוניווערזיטעט־לימודים. די מיינונג, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אָנגענומען, אַז דער פאָטער האָט לאַסאַלן קעגן זיין ווילן אָפּגעשיקט קיין לייפּציג אין דער האַנדל־שול, איז דורכויס אַ פאַלשע: פון טאָג־בוך איז קלאָר, אַז לאַסאַל אַליין האָט געוואָלט איבערגיין פון גימנאַזיע אין קאָמערץ־שול. נישט חלילה ווייל ער האָט געשפּירט אַ באַזונדער ליבשאַפט צו מסחריי, נאָר פשוט כדי זיך אַרויסצודרייען פון אַן אומבאַקוועמער לאַגע, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרבאַהאַלטן פון זיין פאָטער די שלעכטע באַלן פון גימנאַזיום — אומפאַרדינטע לויט זיין מיינונג — און איז צוליב דעם באַגאַנגען אַ רייע

לייכטזיניקע יינגלשע מעשים. ווי נאָר אָבער ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז אין לייפּציגער קאָמערץ-שול גייט אים ניט בעסער, ווי אין ברעסלויער גימנאַזיום, ווען ער האט זיך צעקריגט כמעט מיט אַלע לערער און דער עיקר מיטן דירעקטאָר, און די קאָנפליקטן זענען געוואָרן אַלץ שאַרפער, וואָס מער לאַסאַל איז געוואָרן ראַדיקאַל, — אַזוי האָט ער גלייך אויפגעגעבן אויך די אידעע וועגן סוחרעריי. אין מאַי 1840 איז ער אַריין אין שול, און שוין דעם דריטן אויגוסט „האָפט" ער, אַז דער „צופאַל" וועט אים ווען ס'איז אַרויסרייסן פון קאַנטאָר און וועט אים ברענגען אויף אַ פּלאַץ, ווו ער וועט קאָנען עפנטלעך ווירקן. „איך פאַרלאָז מיך אויף דעם צופאַל און אויף מיין פעסטן ווילן זיך מער אָפּצוגעבן מיט מוזעס איידער מיט הויפּט־און קאָנטאָ־ביכער, מיט העלאַס און מיטן אָריענט מער ווי מיט אינדיגאָ און בוראַקעס, מיט טאַליעס און זייערע כּהנים מער, איידער מיט קרעמער און זייערע משרתים: איך וועל מיך מער קימערן וועגן פרייהייט איידער וועגן סחורה־פרייזן; איך וועל מער שעלטן די הינט־אַריסטאָקראַטן, וועלכע רויבן דאָס העכסטע, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, איידער די קאַנקורענטן, וועלכע דריקן אַראָפּ די מקחים". „אָבער ביים שעלטן אַליין זאָל דאָס נישט בלייבן", איז ער מוסיף דערביי. צום ראַדיקאַליזם זיינעם קומט צו אַלץ א שטאַרקערער דראַנג צו באַפרייען זיך פונם ייד אין זיך, און לסוף ווערט אָט דאָס געפיל אַזוי שטאַרק, אַז ווען (אין מאַי 1841) מעלדעט לאַסאַל דעם פאָטער וועגן זיין דורכויסיקן ווילן צו שטודירן, גיט ער גלייך צו, אַז ער מיינט נישט מעדיצין און נישט יוריספּרודענץ, ווייל הן דער מעדיקער, הן דער יוריסט זיינען אויך סוחרים, וועלכע טרייבן האַנדל מיט זייערע קענטעניש". ער אָבער וויל שטודירן, „כּדי צו קאָנען ווירקן". דער פאָטער, נאַטירלעך, איז געווען אומצופרידן, דאָך איז ער איינגעגאַנגען דערויף, לאַסאַל זאָל זיך גרייטן אין אוניווערזיטעט אַריין.

לאַסאַל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט אויסערגעוויינלעכן פלייס, אַזוי אַז אין 1842 האָט ער שוין געקאָנט אָפּגעבן זיין מאַטורע־עקזאַמען. לכתחלה לערנט ער פילאָלאָגיע, דערנאָך גייט ער איבער צו פילאָזאָפיע, און וואַרפט אָן אַ פּלאַן פון אַ גרעסערער פילאָלאָגיש־פילאָזאָפישער אַרבעט וועגן דעם פילאָזאָף העראַקליט פון עפעס. פאַר לאַסאַלן איז עס העכסט כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער

האָט זיך גראָד אָפּגעשטעלט, זוכנדיק אַן אָביעקט פֿאַר אויספֿאָרשונג אויף העראַקליִטן, ווען וועלכן די גרעסטע דענקער פון גריכנלאַנד פלעגן זאָגן, אז זיי זענען ניִשט זיכער צי זיי האָבן איִם ריִכטיק פאַרשטאַנען, און וועלכן מען האָט דערפֿאַר געגעבן דעם צונאָמען „טונקעלער". לאַסאַלן האָט גרייצט דאָס ,וואָס ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויף דעם געביִט קאָן מען לאָרבער-קרענץ פֿאַרדיִנען נאָר דורך עפּעס אַן אויסטערליִשן אויפֿטו; און אַ חוץ דעם האָט איִם הערעקליִט באַזונדערס איִנטערעסיִרט צוליִב דעם, וואָס העגעל אַליין האָט איִם אָנערקענט אַלס זיין פֿאָרגעגנגער. צוזאַמען מיִט דער נטיה צו איִבערראַשן מיִט אויסערגעוויינלעכע אויפטוען, האָט ער געהאַלטן, אַז פֿאַר וואָסער אַן אויפגאַבע ער זאָל זיך ניִשט נעמען וועט ער זי דורכזועצן. די דאָזיִקע גרענעצלאָזע איינגעגלויבטקייט איִן זיך איִז געוואָרן דער פּאַטוס פון זיין לעבן. זי האָט איִם געשטופּט אונטערצונעמען און פיִרן ביִז צום סוף זאַכן, פֿאַר וועלכע טויזנטער אַנדערע וואָלטן זיך אָפּגעשראָקן, ווען זיי וואָלטן אפילו פאַרמאָגט לאַסאַלס פעיִקייטן; די זעלבע איינגעגלויבקייט האָט איִם אָבער אויך געטריִבן צו באַגיין זייער באַדויערנווערטע פעלער—און איִז ענדלעך געווען די סיבה פון זיין טראַגיִשן סוף.

איִן 1845 יאָר, נאָכדעם ווי לאַסאַל האָט פאַרענדיִקט זיין שטודיום, איִז ער איִבערגעפאָרן קיין פאַריִז, כדי צו אַרבעטן איִן די דאָרטיִקע ביִבליאָטעקן, און דער עיקר כדי צו באַקענען זיך מיִט דער שטאָט, וועלכע איִז דאַן געווען דער צענטר פון גאַנצן גייסטיִקן לעבן. איִן פאַריִז האָבן דעמאָלט די כוואַליעס פון דער סאָציאַליִסטיִשער באַוועגונג אויך שטאַרק געשלאָגן, און דעריִבער האָט איִם נאָכמער געצויגן אַהיִן,—ער האָט זיך נאָך איִן יאָר 1843 זעלבסט באַשטימט אַלס סאָציאַליִסט. צי לאַסאַל איִז איִן פאַריִז געווען באַקאַנט מיִט די דייטשע סאָציאַליִסטן, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט צו יענער צייט—וועגן דעם זענען ניִשטאָ קיין זיִכערע ידיעות. קאַרל מאַרקס איִז גראָד איִן 1845 יאָר, נאָכדעם ווי די „דייטש-פראַנצויזיִשע יאָר-ביִכער" האָבן אויפגעהערט צו ערשיינען און דער „פֿאָרווערטס" איִז אָפּגעשטעלט געוואָרן, אַרויסגעשיִקט געוואָרן פון פאַריִז און איִז איִבערגעפאָרן קיין בריִסעל. מיִר ווייסן נאָר, אַז לאַסאַל איִז געווען אַן אָפטער איינגייער באַ היינריִך היינען, וועלכער האָט איִם זייער ליִב געקראָגן, און אַז ער האָט פאַר היינען זייער פיִל אויפגעטאָן איִן

זיינע נישט געראָטענע געלט־אָנגעלעגנהייטן (אַ ירושה־פּראָצעס). עס זענען באַקאַנט די בריוו, ווו דער קראַנקער דיכטער דריקט אויס זיין דאַנקבאַרקייט דעם צוואַנציק־יאָריקן לאַסאַלן און זיין אַנטציקונג פאַר אים. פון די בריוו זעט מען אגב, וואָס פאַר אַ שטאַרקן רושם לאַסאַלס זעלבסטבאַוווסטזיין האָט געמאַכט אויף היינען.

אין 1846, נאָכן אומקערן זיך קיין דייטשלאַנד, האָט לאַסאַל זיך באַקענט מיט דער גרעפין סאָפיע פאָן האַצפעלד. די לעצטע האָט אין משך פון אַ רייע יאָרן זיך געלאַדן מיט איר מאַן, איינעם פון די איינפלוסרייכסטע אַריסטאָקראַטן, וועלכער האָט איר פאַרשאַפט כלערליי צרות און שאַנד־יסורים; זי האָט פון אים געמאָנט אַ גט און דאָס פאַרמעגן אירס — אָבער אָן ערפאָלג. עס זענען פאַראַן זייער פיל השערות און סברות וועגן די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן לאַסאַלן צו נעמען זיך פירן דעם פּראָצעס פון דער גרעפין. אַנדערע ווילן דאָס דערקלערן מיט ליבע־באַציונגען צווישן לאַסאַלן און דער גרעפין, וועלכע איז שוין אמת נישט גאָר יונג געווען אָבער נאָך גענוג שיין; לאַסאַל אַליין אָבער האָט דאָס מיט גרויס היץ געלייקנט אין זיין רעדע בעתן קעסטל־פּראָצעס; ער האָט קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז דער איינציקער מאָטיוו, וואָס האָט אים אַריינגעצויגן אין דער זאַך, איז מיטלייד צו אַ פרוי, וואָס ווערט פאַרפאָלגט און איז פון אַלע אירע פריינט פאַרלאָזן, אַ קרבן פון איר שטאַנד, אַן אָביעקט פון ברוטאַלע רדיפות מצד אַ חוצפּהדיקן אַריסטאָקראַט. מיר האָבן אַבסאָלוט קיין גרונט נישט צו צווייפלען אינם אמת פון לאַסאַלס רייד. מיר קאָנען רויק אָן אַ זייט לאָזן די פראַגע, צי איז לאַסאַלס פריינטשאַפט צו דער גרעפין שפּעטער מיט יאָרן ניט איבערגעגאַנגען אין אינטימערע באַציונגען; ס'איז אָבער כמעט אומגלויבלעך, שוין פון ריין פּסיכאָלאָגישע טעמים, אַז גלייך אין אָנהויב פון זייער קענטשאַפט,ביים איבערנעמען דעם פּראָצעס, זאָלן שוין געווען זיין אַזעלכע באַציונגען צווישן זיי. אַ סך לייכטער איז זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ חוץ וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָננעמען זיך די קריוודע פון אַ פאַרפאָלגטער פרוי — אין לאַסאַלס מוח האָט זיך דער פאַקט, אַליין פאַר זיך אַ באַרעכטיקטער, אָפּגעשפּיגלט אַ ביסל גוזמאדיק־ראָמאַנטיש — און אַ חוץ זיין האַס צו די הויכגעשטעלטע אַריסטאָקראַטן — האָט אויף אים נאָך באַזונדערס געווירקט דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָ האָט ער צוטאָן מיט אַ פּראָצעס,

וואָס אום צו געווינען אין פאָדערן זיך גאָר אויסערגעוויינטלעכע מיט־לען און כּוחות. דוקא דאָס, וואָס אַנדערע וואָלט אָפּגעשראָקן, האָט אים באַזונדערס גערייצט.

דעם קאַמף האָט ער געווינען. ער האָט דערבראַכט דערצו, אַז דער גאוהדיקער אַריסטאָקראַט האָט געמוזט קאַפּיטולירן פאַר אים, דעם „טפשדיקן יידן־יונג". ער איז אָבער אַליין אויך ניט אָן ווונדן אַרויס פון דעם קאַמף. כּדי צו זיגן, האָט ער טאַקע געמוזט אָנווענדן אויסערגעוויינטלעכע מיטלען, און באַשטאַנען זיינען זיי ניט נאָר דע־רין, וואָס ער האָט אומגעהייער פאַרטיפט זיך אין כּלערליי רעכט־לעכע שטרייט־פראַגן, וואָס ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער געשיקטקייט און שאַרפקייט צונישט געמאַכט אַלע שפּיצלעך פון זיין געגנער; עס זיינען אויך געווען אויסערגעוויינטלעכע מיטלען פון הינטערקוליסן־קאַמף: שפּיאָנירן, אונטערקויפן, באַברען זיך אינם עקלהאַפטסטן שמוץ. דער גראַף האצפעלד, אַ געוויינטלעכער בעל־תאוהניק, האט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען ביים דער־גרייכן זיין ציל, און כּדי ביי צוקומען זיינע אויפטוען האָט דער צד שכּנגד אָנגעווענדט מיטלען, וועלכע זיינען אויך געווען ניט פיל זוי־בערער. ווער ס'האָט ניט געלייענט די פּראָטאָקאָל־באַריכטן פונם פּראָצעס, דער קאָן ניט האָבן קיין שום פאָרשטעלונג וועגן דעם, וויפיל שמוץ ס'איז אַלע מאָל אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויף דער ליכ־טיקער שיין, און וועגן דער קוואַליטעט פון די אָנקלאַגעס פוןביידע זייטן און פון זייערע עדות.

און אָט די אומריינע אַרבעט אינם האָצפעלד־פּראָצעס האָט גע־האַט אַ ווירקונג אויף לאַסאַלן, פון וועלכער ער האָט זיך שוין קיינ־מאָל נישט געקאָנט באַפרייען. מיר מיינען עס נאַטירלעך נישט אין באַלעבאַטישן זינען, ווי אַ רמז אויף זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען, נאָר ס'רעדט זיך וועגן זיין שטענדיקער גרייטקייט צו באַנוצן זיך אויפן אָרט מיט די מיטלען, וועלכע האָבן אים אויסגעוויזן נוצלעך פאַר זיין ציל; וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָרן דעם טאַקט־געפיל, וועלכער האַלט אָפּ אַ מענטשן מיט איבערצייגונגען פון יעדן שריט— אַפילו בעת דעם היציקסטן קאַמף—וואָס געפינט זיך אין אַ סתירה מיט זיינע גרונט־פּרינציפּן; וועגן דעם אויספעלן פון גוטן געשמאַק און מאָראַלישער עמפּינדלעכקייט, וואָס האָט זיך נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן אין זיין טעטיקייט, און דער עיקר אינם טראַגישן שלוס־

עפּיזאָד פון זיין לעבן. לאַסאַל האָט זיך געוואָרפן אויפן האַצפעלד=פּראָצעס מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ענטוזיאַזם—אין זיין קעסטל=רעדע גיט ער אַליין פאָלגנדיק בילד: „וועלכער שטאַרקער שווימער קאָן צוזען, ווי די כוואַליעס טראָגן אַ מענטשן, און ניט קומען אים צו הילף? פאַר אַ גוטן שווימער האַלט איך מיך, אומאָפּהענגיק בין איך געווען, האָב איך מיך געוואָרפן אין שטראָם”—געוויס, אָבער, לײַדער, איז דער שטראָם געווען אַ היפּש ביסל בלאָטיק, און לאַסאַל איז פון אים אַרויס אָפּגעטובלט אין דער מאָראַל פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער האָט געהאַט צו טאָן. זיינע איינגעבוירענע בעסערע אינסטינקטן האָבן זיך לאַנג געראַנגלט מיט אָט די גיפטיקע ווירקונגען און האָבן זיי נישט איינמאָל מנצח געווען, אָבער גאָר אים באַפרייען פון זיי האָבן זיי נישט געקאָנט. עס קאָן אפשר אויסזען צו שאַרף געזאָגט—מיר ווילן אָבער נאָך ווייטער זען, אַז דאָס איז דער ריכטיקער אמת. מיר שרייבן דאָ נישט קיין אַפּאָלאָגיע, נאָר אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג, און דער ערשטער תנאי דערביי איז צו דערקלערן די ווירקונגען און מעשים דורך זייערע אמתע סיבות *).

איידער מיר ווילן גיין ווייטער, מוז מען דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ראָלע, וואָס לאַסאַל האָט געשפּילט אין יאָר 1848.

בעת ס'האָט אויסגעבראָכן די מערץ=רעוואָלוציע, איז לאַסאַל אַזוי טיף געווען פאַרטאָן אינעם האַצפעלד=פּראָצעס, אַז אים אַליין האָט זיך געדאַכט, ער וועט מוזן בלייבן לגמרי אומטעטיק. אין אויגוסט 1848 איז פאָרגעקומען פונקט דער פּראָצעס וועגן זיין „שייכות צו דער קעסטל=גנבה”, און ער איז געווען פאַרנומען אַריבערן קאָפּ מיטן גרייטן און באַוואָפענען זיך צו דעם געריכט. ערשט ווען דאָס געריכט האָט אים נאָך אַ זיבנטאָגיקער פאַרהאַנדלונג פרייגעשפּראָכן, האָט ער באַקומען ווידער די מעגלעכקייט צו נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן פון יענער בראַוזנדיקער צייט.

לאַסאַל האָט דעמאָלט געלעבט אין דיסעלדאָרף, אין הייגעס

---

*) די געשעענישן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער פירונג און צום אויסגאַנג פונם פּראָצעס, זענען אָנגעוויזן אין איין טייל פון דער אָנקלאַגע אויף לאַסאַלן, מיט וועלכער ס'איז געקומען קיין לאָנדאָן צו קאַרל מאַרקסן און צו פרייליגראַטן אַ דעפּוטאַציע רייניש סאָציאַליסטן פון דיסעלדאָרף, ווו לאַסאַל האָט דעמאָלט געוווינט. די אָנקלאַגע האָט, ווי מאַרקס האָט געשריבן ענגעלסן, געמאַכט אויף אים מיט פרייליגראַטן אַ ג ט ש י ד נ ד י ק ן איינדרוק.

געבורטשטאָט, און אַלס רעפּובליקאַנער און סאָציאַליסט איז ער נאַטירלעך געווען אין די עקסט-לינקע רייען פון דער דעמאָקראַטיע. קאַרל מאַרקס האָט דאַן רעדאַקטירט דעם אָרגאַן פון די לינקע, די „נייע ריינישע צייטונג". מאַרקס איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער קרייז-פאַרוואַלטונג פון די ריינישע דעמאָקראַטן, וועלכע האָט זיך געפונען אין קעלן. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ דאָפּלטע געלעגנהייט פאַר נענטערע באַציִונגען צווישן לאַסאַל מיט מאַרקסן. לאַסאַל האָט פּערזענלעך און שריפטלעך פאַרקערט מיט דער דערמאָנטער פאַרוואַלטונג, ער פלעגט אָפט שיקן מיטטיילונגען און קאָרעספּאָנדענצן אין דער „נייער ריינישער צייטונג" און פלעגט צומאָל אַליין אויך באַזוכן די רעדאַקציע. אַזוי אַרום האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַ פריינטלעכע קענטשאַפט צווישן לאַסאַלן מיט מאַרקסן, און די קענטשאַפט האָט דערנאָך, ווען מאַרקס האָט שוין געלעבט אין לאָנדאָן, זיך אויך אויפגעהאַלטן דורך בריוו און דורך אַ צווייטמאָליקן פּערזענלעכן צוזאַמענטרעפן זיך. אין 1861, ווען מאַרקס האָט באַזוכט דייטשלאַנד, איז ער געווען אויך בײַ לאַסאַלן אין בערלין, און אין 1862 האָט לאַסאַל באַזוכט מאַרקסן אין לאָנדאָן. קיין טיפערע פריינטשאַפט-באַציִונגען זענען אָבער צווישן זיי קיינמאָל נישט געווען; שוין צו געגנזעצלעך זענען געווען זייערע ביידנס נאַטורן. שפּעטער וועט אונז אויסקומען צו אָנווייזן נאָך אויף אַנדערע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען, אַז זייערע באַציִונגען זאָלן זיך באַגרעניצן נאָר אויף שותּפישע קאַמף-אויפגאַבן.

בנוגע צו דער אָנקומענדיקער רעאַקציע פון 1848, האָט לאַסאַל פאַרנומען פונקט די זעלבע פּאָזיציע, וואָס די רעדאַקציע פון דער „נייער ריינישער צייטונג" און די פּאַרטיי, אויף וועלכער זי האָט זיך געשטיצט. בעת די פּרייסישע רעגירונג האָט אין נאָוועמבער 1848 געביטן דאָס זיץ-אָרט פון דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, פאַנאַנדערגעלאָזט די בירגער-מיליץ און ערקלערט באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין בערלין, און די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פון איר זייט האָט רעאַגירט דערמיט, וואָס זי האָט ערקלערט דאָס מיניסטעריום פאַר אָנגעקלאָגט און דערום נישט באַרעכטיקט צו מאָנען שטייערן ביים פאָלק, האָט לאַסאַל דעמאָלט אַגיטירט פאַר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דעם אויפמאָנען די שטייערן. צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון די ריינישע דעמאָקראַטן, איז ער אויך איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט

פֿאַר רופֿן ווידער צו שטעלן זיך קעגן דער קעניגלעכער מאַכט, און צוזאַמען מיט איר איז ער דורך די געשוואוירענע ריכטער פֿרייגעשפּראָכן געוואָרן; די רעאַקציע, וועלכע איז וואָס אַ טאָג אַלץ חוצפּהדיקער געוואָרן, האָט דערוועקט קעגן לאַסאַלן נאָך אַ ספּעציעלן פּראָצעס—פֿאַר זיין רופֿן דעם המון נישט צו פֿאָלגן די מלוכה־באַאַמטע,—כּדי אים צו ברענגען פֿאַרן פּאָליצײַ־געריכט. און טאַקע דאָס געריכט האָט לאַסאַלן פֿאַרמשפּט צו זעקס חדשים טורמע—די רעגירונג האָט אַ בּנים געוואוסט, אַז זי קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף אירע געדונגענע ריכטער.

לאַסאַלס ענטפֿער אויף דער דערמאָנטער אָנקלאַגע איז אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען „אסיזן־רעדע". אין דער אמתן אָבער איז די רעדע קיינמאָל נישט געהאַלטן געוואָרן, און אַלץ, וואָס ס'ווערט דערציילט אין די פֿאַרשיידענע פֿאַרעלטערטע ביאָגראַפֿיעס וועגן דעם טיפֿן רושם, וואָס די רעדע זאָל האָבן געמאַכט אויף די געשוואוירענע ריכטער און אויפֿן פּובליקום, איז לויטער לעגענדע. לאַסאַל האָט די רעדע אָפּגעגעבן אין דרוק נאָך פֿאַרן משפּט, און איינצלנע דרוקבויגן זענען גלייך פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן עולם—און אַלס שטראָף דערפֿאַר האָט דאָס געריכט באַשלאָסן צו פֿירן דעם משפּט באַ פֿאַרמאַכטע טירן. לאַסאַל האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט און האָט אָנגעוויזן, אַז די דרוק־בויגן זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן אָן זיין וויסן און אַז מסתמא איז דאָס די אַרבעט פֿון זיינע פֿיינט, וועלכע האָבן דורך שוחד אַרויסגעקראַגן דעם בויגן. דער פּראָטעסט האָט אָבער נישט געהאָלפֿן—און דאַן האָט לאַסאַל זיך גאָר אָפּגעזאָגט פֿון צו פֿאַרטיידיקן זיך. אָבער דאָך האָט אים דאָס געריכט פֿאָרט פֿרייגעשפּראָכן.

גאַנץ אָפּגעזען דערפֿון, צי לאַסאַל האָט די „אסיזן־רעדע" געהאַלטן אָדער נישט, האָבן מיר אין איר אַ זייער אינטערעסאַנטן דאָקומענט וועגן זיין פּאָליטישער אַנטוויקלונג. לאַסאַל פֿאַרטרעט אין דער רעדע כּמעט דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט, וועלכן קאַרל מאַרקס האָט מיט דריי חדשים פֿריִער אַנטוויקלט אין זיין רעדע פֿאַרן געריכט אין קעלן. ביים פֿאַרגלייכן די ביידע רעדעס שטעלט זיך דאָס זייער קלאָר אַרויס, אָבער גלייכצייטיק פֿילט זיך אויך די פֿאַרשיידנאַרטיקייט צווישן די ביידע רעדנער. מאַרקס באַנוצט זיך נישט מיט קיינע רעדנערישע עפֿעקטן, ער גייט גלייך צו צום ענין, און אין אַ

איינפאַכער צונויפגעפרעסטער שפּראַך, מיט שאַרפער אויסגעהאַלטענער
לאָגיק אַנטוויקלט ער זיין שטאַנדפּונקט און פאַרענדיקט מיט אַ כאַ-
ראַקטעריסטיק פון דער פּאָליטישער סיטואַציע, אָן שום פאָרוורפן
וועמען ס'נישט איז. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיין אייגענע פער-
זאָן וואָלט דאָ גאָר נישט געקומען אין באַטראַכט, ווי ער וואָלט
האָבן סתם אַ ציל — איבערצולייגען פאַר די ריכטער אַ פּאָליטישן פאָר-
טראַג. בײַ לאַסאַלן דאַגעגן איז טעטיק די רעדנער-קונסט כמעט פון
אָנהויב ביזן סוף, ער געברויכט אָן אַ שיעור בילדער — אָפּט זייער שיי-
נע — און ריין-רעדנערישע היפּערבאָלעס; ער רעדט מיט היץ, הן ווען
עס האַנדלט זיך וועגן זאַכן, הן — וועגן זיין אייגענער פּערזאָן; זיין
רעדן איז געווענדעט נישט צו די ריכטער, נאָר דער עיקר צו די
כאַרן, צו אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וועלכע ער זעט בעת מעשה אין
דמיון; ער איז מתרה, אַז די נקמה וועט זיין פּונקט אַזאַ „פּולע, ווי
די שאַנד, וועלכע מען טוט אָן דעם פאָלק" — און פאַרענדיקט מיט
דעקלאַמאַציע-ציטאַטן פון טעלן.

נאָך זייענדיק אין טורמע, האָט ער דורך זיין ענערגיע און עקשנות
געפועלט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, פון וועלכע אַנדערע אַרעסטירטע
האָבן קיינמאָל נישט געגאָסן. אַזוי, למשל, האָט מען אים עטלעכע
מאָל געגעבן „אורלויב" אַרויסצוטרעטן אין געריכט וועגן דעם ענין
האַצפעלד, און ער אַליין האָט שפּעטער מודה געווען, אַז דאָס איז
געווען נישט על פּי דין — און אַ רייע יאָרן נאָך דער טורמע האָט
לאַסאַלס ענערגיע פאַרשלונגען כמעט אויסשליסלעך די מעשה-האַצ-
פעלד. דערביי פלעגן לאַסאַלן עפּטערס באַזוכן זיינע פּאָליטישע פריינט,
און אַ לענגערע צייט האָט ער גרופּירט אַרום זיך אַ קרייז פון מער
אַנטוויקלטע אַרבעטער, פאַר וועלכע ער האָט געהאַלטן פּאָליטישע
פאָרטראַגן. ענדלעך האָט זיך אין יאָר 1854 דער האַצפעלד-פּראָצעס
פאַרענדיקט מיט אַ שלום-אויסגלייך. די גרעפין האָט באַקומען אויס-
געצאָלט אַ גאַנץ היפּשן פאַרמעגן, לאַסאַלן איז געזיכערט געוואָרן אַ
יערלעכע רענטע פון זיבן טויזנט טאַלער, און ער האָט פון אַ צײַט
אָן געקאָנט איינאָרדענען זיין לעבנשטייגער, ווי אים האָט זיך געגלוסט.

לכתחילה איז לאַסאַל געבליבן ווינען אין פּראָווינץ, אין דיסל-
דאָרף, און האָט זיך ווידער גענומען אַרבעטן איבער זיין „העראַק-
ליט". דערביי האָט ער אַלעמאָל אונטערגענומען נסיעות, צווישן זיי
אויך אַ נסיעה אויפן מזרח. לאַנג אָבער האָבן אָט די רייזעס נישט

געקאָנט צופרידנשטעלן לאַסאַלן. ער האָט זיך פאָרט געלאַנגווײליקט אין דער פּראָווינץ־שטאָט, ווו ס'איז נישט געווען קיין שום סימן פון פּאָליטישן לעבן. ער האָט געדורשט נאָך אַ פרייערן, טומלדיקערן לעבן, ווי עס איז מעגלעך געווען אין דער ריינישער פּראָווינץ־שטאָט, נאָך אַ סביבה פון מער באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן, נאָך אַ גרעסערן ווירקונגס־קרייז. אין 1857 האָט זיך אים לסוף איינגעגעבן, דורך דער אינטערווענץ פון אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט באַם פּרינץ פון פּרייסן, צו באַקומען אַן ערלויבניש פון דער בערלינער פּאָליציי צו באַזעצן זיך אין בערלין.

אויף דער דאזיקער אינטערווענץ ווי אויף דער ערלויבניש גופא לוינט זיך אפצושטעלן. אין מאַי 1849 האט לאַסאַל אין פלאַמיקע ווערטער געשטעמפלט די „שענדלעכע און אומדערטרעגלעכע געוואַלט־הערשאַפט", וועלכע „האט זיך איינגעשטעלט אין פּרייסן"; דעמאלט האט ער אויסגערופן: „פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיל ברוטאַליטעט נאָך אַזוי פיל צביעות? דאס איז דאס פּרייסישע — לאמיר זשע דאס קיינמאל נישט פאַרגעסן... לאמיר היטן די דאזיקע זכרונות, זארגזאַם היטן, ווי די ביינער פון דערמארדעטע עלטערן, פון וועלכע די איינציקע ירושה איז די נקמה־שבועה" (אסיזנרעדע). ווי זשע קומט עס, ער זאל זיך ווענדן מיט אַזאַ בקשה צו דער רעגירונג, וועלכע ער איז אַזוי באַפאַלן, זיך לאזן דינען פון איר „גוטן ווילן"? האט ער דאך צומאל געקאנט זיין זייער שטרענג אין פאליטישע פראַגן — אַזוי האט ער אין 1860 אין אַ בריוו צו מאַרקסן שאַרף זיך אַרויסגעזאגט קעגן ווילהעלם ליבקנעכט, דערפאַר וואס ער האט מיטגעאַרבעט אין דער קאנסערוואַטיווער „אויגסבורגער אַלגעמיינע צייטונג". נאר די מעשה איז, וואס דא האט ער זיך גערעכנט מיט די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, צוליב וועלכע ער האט געמוזט האבן בערלין; צו דעם, וואס דער ענין האט געמוזט אננעמען די פארם פון אַ בקשה, האט ער זיך באַצויגן ווי צו אַ ריינער פאָרמאַליטעט, וועלכע קאָן נישט שאדן זיין בולט אויסגעשפּראכענער פאליטישער פיזיאנאמיע. ווארים טאקע נאך אין 1855 האט ער זיך געווענדעט נאך דער ערלויבניש צום בערלינער פאליציי־שעף הינקלדיי, דערנאך אין 1856 דירעקט צום דעמאלטיקן פּרינץ־רעגענט (פארגלייך וועגן דעם „דאקומענטן פון סאציאליזם" פון 1903 זייט 130 און 407). די דאזיקע שריט זיינען זענען כלל נישט געווען קיין סוד אויך פאר קארל מארקסן.

אחוץ דעם איז זייער מעגלעך, אז לאסאל האט שוין געוווסט, אדאנק די גרויסע פארבינדונגען פון דער גרעפין האצפעלד, אז אין די העכערע ספערן פון פרייסן הויבט שוין אן צו בלאזן א נייער ווינט. ווי ווייט די דאזיקע פארבינדונגען זענען געגאנגען, קאן מען זען פון דער אינפארמאציע, וועלכע לאסאל האט אין 1854, ביים סאמע אנהויב פון קרימער קריג, געקאנט איבערשיקן מארקסן קיין לאנדאן. דעם 10 פעברואר 1854 גיט ער אים איבער דעם בוכשטעב-לעכן אינהאלט פון א דערקלערונג, וואס דער בערלינער קאבינעט האט מיט א פאר טאג צוריק אפגעשיקט קיין פאריז און לאנדאן. ער שילדערט אים די לאגע אין בערלינער קאבינעט — אז דער קעניג און אלע מיניסטארן האלטן מיט רוסלאנד און נאר מאנטייפל און דער פרייסישער פרינץ האלטן מיט ענגלאנד — און טיילט אים מיט א רייע באשלוסן פון קאבינעט, צוגעבנדיק: „די אלע געבראכטע ידיעות קאנסטו באטראכטן, גלייך ווי דו וואלסט זיי אליין הערן פון מאנ-טייפלס און אבערדעענס מויל!". אין פיר וואכן שיקט ער ווי-דער איבער מארקסן א רייע ידיעות וועגן געפלאנטע שריט פון קא-בינעט, באמערקנדיק, אז די ידיעות שטאמען אמת „נישט פון מיין „אפיציעלן" קוואל, אבער דאך פון א גאנץ באגלויבטן מקור". דעם 20 מאי 1854 באקלאגט ער זיך, וואס זיין „דיפלאמאטישער קוואל" איז אפגעפארן אויף א לענגערע צייט. „האבן אזא אויסגעצייכנטן מקור צו זיין קאבינעטמעסיק אינפארמירט, און אים מיט אמאל אנ-ווערן אויף אזא לאנגע צייט – איז א שטארקער פארדרוס". אבער ער האט פארמאגט נאך זייטיקע קוועלן, וועלכע האבן אים אינפאר-מירט וועגן דעם, וואס עס טוט זיך אינעווייניק, אין קאבינעט.

אייניקע פון אט די קוועלן זענען געווען זייער נאנט צום בערלינער הויף, און זייערע ידיעות האבן עס אפשר געווירקט אויף לאסאלן אין דעם דערמאנטן ענין. די גייסטיקע צעמישונג פון פריד-ריך ווילהעלם דעם פירטן איז אין 1857 שוין געווען זייער שטארק, און כאטש די געטרייע מיניסטארן און די שומרים פון דער מאנאר-כישער אידעע האבן נאך נישט געוואגט צו ריידן אפן וועגן דער אומפעיקייט פון קעניג צו רעגירן, אבער אין אלע אינפארמירטע קרייזן האט מען שוין געוווסט, אז דער פרייסישער פרינץ נעמט איבער די ממשלה, אז ס'איז בלויז א פראגע פון קורצע חדשים.

אין בערלין האט לאסאל קודם כל פארענדיקט זיין בוך איבער

הערַאקליטן, וועלכער איז ערשינען אין 1857, אין פאַרלאַג פון פראַנץ דונקער.

וועגן אָט דעם בוך, וואָס איז אייגנטלעך מער אַ פילאָלאָגיש איידער אַ פילאָזאָפיש ווערק, זאָגן פאַכקענער אַרויס פאַרשיידענע מיינונגען. איינע געפינען, אַז דאָס איז אַן עפּאָכע-מאַכנדיק ווערק, די אַנדערע פאַרזיכערן, אַז אין תוך גענומען איז אין בוך גאָר נישט פאַראַן אַזוינס, וואָס העגל זאָל נישט האָבן שוין פריער געזאָגט. ריכטיק איז, אַז לאַסאַל שטייט אין דעם ווערק כמעט דורכויס אויפן אַלט-העגלשן שטאַנדפּונקט — די זאַכן ווערן אַרויסגעוויקלט פון די באַגריפן, די קאַטעגאָריעס פון מענטשלעכן שכל ווערן באַטראַכט ווי אייביקע מעטאַפיזישע געגנשטאַנדן, און זייער באַוועגונג בילדעט עס דעם אינהאַלט פון דער געשיכטע. אָבער אפילו די, וועלכע באַשטרייטן, אַז די אַרבעט זאָל זיין אַ נייע עפּאָכע אין דער וויסנשאַפט, זענען אויך מודה, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט זייער אַ באַדייטנדיקן בוך. דאָס ווערק האָט טאַקע געשאַפן לאַסאַלן אַן אָנגעזעענעם נאָמען אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון לאַסאַלן און פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט זיין ווערק וועגן הערַאקליטן אַ באַדייטונג נאָך אין אַן אַנדער פּרט, אַ חוץ וואָס מיר דערקענען דערפון אים מחבר אַן אַנטשיידענעם אָנהענגער פון העגעלן. מען קאָן מסכים זיין מיט בראַנדעסן, ווען ער ווייזט אָן (אין זיין אָפּהאַנדלונג*) באַגייט ער זיך גאַנץ פריי מיט פאַקטן לטובת דער בעלעטריסטישער אויסשטאַטונג), אַז פיל שטעלן אין דער אַרבעט קאָנען דינען פאַר אַ שליסל ריכטיק צו פאַרשטיין לאַסאַלס אָנשויונגען בכלל. עס איז אַזוי, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט לאַסאַלס גרויסן קולט פאַר דער אידעע פון שטאַט — אין דעם פּרט איז לאַסאַל אויך געווען אַן אַלט-העגעליאַנער — און מיט זיינע באַגריפן וועגן ערע און רום. וועגן דעם ערשטן לייענען מיר בײַ בראַנדעסן:

„הערַאקליטס עטיק, זאָגט לאַסאַל, באַשטייט אין דעם אייגענעם געדאַנק, וועלכער איז אַגב אויך דער אייביקער גרונט-באַגריף פון זיטלעכן: זיך מקריב זיין פאַרן כלל. דאָס איז אי גריכיש, אי מאָדערן; לאַסאַל קאָן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן צו דערווייזן אין זיין ספּעציעלער באַשרייבונג פון דעם געדאַנק בײַ די גריכן, ווי ווייט ער געפינט זיך אין פולן איינקלאַנג מיט דער העגעלשער מלוכה-פילאָזאָפיע. „אַזוי ווי בײַ העגעלן ווערן די „געזעצן“ גלייך אויפגעפאַסט ווי די רעאַליזירונג פונם אַלגעמיינעם סובסטאַנציאָנעלן ווילן, און דערבײַ נעמט

*) ג. בראַנדעס: פערדינאַנד לאַסאַל. ליטערארישעס כאַראַקטער-בילד. בערלין 1877 (דייטש).

ער להלוטין נישט אין אַכט דעם פּאָרמעלן ווילן פון די סוביעקטן און נישט זייער צאָל, אַזוי איז אויך דאָס „אַלגעמיינע" בײַ העראַקליטן זייער ווייט פון דער קאַטעגאָריע פון עמפּירישן „אַלץ" (פאַרגלייך ד. ז. זייט 40).

בראַנדעס איז נישט גאָר אומגערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז צווישן דער דאָזיקער מלוכה-אידעע, וועלכע חזרט זיך וויפיל מאָל איבער בײַ לאַסאַלן, און צווישן זיין אויפטרעטן אַלס אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע און פון אַלגעמיינעם שטימרעכט — און דאָס איז דאָך די הערשאַפט פון „פאָרמעלן ווילן פון די סוביעקטן" — איז פאַראַן אַ סתירה, וועלכע מען קאָן נישט „אומבאַשטראָפט האָבן אויפן געמיט"; דאָסזעלבע, ווען ער פאַרגלייכט מיט דער סתירה אין וועלט פון פּרינציפּן אַ צווייטן אויסער־לעבן קאָנטראַסט, וואָס לאַסאַל „מיט זיין אויסערסט עלעגאַנטער קליי־דונג, פיינער וועש און לאַקירטע קאַמאַשן האָט געפירט זיין אַרבעט צווישן פאַבריק-אַרבעטער מיט אָפּגעברענטער הויט און מיט געשוואָלענע הענט".

דאָס איז, נאַטירלעך, בעלעטריסטיש אַביסל. אין דער אמתן האָט די אַלט=העגעליאַנישע מלוכה-אידעען נישט געשטערט לאַסאַלן שפּעטער צו פירן דעם קאַמף קעגן ליבעראַליזם אין דער שאַרפסטער פאָרם.

איבער לאַסאַלס באַגריפן וועגן ערע און רום שרייבט בראַנ־דעס אַזוי:

„נאָך אין איין פּרט איז לאַסאַל ענלעך צו העראַליקטן — אין זיין ליידנשאַפטלעכן דראַנג נאָך ערע און רום, צו זיין געלויבט און באַוווּנדערט פון אַנדערע, בײַ זיין גאַנצן שטאָלץ און זעלבסווירדע־געפיל. ס'איז באַקאַנט העראַקליטס מימרא: „גרעסערע שיקזאַלן דער־גרייכן אַ גרעסערן גורל". און די מימרא ווערט ערשט גוט פאַר־שטאַנען פון א צווייטער שטעל בײַ העראַקליטן, ווו ער זאָגט: „דער המון און די וואס האַלטן זיך פאַר חכמים גייען נאָך נאָך די פעל־קער-מנהגים און ריכטן זיך לויט געזעצן, נישט ווייסנדיק, אז דער רוב איז שלעכט, אַ מיעוט נאָר איז גוט און די בעסטע ווערן גע־פירט דורכן ווילן צום רום". „ווייל, — גיט ער צו, — די בעסטע קלויבן אויס איינס אָנשטאָט אַלץ, — דעם שטענדיק = דויערנ־דיקן שבח פון די שטערבלעכע". פאַר העראַקליטן איז רום גע־ווען אָט דאס גרעסערע געווינס, צו וואס עס קאָן דערגרייכן א הע־כערער שיקזאל. זיין בענקען נאָך כבוד איז נישט בלויז געווען אַן אוממיטלבאַר געפיל, וואס ליגט אין בלוט, נאר אַ זאך, וועלכע ער האט פילאזאפיש באגרינדעט. און בײַ לאסאלן ווידער לייענען מיר:

„רום איז פאקטיש דער היפוך פון „אַלץ“, דער היפוך פונם אוממיטל־בארן רעאלן זיין מיט זיינע איינצלנע צוועקן. רום איז דעם מענטשנס „זיין“ און זיין „נישט זיין“, דער המשך זיינער שוין נאכדעם, ווי זיין חושים־עקזיסטענץ הערט אויף. רום איז דעריבער די דער־גרייכטע און פארווירקלעכטע אומשטערבלעכקייט פונם מענטשן“. און באַגייסטערט איז ער מוסיף דערביי: „אָט דערין ליגט דער גרונט, פאַרוואָס רום האט אלע מאל אזוי שטארק געפאנגען די גרויסע נשמות און האט זיי געשטעלט העכער פון אַלע קליינע און באַשרענקטע צילן, פארוואס פלאטאָן זינגט וועגן רום, אז ער קומט אן ערשט „אין איין צייט מיטן מלאך פון טויט“, און דערפאר האט אויך העראקליט דערבליקט אין רום די עטישע רעאליזירונג פון זיין ספעקולאַטיוון פרינציפ“.

לאסאל איז אבער נישט די נאטור, וואס זאל זיך באנוגענען מיט דעם פרסום, וועלכער קומט ערשט אן צוזאמען מיטן האַר פון טויט. להיפוך צו העראקליטן, וועלכער האט זיך באצויגן מיט פאַראכטונג צום המון, האט לאסאל פאַרקערט תמיד געזוכט געפעלן צו ווערן דעם המון, און האט צומאל גענומען ערנסט זיין בייפאַל אפילו דאן, ווען אין דער אמתן איז ער געווען נישט מער ווי אַ פארם פון העפלעכקייט. לאסאלס אויסגעשפראכענע ליבע צו פאטאס ווייזט געוויס, אז אין אים האט געלעבט אַ נטיה צו טעאטראלישקייט. דאָך מוז מען אנערקענען, אבער מען קאן אים נישט באשולדיקן, אַז ער האט אט די „אומגליקלעכע שוואכקייט זיינע צו טומלעריי און פויקן־גערויש“, ווי בראנדעס רופט עס אן, קיינמאָל נישט פאַרלייקנט. אין זיינע שריפטן און אין זיינע בריוו קומט די שוואַכקייט אזוי אפן און אַזוי נאַיוו צום אויסדרוק, אַז מען איז גרייט פיל מוחל צו זיין זייער מחבר. בעת מען לייענט באַ העלענע פאן ראקאוויץ, אַז לאסאל האט איר אין בערן געמאָלט, ווי ער וועט אַמאל אלס פאלקס־געוועלטער פרעזידענט פון דער רעפובליק ארייַנפארן אין בערלין מיט „אַ שפאַן פון זעקס ווייסע פערד“, האט מען דעם איינדרוק, אַז אָדער די שרייבערין איז מגזם, אָדער לאסאל האט דורך די רייצ־דיקע בילדער געהאפט זיכערער צו געווינען דאָס האַרץ פון זיין אויסדערוויילטער. לייענט מען אָבער דעם „האַרץ־וידוי“ צו סאפיע סאנצעווע, זעט מען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט סתם מיט אַ טרוימערישער פאַנטאַזיע פון אַ פאַרליבטן, נאָר אַז אָט דאָס צוקונפט־

בילד האָט ממש פֿאַרשיכּורט לאַסאַלן און האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקן איינפֿלוס. ער רעדט וועגן זיך — אין יאָר 1860 — ווי וועגן אַ „ראש פֿון אַ פּאַרטיי”, בנוגע צו וועלכן „כּמעט די גאַנצע געזעלשאַפֿט” האָט זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות: איינע פֿון זיי — דאָס פֿאָלק און אַ טייל בורזשואַזיע — „אַכטעט און ליבט אים, אפֿט ביז פֿאַרגעטערונג”, „האַלט אים פֿאַר אַ גרויסן גאון, פֿאַר אַ מאַן פֿון כּמעט אַן איבערמענטשלעכן כּאַראַקטער, און וואַרט אויף גרויסע מעשׂים פֿון אים”; די צווייטע מחנה —— די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע און דער גרעסטער טייל בורזשואַזיע — האָט פֿאַר אים מורא „מער ווי פֿאַר וואָס ס'נישט איז”, און האַסט אים דעריבער „אומבאַשרייבלעך”. אויב די פֿרויען־וועלט פֿון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפֿט וועט נישט מוחל זיין סאָפֿיע פֿאָן סאנצעווע, וואָס זי האט חתונה מיט אַזאַ מענטשן, וועלן פֿון דער אַנדער זייט נישט ווייניקער פֿרויען איר נישט מוחל זיין, וואָס אַזאַ מענטש האט חתונה מיט איר, זיי וועלן איר „מקנא זיין אויף איר גליק, וואס איז העכער פֿון אירע פֿאַרדינסטן”. און „איך וויל פֿון אייך נישט פֿארבאָרגן, עס קאן זיך גרייִלעך מאַכן, אַז ביים אנקומען פֿון געוויסע געשעענישן, זאל אַ כוואַליע פֿון באַוועגונג, גערויש און גלאַנץ פֿאַרפֿלייצן אייער לעבן, ווען איר וועט זיין מיין ווייב”.

די אַלע אויסדריקן זעען אויס שטאַרק גוזמאדיק, זיי האָבן לחלוטין נישט געשטימט מיט יענער צייט, ווען פֿון קיין סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז נאָך קיין רייד נישט געווען אפֿילו, ווען לאַסאַל אַליין האָט נאָך זייער גוט געלעבט מיט די בירגערלעכע ליבעראַלן און דעמאָקראַטן און האָט ערשט געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשור, וואָס איר אינהאַלט האָט כּמעט ווי נושׂא חן געווען אין די רעגירונגס־קרייזן — און דאָך שטעקט אין זיי אַ גרויסער סוביעקטיווער אמת, אין וועלכן לאַסאַל אַליין האָט שטאַרק געגלויבט. לאַסאַל האָט געגלויבט אין דער פּאַרטיי, ווו ער איז דער קאָפּ, כאָטש די פּאַרטיי איז דערווייל באַשטאַנען נאָר פֿון אים איינעם און האָט געפֿירט איר עקזיסטענץ בלויז ביי אים אין מחשבה. די פּאַרטיי — דאָס איז ער, מיט זיינע שטרעבונגען און פּלענער. יעדעס וואָרט פֿון אָנערקענונג מצד זיינע פֿריינט איז פֿאַר אים אַ באַשטעטיקונג פֿון זיין מיסיע, אַזוי ווייט, אַז נישט זעלטן נעמט ער אָן איינפֿאַכע חניפֿה פֿאַר אויפֿריכטיקן מיטגעפֿיל. עס איז ווירקלעך צו באַווו=

דערן, וואָסערע סתירות עס זענען פֿאַרבאָרגן אין דער מענטשלעכער נאַטור. לאַסאַל אַליין איז געווען, ווי אַלע זיינע נאָנטע באַקאַנטע דערציילן און ווי מען זעט פֿון זיינע בריוו, אַ גרויסער ותּרן אויף קאָמפּלימענטן, און ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָס זענען בלויז פֿליטערלעך — און דאָך ווען די זעלבע קאָמפּלימענטן האָבן זיך באַצויגן אויף אים, האָט ער זיי אָפּט צוגענומען פֿאַר עכט־גאָלד.

באַ לאַסאַלן אין דער מחשבה איז זיין פּאַרטיי אַזוי צונויפֿגעוואַקסן מיט זיין אייגענעם איך, אַז שפּעטער, ווען ער איז שוין טאַקע געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון אַ פּאַרטיי, אין דער שפּיץ פֿון אַ פּאַרטיי, וואָס האַלט אין שאַפֿן זיך, — האָט ער אויך נישט געקאָנט אַנדערש זי באַטראַכטן, ווי נאָר פֿון שטאַנדפּונקט פֿון זיין פּערזאָן, און אַזוי האָט ער זי באַהאַנדלט. זאָל מען מיך נאָר נישט שלעכט פֿאַרשטיין. ס'וואָלט געווען אַן אַבסורד צו זאָגן, אַז לאַסאַל האָט געשאַפֿן דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פֿאַריין נאָר כּדי צו באַפֿרידיקן זיין פּערזענלעכע אייגנליבע, אַז דער סאָציאַליזם איז פֿאַר אים געווען נאָר אַ מיטל און נישט קיין צוועק. לאַסאַל איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט, דאָס איז אויסער יעדן ספק. אָבער ער וואָלט נישט געווען אימשטאַנד מקריב צו זיין פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיין פּערזענלעכקייט — איך זאָג בכיון זיין פּערזענלעכקייט און נישט זיין לעבן — אינגאַנצן בטל צו ווערן אין דער באַוועגונג אַלס יחיד.

זאָל זיין גענוג וועגן דעם.

קורץ נאָכדעם, ווי לאַסאַל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין העראַקליטן, האָט ער פֿאַרענדיקט אויך אַ היסטאָרישע דראַמע, וועלכע ער האָט נאָך אין דיסלדאָרף געהאַט אָנגעהויבן. ער האָט אונטער אַ פּסעוודאָנים געפּרוווט פּועלן די דראַמע זאָל אויפֿגעפֿירט ווערן—די טעאַטער־צענזור האָט אָבער די השתּדלות אָפּגעוואָרפֿן. דאַן האָט ער זי אין 1859 געלאָזט אָפּדרוקן אונטער זיין אייגענעם נאָמען.

די דראַמע האָט געהייסן „פֿראַנץ פֿאָן זיקינגען“. לאַסאַל האָט שפּעטער אַליין אָנערקענט, אַז אַלס טעאַטער־שטיק האָט די דראַמע גרויסע חסרונות, און האָט עס דערקלערט דער עיקר מיט דעם, וואָס אים פֿעלט דיכטערישע פֿאַנטאַזיע. און ווירקלעך, די דראַמע מאַכט זייער אַ „טרוקענעם“ איינדרוק, כאָטש זי פֿאַרמאָגט איינצלנע העכסט ווירקונגספֿולע סצענעס און אַ שפֿע פֿון אינטערעסאַנטע געדאַנקען.

די טענדענץ טרעט שוין צו בולט צרויס אין דער דראַמע, זי איז איבערגעפילט מיט חקירות, און עס ווערן געהאַלטן אָן אַ שיעור רעדעס. דער פערז איז אָפט אויך מוראדיק אומבאַהאָלפן. בראַנדעס דערציילט, אַז לאַסאַל האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט זיינעם אַ פריינט, אַ געניטן קינסטלער, און יענער האָט אים געראָטן, ער זאָל די דראַמע בעסער שרייבן אין פּראָזע—און מען דאַרף מודה זיין, אַז די דראַמע וואָלט פון דעם זייער אַ סך אויסגעשפּילט. לאַסאַלס פּראָזע האָט אַזוי פיל גרויסע מעלות, אַז אַפילו די שטאַרק בולטע טענדענץ און דעקלאַמאַטאָרישער טאָן וואָלטן אין אַזאַ ווערק, ווי „זיקינגען", נישט אַזוי פיל שאָדן געבראַכט. לאַסאַל האָט אָבער געמיינט, אַז פאַר דער דראַמע איז אומבאַדינגט נויטיק די פערזןפאָרם, און ער האָט נישט געפאָלגט די עצה פון זיין גוטן פריינט. באַקומען האָט זיך אָט וואָס: נישט נאָר די ריטער און די העלדן פון דער דראַמע מאַטערן זיך אין שווערגעקינצלטע פינף-מעטרישע יאמבען, נאָר אַפילו די אָפּגעשטאַנענע פויערים באַנוצן זיך מיט דער זעלבער געשוואָלענער שפּראַך. אַן אויסנאַם מאַכן די לעצטע נאָר באַ די באַקאַנטע לאָזונג-רופן:

„וואָס איז דאָס אַזוינס?
מיר קאָנען נישט פּטור ווערן פון די גלחים און פונם אַדעל".

און די שורות ווירקן טאַקע ממש דערפרישנדיק.

אָבער נאָך אַלעמען, איז פאַר אונז אַ סך וויכטיקער דער אינהאַלט גופא פון דער דראַמע. לאַסאַל האָט מיט זיין „פראַנץ פאָן זיקינגען" געוואָלט מאַכן אַ נייעם שריט אויפן געביט פון היסטאָרישער דראַמע, ווי ס'האָבן זי געשאַפן שילער און געטע. באַ שילערן זענען די היסטאָרישע קאַמפן נאָר דער באָדן פאַרן טראַגישן קאָנפליקט; די אייגנטלעכע דראַמאַטישע האַנדלונג דרייט זיך אַרום ריין אינדיווידועלע אינטערעסן און געשעענישן. לאַסאַל אָבער וויל מאַכן די קולטור-היסטאָרישע פּראָצעסן פון תקופות און פעלקער פאַר דעם אייגנטלעכן סוביעקט פון דער טראַגעדיע; דער יחיד איז נישט מער ווי דער טרעגער, די פאַרקערפּערונג פון די קעמפנדיקע קעגנזאַצן; די טראַגעדיע דאַרף זיך דער עיקר אָפּגעבן מיט די גרויסע, געוואַלטיקע לעבנס-שיקזאַלן פון די פעלקער גופא; ווייל נאָר אָט „די שיקזאַלן אונטערשיידן איבער דעם גליק און *נישט גליק* פונם אַלמענטשלעכן *ראַל*-גייסט, און זיי ווערן דערהויבן צו דער מדרגה פון

אַ לעבנס־פֿראַגע פֿאַר דראַמאַטישע פּערזאָנען מיט שטאַרקע ליידנשאַפֿטן, וועלכע נאָר היסטאָרישע צילן קאָנען אַרויסרופֿן". „און דאָך, מיינט לאַסאַל, קאָן מען די העלדן שילדערן מיט פֿעסטע און רעאַליסטישע אינדיווידועלע שטריכן, אויפֿן גרונט פֿון די באַשטימטע געדאַנקען און צוועקן, מיט וועלכע זיי זענען דורכגענומען" (פֿאַרגלייך די איינלייטונג צו פֿראַנץ פֿאָן זיקינגען). צי האָט זיך לאַסאַלן איינגעגעבן צו לעזן אָט די אויפֿגאַבע, ווי ער האָט זי פֿאַרשטאַנען, און צי מען קאָן זי בכלל לעזן; באַ וועלכע תּנאָים לאָזן זיך די גרויסע קאַמפֿן פֿון דער מענטשהייט פֿאַרקערפּערן אין אַ יחיד, און אַזוי, אַז נישט די גרויס און באַדייטונג פֿון אָט די קאַמפֿן און נישט די לעבעדיקע פּערזענלעכקייט פֿונם יחיד זאָלן דערביי נישט מטושטש ווערן — אָט די פֿראַגן קאָנען מיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט. פֿאַר אונדז איז גענוג צו וויסן, אַז דווקא אָט די אויפֿפֿאַסונג איז געווען דער פֿירנדיקער געדאַנק פֿאַר לאַסאַלן, בעת ער האָט געשריבן זיין דראַמע. און איצט צום אינהאַלט גופֿא.

דער מיטלפּונקט פֿון דער דראַמע איז, ווי דאָס ווייזט שוין דער נאָמען אירער, די קאַמפּאַניע פֿון פֿראַנץ פֿאָן זיקינגען קעגן די דייטשע פֿירשטן. די העלדן זענען זיקינגען און זיין פֿריינט און בעל־יועץ אולריך פֿאָן הוטען. ס'איז אַפֿילו שווער צו זאָגן, ווער פֿון זיי פֿאַרנעמט אַ חשובערן אָרט אין דער דראַמע: זיקינגען, דער מיליטערישער רעפּרעזענטאַנט פֿונם אָרעמען דייטשישן אַדל־שטאַנד, אָדער הוטען, זיין טעאָרעטישער אויסדריקער און פֿאָרשטייער. מערקווירדיק איז, אַז זיך גופֿא האָט לאַסאַל געפּרוּווט אָפּצושפּיגלען נישט אין זיקינגענען, נאָר אין הוטענען. „לייענט מיין דראַמע — שרייבט לאַסאַל צו סאָפֿיע פֿאָן סאָנצעווע־אַלץ, וואָס איך וואָלט אייך דאָ געקאָנט זאָגן, האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט דורך הוטענען. ער האָט אויך געהאַט אויסצושטיין כלערליי רכילותן, אַלע מינים פֿון האַס און פֿיינטשאַפֿט. איך האָב אים געמאַכט פֿאַרן שפּיגל פֿון מיין נשמה, ווייל זיין גורל און מיינער לאָזן זיך פֿולשטענדיק פֿאַרגלייכן און זענען אומגעהייער ענלעך איינער אויפֿן צווייטן". אין דער אמתן וואָלט לאַסאַלן אַליין געווען נישט לייכט צו דערווייזן אָט די אומגעהייערע ענלעכקייט, בפֿרט צו דער צייט, ווען ער האָט אָט דעם בריוו געשריבן. לאַסאַל האָט געפֿירט אין בערלין אַ רייך לעבן, האָט פֿאַרקערט מיט אַלע קרייזן פֿון דער רייכערער געזעלשאַפֿט, און אַלס פּאָליטיקער האָט

אִים דער האַס פון זיינע קעגנער נאָר פרייען געקאָנט, פונקט ווי דעם פראַנקישן ריטער, וועלכער איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן מיט ליידנשאַפטלעכע שטרייט־שריפטן קעגן דער רוימישער גלחים־הערשאַפט. נאָר אין איינציקע ריין אויסערלעכע פּרטים קאָן מען דורכפירן אַן אַנאַלאָגיע צווישן אים און הוטענען, אָבער אויך דאָ האַנדלט זיך נישט אַזוי וועגן דעם, וואָס ס'איז פאַקטיש געווען, ווי וועגן דעם, וואָס לאַסאַל האָט זיך איינגעשמועסט און וואָס האָט גייסטיק אים באַאיינפלוסט ביים שרייבן זיין ווערק. געוויסע מיט אַזאַ פאַרשאַרפטן זעלבסטגעפיל, ווי לאַסאַל, זענען בכלל מסוגל אַריינצופאַלן אָפט אין טעותן וועגן זיך זעלבסט. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָבן מיר פאַר זיך אין הוטענען לאַסאַלס אַן אָפּבילד, ווי ער אַליין האָט זיך צו יענער צייט פאַרשטאַנען; די רעדעס, וועלכע ער לייגט אַריין אין מויל הוטענען, האָבן דערום גאָר אַ באַזונדערן ווערט, כּדי צו פאַרשטיין די אידעען, מיט וועלכע לאַסאַל האָט זיך דעמאָלט באַגייסטערט.

דאָ איז דער אָרט צו ברענגען הוטענס ענטפער אויף די ספקות, וועלכע עקאָלאַמפּאַדיוס זאָגט אַרויס קעגן דעם געפּלאַנטן אויפשטאַנד:

„געערטער הער! איר קענט שלעכט די געשיכטע. איר
זענט גערעכט, איר אינהאַלט איז טאַקע פאַרנונפט",
אַן עכט העגעליאַנישע פאָרמול,
„איר פאָרם אָבער איז אייביק די געוואַלט!"

און ווען עקאָלאַמפּאַדיוס דערווידערט, אַז „די שווערד פאַרשוועכט די תּורה פון ליבע", זאָגט הוטען ווייטער:

„געערטער הער! איר מוזט בעסער טראַכטן וועגן שווערד!
די שווערד, וואָס ווערט אויפגעהויבן פאַר דער פרייהייט, איז דאָס זעלבע וואָרט, וואָס איר פרייִדיקט, נאָר באַדעקט מיט פלייש, עס איז דער גאָט, וואָס נידערט אַראָפּ אין דער וויִרקלעכקייט. מיט דער הילף פון שווערד איז דאָס קריסטנטום פאַרשפּרייט געוואָרן, מיט דער שווערד האָט קאַרל געבראַכט דייטשלאַנד צום קריסטנטום, יענער קאַרל, וועלכן מיר האַלטן נאָך איצט אויך פאַר אַ גרויסן. די שווערד האָט צעשטערט די געצנדינערײַ און באַפרייט דעם קבר פונם וועלט־דערלייזער! דורכן דער שווערד איז טאַרקוויני פאַרטריבן געוואָרן פון רוים, און

מיט דער שווערד האָט עלנדע באַזיגט קסערקסן און געשאַפן די וויסנשאַפט און די קונסט. מיט דער שווערד האָבן זיך באַנוצט אין זייער קאַמף דוד המלך, שמשון הגבור, גדעון! אין פריער, אי נאָכדעם איז דורך דער שווערד אויפגעטאָן געוואָרן דאָס ערלעכסטע אין דער געשיכטע, און אַלדאָס גרויסע, וואָס וועט ווען עס איז געשען, וועט סוף כל סוף זיין ערפאָלג תמיד פאַרדאַנקען אויך דער שווערד!"

די אויסדריקן „אורפאָרם דער געשיכטעס — איז אָבער אייביק די געוואַלט" און אַז „דאס גרויסע, וואָס וועט ווען ס'איז געשען, וועט סוף כל סוף האָבן צו פאַרדאַנקען תמיד זיין ערפאלג דער שווערד" זענען געוויס גוזמאדיק. דאָס אונטערשטרייכן אבער, אַז די שווערד, וואָס ווערט אויפגעהויבן פאַר דער פרייהייט, איז דאס „פאַר־קערפערטע וואָרט", אַז ווער עס וויל פרייהייט דערגרייכן, דער מוז זיין גרייט צו קעמפן אויך מיט דערשווערד אין האַנט—אָט דאס באַ־טאָנען איז געווען זייער וויכטיק אין יענער תקופה, ווען די דעמאָל־טיקע דעמאָקראַטיע האט אַזוי געגלויבט אינם כשוף־כח פון וואָרט. אָנגעמאָסטן זענען אויך — און ניט נאר פאַר דער דעמאָלטיקער צייט — די ווערטער, וועלכע לאַסאַל לאזט רעדן דעם אַלטן באַל־טאזאר סלער זיקינגען אין לעצטן אַקט:

„אָ, איר זענט ניט דער ערשטער, און געוויס ניט דער לעצטער, וועלכער מוז צאָלן מיטן לעבן פאַרן ווילן זיין כיט־רע אין וויכטיקע זאַכן. אויפן געשיכטע־פּלאַץ גייט ניט אָן קיין מ אַ ס ק י ר ו נ ג; אינם וועלט־געטומל משפטן דיך די פעל־קער לויט דיין באַוואָפענונג און לויט דיינע סימנים; דערום היל דיך תמיד מוטיק איין פון קאָפּ ביז די פּיס אין דיין איי־גענער פאָן. דאַן קאָנסטו לאָזן אינם אומגעהייערן שטרייט די גאַנצע טרייב־קראַפט פון דיין אמתן באַדן, און דו זיגסט, אָדער דו פאַלסט מיט דיין גאַנצער קראַפט".

צו לאַסאַלס פּאָליטישן אני מאמין געהער אויך פאָלגנדיקער זאַץ פון זיקינגענען:

„דו ווייז ניט בלויז דעם ציל, ווייז אויך דעם וועג. אויף אונזער ערד איז וועג און ציל אַזוי צונויפגעוואַקסן, אַז איינס ענדערט זיך תמיד צוזאַמען מיטן צווייטן, און אַן אַנ־דער וועג באַטייט אויך אַן אַנדער ציל".

צום באַדויערן, האָט לאַסאַל אַליין פאַרגעסן אָן דעם כּלל גראד אינם קריטישסטן פעריאָד פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט.

לאָמיר אָבער זיך נישט אָפּגעבן מיט קיין פּרטים. מיר וועלן בעסער באַטראַכטן די דראַמע אינגאַנצן און זיך באַקענען מיט איר מהות.

הוטענס און זיקינגענס ראָלע אין דער געשיכטע איז גוט באַקאַנט. ביידע זענען זיי פאָרשטייער פונם שפּעט-מיטלאַלטערלעכן ריטערטום. פון אַ קלאַס, וואָס האָט שוין דעמאָלט, אין דער צייט פון רעפאָרמאַציע, ביים אָפּשטאַרבן. זיי שטרעבן אָפּצוהאַלטן דעם אונטערגאַנג פון אָט דעם קלאַס — אַן אוממעגלעכע אומזיסטע אַרבעט, וואָס מוז דורכפאַלן, וואָס מוז נאָך פאַרגיכערן דעם פּראָצעס, וועלכן מען וויל פאַרהאַלטן. אַזוי ווי אי הוטען אי זיקינגען שטייען פיל העכער פון זייער קלאַס, הן מיט זייערע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן, הן מיט זייער אינטעליגענץ, — איז דאָ טאָקע פאַראַן גענוג שטאָף פאַר אַן עכטע טראַגעדיע: דער האָפנונגסלאָזער קאַמף פון שטאַרקע פערזענלעכקייטן קעגן דער געשיכטלעכער נויטווענדיקייט. גראד די זייט האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דעם אויב נישט סאָציאַליסטישן, איז בכלל מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן פאַרשטיין פון דער געשיכטע — און דוקא די זייט פון דער הוטען-זיקינגען-באַוועגונג ווערט אַמווייניקסטן באַהאַנדלט אין לאַסאַלס דראַמע. אין דער דראַמע קומט אויס, אַז זייער אונטערנעמונג גייט צו גרונט צוליב טויזנטער צופעליקייטן — נישט-דורכגעטראַכטקייט, אומגעלונגענע מיטלען, פאַרראַט א. אַ. וו. — און הוטען-לאַסאַל ענדיקט די דראַמע מיט די ווערטער: „די קומענדיקע יאָרהונדערטער פאַרזאָג איך נקמה אין מיין צואה", וואָס דערמאָנט נישט ווילנדיק אין דעם אומהיסטאָרישן זאַץ פון געץ פאָן בערליכונגען: „ווי איז צו דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט דיך פון זיך אָפּגעשטויסן! ווי איז צו דעם קומענדיקן דור, וועלכער וועט דיך נישט אָנערקענען!" ווען דער יונגער געטע, אין 18-טן יאָרהונדערט, האָט גענומען פאַר אַ העלד אַ פאָרשטייער פונם שטאַרבנדיקן ריטערטום, קאָן מען דאָס פאַרשטיין; מאָדנע איז, ווען כמעט מיט הונדערט יאָר שפּעטער, אין אַ צייט, ווען די געשיכטפאָרשונג האָט שוין אַנטפּלעקט גאַנץ נייע פונקטן צו אורטיילן וועגן די קאַמפן פון דער רעפאָרמאַציע-תּקופה, — נעמט אַ סאָציאַליסט ווי לאַסאַל צוויי פאַרטרעטער פון אָט דעם ריטערטום און מאַכט זיי פאַר

די אויסדריקער פון „אַ קולטור־היסטאָרישן־פּראָצעס, וואָס זיינע רע־זולטאַטן, ווי ער דריקט זיך אויס אין דער הקדמה, שפּייזן אונזער גאַנצע ווירקלעכקייט". „איך האָב געוואָלט — זאָגט ער ווייטער אין דער זעלבער הקדמה — אַז דעם קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס נאָך אַמאָל דורכלאָזן דורך די אָדערן פון גאַנצן פאָלק, זאָל דאָס פאָלק אים באַנעמען באַוווסטזיניק, און דורכלעבן ליידנשאַפטלעך. דאָס איז בכח צו טאָן נאָר די פּאָעזיע — און דאָס האָט מיך געשטויסן צו שרייבן די דראַמע".

אָבער הוטען און זיקינגען האָבן געפירט דעם קאַמף ניט נאָר פאַר דער זאַך פון ריטער־שטאַנד; זיי האָבן אויך אָנגעפירט מיט דעם קאַמף קעגן דער ממשלה פון רוים און פאַר דער איינהייט פון דער מלוכה; אידעאָלאָגיש זענען עס געווען צוויי פאָדערונגען פונם ריטערטום, אָבער געשיכטלעך איז עס פאַקטיש געווען אין די אינ־טערעסן פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע; די נאָרמאַלע אַנט־וויקלונג האָט געפירט דערצו, אַז אַט די פאָדערונגען האָבן אין דייטש־לאַנד, נאָכדעם ווי די אוממיטלבאַרע רעזולטאַטן פונם דרייסיק־יאָריקן קריג זענען אַריבער, ווידער פאַרנומען דעם אויבן אָן, און אין 19־טן יאָרהונדערט זענען זיי אין דער ערשטער רייע פאַרטיידיקט געוואָרן דורך די ליבעראַלן. ערשט דערנאָך, ווען די ניי־דייטשישע מלוכה איז שוין געווען אַ פאַקט, האָט זיך דער אַדל־שטאַנד דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס אַמאָל ארויסגעגעבן פון זיך אַזאַ חשובע פּערזאָן, ווי פראַנץ פאָן זיקינגען — הוטענען קאָן ער עד היום ניט פאַר־דייען; אין די 50־ער יאָרן און שפּעטער האָט דער סאַלאָן־ליבעראַ־ליזם געפייערט הוטענען און זיקינגענען אַלס די פאָרקעמפער פון דער נאַציאָנאַלער און פון דער אויפקלערונגס־באַוועגונג, ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט־ווייסנדיק פון זייערע קלאַסן־באַשטרעבונגען.

דאָס זעלבע מערקן מיר אויך אין דער דראַמע פון לאַסאַלן. אולריך פאָן הוטען און פראַנץ פאָן זיקינגען קעמפן בלויז פאַר דער גייסטיקער פרייהייט קעגן דעם רוימישן אַנטי־קריסטוס און פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן קעגן די איינצלנע פירשטן. אין זיין גע־שפּרעך מיט הוטענען זאָגט זיקינגען אַזוי:

„מיר ווילן איין איינציק גרויס דייטשלאַנד, מיר ווילן פאַרטיליקן אַלע גלחישע היילות, אָפּראַמען אינגאַנצן דאָס רוי־מישע וועזן, די ריינע לערע זאָל זיין די איינציקע קירכע פון

דייטשלאַנד; מיר ווילן די ווידערויפֿלעבונג, לויטן גייסט פֿון דער צייט, פֿון דער אַלטער אורגערמאַנישער כלל־פֿרייהייט, פֿאַרניכטן די קאַרליק־הערשאַפֿט פֿון אונזערע פֿירשטן און פֿון זייערע מיליטער־מחנות; און געשטיצט מיט דער גאַנצער מאַכט דורך דעם גוואַלטיקן דראַנג פֿון דער צייט, האָבנדיק וואָרצלען אין די טיפֿענישן פֿון איר נשמה — ווילן מיר אַן עוואַנגעלישן הויפּט אַלס קייזער אין דער שפּיץ פֿון דער גרויסער מלוכה".

און הוטען ענטפֿערט:

„דאָס בילד איז ריכטיק".

אַזוי ווי לאַסאַל אַליין זאָגט אויסדריקלעך, אַז ער האָט געשריבן אַ טענדענץ־דראַמע, קאָנען מיר פֿון איר אָפּלערנען, וועלכע אומענדערונג איז פֿאָרגעקומען ביי לאַסאַלן און זיין שטעלונג צו די פּאָליטישע ריכטונגען פֿון זיין צייט. עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, און די דאָזיקע אומענדערונג — די דערנענטערונג צו דער שיטה פֿון דער צפֿון־דייטשישער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע — האָט זיך אַרויסבאַוויזן אויף אַ קאָנקרעטער טאָג־פֿראַגע*).

*) דאָס, וואָס ס'קומט ווייטער, איז געשריבן דאָ, ווען איך האָב אַ דאַנק ענגעלסן באַקומען די בריוו פֿון לאַסאַל צו קאַרל מאַרקס, געפֿונענע צווישן מאַרקס כתבים, און וועלכע ס'האָט דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכט פֿראַנץ מערינג (שטוטגאַרט י. ה. וו. דיטץ נאָכפֿאָלגער). לאַסאַלס אַ בריוו צו מאַרקסן און ענגעלסן פֿון 7 מאַי 1859 איז כמעט אינגאַנצן געווידמעט דער דראַמע „פֿראַנץ פֿאָן זיקינגען". ווי נאָר די דראַמע איז פֿאַרטיק געוואָרן אין דרוק, האָט לאַסאַל געשיקט אַן עקז. צו מאַרקסן און צו ענגעלסן, וועלכע האָבן דאַן נאָך נישט געלעבט צוזאַמען — ביידע האָבן אים אויספֿירלעך געשריבן זייער מיינונג וועגן דער דראַמע, און לאַסאַלס דערמאָנטער בריוו איז אַן ענטפֿער אויף די מיינונגען. ער ענטפֿערט זיי ביידע אינאיינעם, מאָטיווירנדיק אַזוי: „אייערע ביידנס אָפּרופֿן זענען נישט אידענטיש, אָבער אין עיקר באַרירן זיי איינע און דיזעלבע פּונקטן".

פֿון לאַסאַלס בריוו זעט מען, אַז די קריטיק האָט באַרירט גראָד די פּונקטן, וועלכע איך האָב אויך געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו קריטיקירן. „איר זענט ביידע דער מיינונג, שרייבט לאַסאַל, אַז זיקינגען איז אויך צו אַבסטראַקט געשילדערט". אין תּוך האָב איך דאָס זעלבע אויבן באַוויזן, דער לאַסאַלישער זיקינגען איז נישט דער קריגערישער ריטער פֿון די ערשטע יאָרצענדליקער פֿון 16־טן יאָרהונדערט, ער איז גיכער אַנגעשטעקט מיט ריטער־קריגערישקייט, ליבעראַליזם פֿון 19־טן יאָרהונדערט, ד. ה. אַ ליבעראַלער אידעאָלאָג. זיינע רעדעס שטימען בכלל זייער ווייניק מיט דער עפּאָכע, ווען זיי האָבן געדאַרפֿט געהאַלטן ווערן. „איר האַלט ביידע, שרייבט לאַסאַל ווייטער, אַז איך האָב די פֿירערן־באַוועגונג „שטאַרק נישט דערשאַצט", נישט גענוג איר ווערט אונטערגעשטראָכן; די (מאַרקס) באַגרינדעסט עס אַזוי: זיקינגען און הוטען וואָלטן באַדאַרפֿט אומקומען ווייל

„פראַנץ פֿאָן זיקינגען" איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אים ווינטער, 1857–1858. אָנגעהויבן דאָט אים לאַסאַל, ווי ער שרייבט צו מאַרקסן, נאָך בעת ער האָט געאַרבעט איבער זיין הערַאקליטן. ס'איז דאַן בײַ אים געווען אַ באַדערפֿעניש כאָטש צייטווייליק זיך אָפּצורייסן פֿון דער אַבסטראַקטער געדאַנקען-וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך געמוזט „פֿאַרגראָבן" צוליב הערַאקליטן, און זיך אָפּגעבן מיט אַן אַרבעט, וועלכע האָט אַ מער דירעקטע שייכות צו די גרויסע קאַמפֿן פֿון דער מענטשהייט; אויף אַזאַ אופֿן האָט ער גענומען שטודירן מיטלאַלטער און די רעפֿאָרמאַציע-צייט און איז שטאַרק באַצויבערט געוואָרן פֿון אולריך פֿאָן הוטענס לעבן און פֿון זיינע ווערק; צופֿעליק איז אים אין האַנט געקומען עפּעס אַ נישטיקע „מאָדערנע" דראַמע, וואָס איז נאָר וואָס געהאַט ערשינען, און זי האָט אים אַרויפֿגעבראַכט אויפֿן געדאַנק: דער קאַמף פֿון הוטען איז אַ שטאָף, וואָס איז ווערט באַהאַנדלט צו

זיי זענען, ווי דער פּוילישער אדל, למשל, געווען רעוואָלוציאָנערן נאָר אין דמיון; במעשה האָבן זיי פֿאַרטראָטן רעאַקציאָנערע אינטערעסן"; „די אדל-רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער רעוואָלוציע, זאָגסטו, וואָס הינטער זייערע ווערטער וועגן איינהייט און פֿרייהייט לויערט נאָך שטענדיק אַ טרוים וועגן קייזערטום און פֿויסט-רעכט, וואָלטן דאַן נישט באַדאַרפֿט פֿאַרפֿולן דעם גאַנצן אינהאַלט, ווי דאָס פּאַסירט בײַ דיר, נאָר די פֿאָרשטייער פֿון די פּויערן און פֿון די רעוואָלוציאָנערע שטאָטישע עלעמענטן וואָלטן געבילדעט אַ באַדייטנד אַקטיווערן יסוד. און דאַן וואָלטן בײַ דיר אין אַ פֿיל גרעסערער מאָס געקומען צום אויסדרוק גראָד די מאָדערנסטע אידעען אין זייער נאַיווסטער פֿאָרם, בעת איצט איז אַ חוץ רעליגיעזער פֿרייהייט די הויפּטאידעע — די בירגערלעכע איינהייט". „ביסטו זעלבסט, רופֿסטו אויס, נישט אַריינגעפֿאַלן כמעט אין זעלבן דיפּלאָמאַטישן טעות, וואָס דיין זיקינגען, שטעלנדיק די לוטער-ריטערלעכע אָפּאָזיציע העכער פֿאַר דער פּלעבעיש-בירגערלעכער?"

אין דער גאַנצער ציטאַטע האָב איך אַרויסגעלאָזן לאַסאַלס צווישן-באַמערקונגען, ווייל זיי זענען מייסטנס פֿאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע שטעלן פֿון בריוו און וואָלטן דעריבער דאָ געווען אומפֿאַרשטענדלעך. הויפּטזעכלעך פֿאַרטיידיקט ער זיך דערמיט, וואָס ער ווייזט אָן, אַז די ריטערלעכע באַגרענעצטקייט, אויף וויפֿיל זי איז בכלל פֿאַראַן אינם היסטאָרישן זיקינגען, איז בײַ אים גענוג בולט אויסגעדריקט שוין דורכדעם, וואָס זיקינגען ווענדט זיך נישט צו דער גאַנצער נאַציע, ער רופֿט נישט צום אויפֿשטאַנד אַלע רעוואָלוציאָנערע כּחות פֿון לאַנד כּדי צו שטעלן זיך אין זייער שפּיץ, נאָר ער הויבט אויף און פֿירט דעם אויפֿשטאַנד אַלס אַ ריין ריטערישן, ביז די באַגרענעצטקייט פֿון די ריטערישע מיטלען ברענגט אים אום. גראָד אין דעם, וואָס זיקינגען פֿאַלט, ווייל ער איז נישט געגאַנגען גענוג ווייט, ליגט די טראַגישע און צוגלייך די רעוואָלוציאָנערע אידעע פֿון דער דראַמע. דער פּויערן-באַוועגונג אָבער האָט ער דורך דער איינער סצענע, ווו די פּויערן טרעטן אויף אויף דער בינע גופֿא און דורך די פֿאַרשיידענע אָנווייזונגען אויף

ווערן. ער האָט גלייך אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן פון אַ דראַמע, ניִשט האָבנ=
דיִק לכתחילה איִן דער מחשבה, אַליין צו זיין טאַקע דער פאַרפאַסער
פון דער דראַמע; באַלד אָבער איִז איִם קלאָר געוואָרן, אַז ער מוז
זיִך אַליין נעמען פאַר דער אַרבעט. עפּעס ווי אַ „קליפּה“ האָט עס
איִם באַהערשט. און לייענענדיִק די דראַמע פיִלט מען, אַז זי איִז
טאַקע געשריִבן מיִט הייס בלוט פון האַרץ. באַ אַלע איִרע אויבנ=
אָנגעוויִזענע פעלער, דערהויבט זי זיִך, אַ דאַנק איִר גייסטרייכן איִנ=
האַלט, הימל-הויך איִבער דער גאַנצער דראַמען=ליִטעראַטור פון יענער
צייט. קיינער פון די דייטשע דיִכטער וואָלט דעמאָלט אָט די אויפ=
גאַבע בעסער ניִשט געקאָנט דערפיִלן.

## III.

## פערדיִנאַנד לאַסאַל און דער איִטאַליעניִשער קריִג.

אָנהויב 1859 איִז ערשיִנען די דראַמע „פראַנץ פאָן זיִקיִנגען“.
גראָד צו יענער צייט האָט זיִך אייראָפּע געפונען ערב אַ מלחמה,
וועלכע האָט שפּעטער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויִק=

זיי איִן די געשפּרעכן פון באַלטאַזאָרן א. אז. וו. צוגעגעבן איר אמתע באַדייטונג, ווי
דאָס איִז געווען איִן דער וויִרקלעכקייט און נאָך מער. ווייל געשיִכטלעך גענומען, איִז
די באַוועגונג פונם פויערטום געווען פונקט אַזוי רעאַקציאָנער, ווי די פונם אַדל.

די לעצטע מיינונג האָט לאַסאַל ווי באַקאַנט פאַרטיידיִקט אויך איִן פאַרשיידענע
שפּעטערדיקע ווערק, צוויִשן אַנדערע איִן זיין „אַרבעטער-פּראָגראַם“, זי איִז אָבער באַיִן
אופן ניִשט ריִכטיִק. דאָס וואָס די פויערים האָבן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, וועלכע
האָבן געשטאַמט פון דער פאַרגאַנגענהייט, מאַכט נאָך ניִשט זייער באַוועגונג רעאַקציאָ=
נער. די פויערן זענען טאַקע ניִשט געווען קיין נייער קלאַס, אָבער זיי זענען פאַר קיין
פאַל ניִשט געווען, ווי די ריִטער, קיין אונטערגייענדיִקער קלאַס. זייערע פאָדערונגען
זענען רעאַקציאָנער באַר פאָרמעל, אָבער ניִשט איִן תוך. און דאָס פאַרזעט לאַסאַל; ווי
אַ העגעליאַנער, באַגייט ער דאָ ווידער דעם פעלער פון דערקלערן די געשיִכטע דורך
„איִדעען“, אויף אַזוי פיִל, אַז מאַרקס באַמערקונג: „דאַן וואָלטן באַ דיר איִן אַ פיִל גרע-
סערער מאָס געקומען צום אויסדרוק די מאָדערנסטע איִדעען איִן זייער נאַיִווסטער פאָרם“,
באַגלייט ער מיִט אַ דאָפּלטן פראַגע=צייכן, פאַרשטאַרקט נאָך דורך אַן אויסרוף=צייכן.

דער צווייטער טייל פון זיין פאַרטיידיִקונג וואָלט דאַן געווען באַרעכטיִקט, ווען
איִן דראַמע וואָלט געווען כאָטש דער מיִנדסטער רמז דערויף, אַז זיִקיִנגענס באַגרענעצן
זיִך מיִט ריִטעריִשע מיִטלען דערקלערט זיִך בכלל מיִט זיין אַלגעמיינער ריִטער-באַגרענעצט=
קייט. אַזאַ רמז איִז אָבער ניִשט פאַראַן. איִן דראַמע ווערט דאָס געגעבן אַלס אַ ריין
טאַקטיִשער פעלער. פאַר דער טראַגיִשער איִדעע פון דער דראַמע איִז דאָס גענוג, אָבער
ניִשט פאַר דער אויפקלערונג פון דעם היִסטאָריִשן אַנאַכראָניִזם, וועלכער האָט פאַקטיִש
געפיִרט צום גרונט זיִקיִנגענס אונטערנעמונג.

לונג פון דייטשלאַנד. זומער 1858 איז אָפּגערעדט געוואָרן אין פּלאָמביר צווישן לוי נאַפּאָלעאָנען מיט קאַוואורן מכּוח אַ פראַנצויזיש־סאַרדינישן פעלדצוג, כּדי אָפּצורייסן פון עסטרייך לאָמבאַרדיען, און אַזוי אַרום אונטערצורייסן די עסטרייכישע הערשאַפט אין מיטל־איטאַליען.

אַזוי ווי עסטרייך איז דעמאָלט געווען אַ גליד פונם דייטשישן בונד, האָט זיך, נאַטירלעך, געשטעלט די פראַגע, ווי זאָלן זיך פאַרהאַלטן צו דעם שטרייט די איבעריקע בונד־שטאַטן. צי זאָל דייטשלאַנד אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט עסטרייך קעגן פראַנקרייך, אָדער נישט?

די פראַגע איז געווען פאַרוויקלט, ווייל דער קריג האָט געהאַט אַ צווייזייטיקן כאַראַקטער. פאַר די איטאַליענער איז דער קריג בפירוש געווען אַ נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־קאַמף, וועלכער האָט געזאָלט מיטהעלפן דער פאַראייניקונג און באַפרייונג פון איטאַליען. מצד פראַנקרייך אָבער איז דאָס געווען בלויז אַ קאַבינעט־מלחמה, מיטן ציל צו באַפעסטיקן דעם באָנאַפּאַרט־רעזשים אינעווייניק אין לאַנד און אויפהויבן דעם פרעסטיזש פון פראַנקרייך אין אויסלאַנד. חוץ דעם האָבן אַלע גוט געוווּסט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך אויסגערעדט באַ זיין פאַרבינדעטן, דעם סאַרדינישן קעניג, אַ גאַנץ גוטן פּרייז פאַר זיין באַטייליקן זיך אין קריג (טעריטאָריאַלע הנחות־ניצע און סאַוואָי), און אַז די פאַראייניקונג פון איטאַליען וועט פאַקטיש פאָרקומען נאָר אין דער מאָס, ווי דאָס וועט ליגן פאַר באָנאַפּאַרטן. אַפילו אַזאַ הייסער איטאַליענישער פאַטריאָט, ווי מאַדזיני, האָט צוליב די דערמאָנטע מאָטיוון נאָך אין סוף 1858 דערקלערט דעם געהיימען אָפּמאַך צווישן נאַפּאָלעאָן און קאַוואור אַלס אַ ריין דינאַסטישע אינטריגע. ס'איז געווען אַלזאָ קלאָר, אַז שטיצן דעם דאָזיקן קריג הייסט פריער פון אַלץ שטיצן נאַפּאָלעאָנען און זיינע פּלענער.

און נאַפּאָלעאָן האָט זיך גריילעך שטאַרק גענויטיקט אין אַזאַ אונטערשטיצונג. קעגן עסטרייך אַליין וואָלט ער, צוזאַמען מיט סאַרדיניען, געקאָנט פירן די מלחמה, אויב אָבער די איבעריקע טיילן פון דייטשלאַנד, און דער עיקר פּרייסן, זאָלן קומען עסטרייך צו הילף, דאַן ווערט די זאַך פיל ערנסטער. ער האָט דעריבער אויפגעהויבן, דורך זיינע אַגענטן און יוצר־משרתים, אַ העפטיקע קאַמפּאַניע אין דייטשלאַנד, כּדי צו איבערצייגן די רעגירונגען, די פּרעסע און די פּאַרטיי־פירער, אַז דייטשלאַנד דאַרף בלייבן שטיין אָן אַ זייט פונם

קריג. די אַגיטאַציע האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען כּדי צו דערווייזן, אַז דייטשלאַנד האָט קיין אינטערעס נישט אונטערצוהאַלטן די געוואַלט־הערשאַפט פון עסטרייך און איטאַליען, און בכלל ווי קאָן מען עס קומען צו הילף אַזאַ העכסט־רעאַקציאָנערן שטאַט, ווי עסטרייך איז? עסטרייך איז דער שטענדיקער פיינט פון פעלקער־פרייהייט; און וועט זי ליידן אַ מפּלה, וועט אויך פאַר דייטשלאַנד קומען אַ שענערע צוקונפט.

די עסטרייכישע פרעסע האָט אָבער אויך נישט גערוט; זי האָט געטענהט, אַז אויב די נאַפּאָלעאָנישע פּלענער וועלן מקוים ווערן אויפן דרום, וועט זיך שאַפן אַן אוממיטלבאַרע געפאַר פאַרן ריין: דער נאָנטסטער אָנפאַל וועט זיין געריכטעט קעגן אים. וויל מען פאַרהיטן דעם לינקן ברעג ריין פון פראַנקרייכס גיריקע הענט, מוז מען זען, אַז עסטרייך זאָל איינהאַלטן אירע מיליטערישע פּאָזיציעס אין אויבער־איטאַליען — דער ריין מוז געשיצט ווערן ביים טייך פּאָ.

די לאָזונגען פון נאַפּאָלעאָנס אַגענטן זענען אין פיל וויכטיקע פּונקטן גראָד צוזאַמענגעפאַלן מיט דעם פּראָגראַם פון דער קליין־דייטשישער פּאַרטיי (די פאַראייניקונג פון דייטשלאַנד בראש מיט פּרייסן, ביים אויסשליסן עסטרייך פון אַלגעמיינעם בונד), ריכטיקער געזאָגט, זיי זענען געווען ספּעציעל „צוגעשניטן" לויט דעם פּראָגראַם. פונדעסטוועגן איז געווען אַ גרויסע צאָל קליינדייטשע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט פועלן בא זיך אין אַזאַ מאָמענט צו פאַרלאָזן עסטרייך. די דאָזיקע שטימונג איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך פאַרשטענדיקט אויך מיט דער פּעטערבורגער צאַרישער רעגירונג, און האָט אַלזאָ בדעה צו שטיצן דורך דער מלחמה די רוסישע אינטריגעס אויף דרום־מזרח פון אייראָפּע. אַלע זענען דעריבער נוטה געווען צו דער מיינונג, אַז אין געגעבענעם מאָמענט דאַרף מען קודם כּל אָפּשלאָגן נאַפּאָלעאָנס אָנפאַל, דערנאָך ערשט וועט מען קאָנען טראַכטן נאָך וועגן עפּעס. ס'הייסט, אַז כּל זמן די איטאַליענער געפינען זיך אונטער נאַפּאָלעאָנס שוץ, מוזן זיי באַטראַכט ווערן בלויז ווי זיינע פאַרבינדעטע און אַלס אזעלכע באַהאַנדלט ווערן.

מען קאָן נישט לייקענען, אַז פון קליינדייטשישן שטאַנדפּונקט, האָט מען געקאָנט קומען צו אַנדערע אויספירונגען אויך, וואָרים די

געבראַכטע אַרגומענטאַציע איז ניִשט גאָר אויסגעהאַלטן. מה נפשך, אויב ס׳איז בעסער, אַז עסטרייך מיט איִרע ניִשט־דייטשע געביטן זאָל וואָס גיִכער אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דייטשיִשן בונד, טאָ פאַרוואָס טאַקע ניִשט אויסנוצן אַ געלעגנהייט, וועלכע קאָן זייער העלפן צו פאַרוויִרקלעכן דאס דאָזיִקע פּראָגראַם? האָט דען נאַפּאָלעאָן ניִשט אויסגעטייטשט בפירוש, אַז ער באַקעמפט נאָר עסטרייך, ניִשט דייטשלאנד? פאַרוואָס זאָל מען צושטיין צו עסטרייך און אויף אַזאַ אופן געשטעלט ווערן איִן אַ נסיון מלחמה צו האַלטן מיִט איִטאַליען, וועלכע קעמפט פאַר דער גערעכטיִקסטער זאַך איִן דער וועלט? צוליִב וואָס פאַרטיידיִקן דעם ריין נאך איידער עמעצער באַדראָט איִם, בעת ס׳איִז נאָך אפילו קיין רמז ניִשטאָ, אַז מען קלערט אויף איִם אָנצופאַלן? פאַרוואָס ניִשט אויסנוצן בעסער די שווערע לאַגע פון עסטרייך און דאָס, וואָס נאַפּאָלעאָן איִז פאַרנומען איִן איִטאַליען, כּדי אַ רוק צו טאן פאָרויס די פאַראייניִקונג פון דייטשלאַנד אונטער פּרייסנס אָנפיִרונג, און טאַקע אננעמען צוליִב דעם נאָך אַנדערע פּאָזיִטיִווע מיִטלען?

די דאָזיִקע פּאָליִטיִק — וואָס פון קליינדייטשיִשן שטאַנדפּונקט איִז זי בפירוש מער אויסגעהאַלטן — האָט געפונען איִר אויסדרוק איִן לאַסאַלס בראָשור „דער איִטאַליעניִשער קריִג און די אויפגאַבן פון פּרייסן“, ערשיִנען סוף מאַי 1859. מיִט גרויס ענערגיע באַקעמפט לאַסאַל ביידע צפון־דייטשע ליִבעראַלע צייטונגען, די „נאַציאָנאַל־צייטונג“ און די „פאָלקס־צייטונג“ — איִן דער ערשטער, אגב, האָט דאַן געאַרבעט לאַסאַלס געוועזענער פריינט לאָטאַר בוכער — וועלכע האָבן פאַרטראָטן די מיינונג, אַז פּרייסן מוז האַנט איִן האַנט מיִט עסטרייך אַרויסטרעטן קעגן באָנאַפּאַרטן; לאַסאַל פאַרלאַנגט דורכויס, אַז פּרייסן זאָל אויסנוצן דעם מאָמענט און איינשטעלן איִצט איִר העגעמאָניע איִבער די איִבעריִקע דייטשיִשע קליינע שטאַטן; אַז אויב נאַפּאָלעאָן בייט אום אויף דרום די מאַפּע פון אייראָפּע, לויט דעם נאַציאָנאַלן פּריִנציִפּ, זאָל פּרייסן דאָס זעלבע טאן אויף צפון, איִן נאָמען פון דייטשלאַנד; אויב נאַפּאָלעאָן באַפרייט איִטאַליען, זאָל פּרייסן צוריִק באַקומען שלעזוויִג־העלשטיין. איִצט, „ווען דאָס צעפאַלן פון עסטרייך קומט פאָר פון זיִך אַליין, איִז די רעכטע צייט צו זען דערהויבן פּרייסן און איִר וויִרקונג איִן דייטשלאַנד“. „און די רעגיִרונג, גיִט לאַסאַל צו, מעג זיין זיִכער איִן ערפאָלג. איִן דעם דאָזיִקן קריִג, וואָס איִז

אין די לעבנס-אינטערעסן פון גאַנצן דייטשישן פאָלק, נישט נאָר פון פרייסן, וועט די דייטשישע דעמאָקראַטיע אויך טראָגן די פריי־סישע פאָן און וועט אָפּראַמען פון וועג אַלע מניעות און שטערונגען מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי ס'איז נאָר בכח אַרויסצורופן אַ דער־שטיקטע נאַציאָנאַלע ליידנשאַפט, וועלכע טליעט אין האַרצן פון אַ גרויס פאָלק שוין העכער פופציק יאָר".

אויפן גרונט פון דער דאָזיקער בראָשור, האָט מען געפּרוווט שפּעטער צו שטעמפּלען לאַסאַלן, אַלס דעם אַדוואָקאַט פון ביסמאַרקס „דייטשישער" פּאָליטיק. און ווירקלעך, מען קאָן נישט לייקענען, אַז דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, ווי עס איז אַנטוויקלט אין דער בראָשור, איז זייער ענלעך הן צו דעם פּראָגראַם פונם נאַציאָנאַל־פאַריין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן זומער 1859, הן – מיט געוויסע ענדערונגען – צו דער פּאָליטיק פון ביסמאַרקן בײַ זיין פאַרווירקלעכן די פאַר־ייניקונג פון דייטשלאַנד אונטער פּרייסנס העגעמאָניע. בײַ זיין גאַנצן טעאָרעטישן ראַדיקאַליזם, איז לאַסאַל אין דער פּראַקטיק געווען נאָך שטאַרק אָנגעשטעקט מיט „פּרייסנטום". ער איז חלילה נישט געווען אַ באַגרענעצטער פּרייסישער פּאַרטיקולאַריסט – מיר וועלן באַלד זען, ווי ווייט ער איז געווען דערפון – נאָר די נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַלץ וואָס געהער אין דעם פּרט צו דער אויסערער פּאָליטיק, האָט ער פאָרט געזען דורך ברילן פון אַ פּרייסישן דעמאָקראַט; זיין שנאה צו עסטרייך איז אין דער הינזיכט געווען פונקט אַזוי איבערגעטריבן, ווי די שנאה צו פּרייסן מצד אַ סך דרום־דייטשישע דעמאָקראַטן און אפילו סאָציאַליסטן. פאַר אים איז עסטרייך „דער קולטור־פיינטלעכ־סטער מלוכה־באַגריף, וועלכן אייראָפּע מוז גובר זיין"; ער וואָלט וועלן „אָנקוקן דעם נעגר, וואָס וועט נישט אויסזען ווייסלעך, שטיי־ענדיק נעבן עסטרייך"; עסטרייך איז אַ „רעאַקציאָנערער פּרינציפּ", דער „געפערלעכסטער שונא פון אַלערליי פרייהייטס־אידעען"; „דער מלוכה־באַגריף „עסטרייך" מוז פאַרניכטעט און אָפּגעמעקט ווערן"; „וואָס פאַר אַ פּאָליטישע שאַנד־טאַט מען זאָל נישט פאָרוואַרפן נאַפּאָ־לעאָנען, האָט זי עסטרייך אויך אויף איר געוויסן" און „זאָל אפילו זייער חטאים־בילאַנס זיין גלייך – האָט אָבער לויט נאַפּאָלעאָן דעם רוימישן קאָנקאָרדאַט נישט געשלאָסן, כאָטש ער איז גינסטיק געווען פאַרן קלער". און אפילו רוסלאַנד זעט שענער אויס, ווי עסטרייך. „רוסלאַנד איז פון נאַטור אַ באַרבאַרישע מלוכה, און די דעספּאָטישע

רעגירונג מיט זיך זי צו ציוויליזירן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס שטימט מיט אירע דעספּאָטישע אינטערעסן. דאָס באַרבאַרישקייט האָט דאָ לפחות דעם תירוץ, וואָס זי איז אַ נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט". גאָר אַנדערש אָבער איז מיט עסטרייך. „דאָ פאַרקערפּערט אין זיך די רעגירונג דעם באַרבאַרישן פּרינציפּ קעגן די אייגנשאַפטן פון אירע פעלקער; קינסטלעך, מיט געוואַלט־מיטלען איז זי מכניע די קולטור־פעלקער אונטער דעם דאָזיקן פּרינציפּ".

אין אָט דער איינזייטיקער און רעלאַטיוו — ד. ה. באַ אַ פאַר־גלייך מיט אַנדערע דייטשישע שטאַטן — איבערגעטריבענער שוואַרצ־מאַלעריי בנוגע צו עסטרייך, ווי אויך אין אַ רייע אַנדערע פונקטן, האט לאַסאַלס בראשור געהאַט פיל געמיינזאַמס מיט אַן אַנדער ווערק, וואָס איז דערשינען אייניקע וואָכן פאַר איר, מיט דערזעלבער טענדענץ צו באַווייזן די דייטשן, אַז כּל זמן נאַפּאָלעאָן טרעט אויף ווי אַ באַפרייער, דאַרף מען זיך אים נישט אַנטקעגנשטעלן און אַז עסטרייכס צעפאַלן איז פאַר זיי נאָר אַ געווינס. דאָס איז געווען דאָס בוך פון קאַרל פאָכט: „שטודיען איבער דער איצטיקער לאַגע אין אייראָפּע". אין בוך ווערן איבערגעחזרט אַלע נאַפּאָלעאָנישע אַרגו־מענטן און לאָזונגען, און ס'איז בולט, אַז עס איז דירעקט אָדער אומדירעקט, געשריבן אונטער אַ באָנאַפּאַרטיסטישער השפּעה. איך וואָלט מיר נישט דערלויבט אין וועלכן ס'נישט איז צוזאַמענהאַנג צו ציטירן אָט דאָס ווערק אינאיינעם מיט לאַסאַלס בראָשור — נאָר לאַ־סאַל שטייט אויף אַזוי פיל העכער פון יעדן חשד צו האָבן אַ שייכות צו פאכטן אדער צו זיינע אינספּיראַטאָרס, אַז דאס קאָן אבסאָלוט נישט וואַרפן קיין פאַלשן שיין אויף אים; פאַר מיר איז אָבער דאס פאַרגלייכן פון די צוויי ווערק נויטיק צוליב זאַכלעכע טעמים. פריער אָבער וויל איך נאָך ברענגען איין שטעל פון מאַרקס הקדמה צו „הער פאָכט", ווו עס ווערט דערוויזן, אַז פאָכט האָט דעמאָלט גע־שריבן און אַגיטירט אַלס אַ באָנאַפּאַרט־אַגענט, דאָס, וואָס ס'איז מיט ניין יאָר שפּעטער טאַקע באַשטעטיקט געוואָרן דורך דאָקומענטן, גע־פונענע אין טיולעריִ. די שטעל האָט אַהער אַ שייכות שוין צוליב דעם, וואָס זי באַציט זיך בלי ספק אויך אויף לאַסאַלן. מאַרקס שרייבט:

„מענטשן, וועלכע האָבן נאָך פאַר 1848 אַלע באַגלייך מסכּים געווען, אַז די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, אונגאַרן און איטאַליען איז נישט נאָר דאָס רעכט פון די דאָזיקע לענדער,

נאָר אַז דאָס איז אויך די זאַך פֿון דייטשלאַנד און פֿון גאַנץ אייראָפּע — האָבן איצט אַרויסגעזאָגט גאַנץ היפּוכדיקע מיינונגען וועגן דער טאַקטיק, אָן וועלכער דייטשלאַנד דאַרף זיך האַלטן קעגן נאַפּאָלעאָנען אינם איטאַליענישן קריג פֿון 1859. די היפּוכים שטאַמען פֿון קעגנזעצלעכע מיינונגען וועגן פֿאַקטן, וואָס נאָר די צוקונפֿט קאָן וועגן זיי אַנטשיידן. וואָס ס'איז שייך צו מיר, האָב איך דאָ צו טאָן נאָר מיט די מיינונגען פֿון פֿאָכטן און פֿון זיין חבריא. אפילו דער שטאַנדפּונקט, וועלכן ער האָט כלומרשט געהאַט פֿאַרטיידיקט, ווי ער באַהויפּטעט, און ווי דאָס האָט געזאָלט גלויבן דער אומקריטישער המון — אפילו ד אָ ס — שטייט שוין אויסער די גרענעצן פֿון מיין קריטיק. איך באַהאַנדל די מיינונגען, וועלכע ער האָט פֿאַקטיש פֿאַרטראָטן" (ק. מאַרקס: „הער פֿאָכט". הקדמה V, VI).

ניִשט געקוקט דערויף, איז עס פֿאַרט געווען אומפֿאַרמיידלעך, אַז לאַסאַל זאָל ניִשט אָנגעגריפֿן ווערן אין מאַרקס קריטיק, וויבאַלד פֿאָכט אָפּעריִרט מיט אַרגומענטן, וועלכע געפֿינען זיך אויך בא לאַסאַלן. דאָך האָט לאַסאַל אַליין געשריבן צו מאַרקסן אין אַ בריוו פֿון 19 יאַנואַר 1861, אַז נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם „הער פֿאכט", געפֿינט ער מאַרקס באַהויפּטונג, אַז פֿאָכט איז געווען אונטערגעקויפֿט פֿון באָנאַפּאַרטן, פֿאַר „פֿאָלקאָם באַגרינדעט", אַז די באַווייזן זיינען *) „ביז גאר באַשיינפּערלעכע" און אַז דאס בוך איז „אין אַלע הינזיכטן אַ מייסטערהאַפֿט ווערק".

יעדנפֿאַלס, איז „הער פֿאָכט" זייער אַ וויכטיק בוך צום פֿאַרשטיין די געשיכטע פֿון 19־טן יאָרהונדערט; דער דאָזיקער פּאַמפֿלעט האט אין זיך אַזוי פֿיל געשיכטלעכן מאַטעריאַל, אַז ער וואלט קלעקן פֿאַר אַ גאַנצן טוץ גרעסערע אָפּהאַנדלונגען.

פֿאַר אונז האט ער אָבער נאָך אַ באַזונדערן אינטערעס.

די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַרקס און לאַסאַל איז קיינמאָל ניִשט געווען אַזוי לעבהאַפֿט, ווי גראַד אין די יאָרן 1859 און 1860, און אַ גרויסער טייל פֿון איר פֿאַרנעמט זיך פּונקט מיטן איטאַליענישן קריג און מיט דער שטעלונג צו אים. צי מאַרקס בריוו צו לאַסאַלן וועגן דעם ענין זיינען נאָך ערגעץ וווּ פֿאַראַן און צי זייער באַזי־

*) אַז פֿאָכטס אויפֿפֿירונג איז פֿאַרדעכטיק, האָט לאַסאַל שוין פֿריִער געהאַט מודה געווען, אין זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו שיצן אים.

צער האט בדעה זיי צו פאַרעפנטלעכן — ווייסט מען ניִשט. פון לאַסאַלס בריוו ווידער קאָן מען נאָר אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג באַקומען וועגן מאַרקס דעמאָלטיקער שטעלונג אין דער פראַגע, און נאָך ווייניקער וועגן דעם, וויִ ער האָט די דאָזיקע שטעלונג באַגרינדעט, ווייל לאַסאַל — און דאס איז גאַנץ נאַטירלעך — באַגנוגנט זיך מייסטנס דערמיט, וואס ער מאטיוויִרט זיין פאזיציע און קריטיקירט די איינווענדונגען קעגן איר. אין אַ בוך וועגן לאַסאַלן, געשריבן פאַר סאציאַליסטן, איז דאַכט זיך איבעריִק מאריך צו זיין וועגן דעם, וויִ ס׳איז וויכטיק צו וויסן ניִשט נאר זיינע פערזענלעכע באַציִונגען צו די גרינדער פונם מאדערנעם וויסנשאַפטלעכן סאציאַליזם, נאר אויך וויִ ער האט זיך פאַרהאַלטן צו זייער טעארעטישער שיטה און צו זייער אויפפאַסונג פון פאַרשיידענע פאליטישע און סאציאַלע פראַגן.

דער צייטונגס־מענטש איז אַ לאַנגע צייט צוגעגאַנגען צו דער זאַך מיט אַ פאַרטיקן שאַבלאָן. עס האט געהייסן: לאַסאַל איז געווען דער נאַציאָנאַליסט, מאַרקס און ענגעלס זענען אין אַלע הינזיכטן געווען אינטערנאַציאָנאַליסטן; לאַסאַל איז געווען אַ דייטשער פאַטריאָט, מאַרקס און ענגעלס — ניִשט, זיי האבן תמיד אין זינען געהאַט נאר די רעוואָלוציע און די וועלט־רעפּובליק; וואס מיט דייטשלאַנד וועט זיין — דאס איז זיי וויינִיק אנגעגאַנגען.

זינט דער ערשטער אויפלאַגע פון דער אפהאַנדלונג, האט מען זיך פון אט דער קעגנשטעלונג שוין געמוזט אפזאָגן.

נאך איידער לאַסאַלס „איטאַליענישער קריג" איז דערשינען, איז אין זעלבן פאַרלאַג אַרויס נאך אַ בראשור, וואס האט באַהאַנדלט די זעלבע פראַגע. די בראשור האט געהייסן: „פּא און ריין". דער מחבר, וואס האט ניִשט אנגערופן זיין נאמען, האט פונקט, וויִ לאַסאַל אין דער ערשטער אויפלאַגע פון זיין בראשור, געפרווט צו דערווייזן מיט וויסנשאַפטלעכע מיליטערישע ראיות, אַז די עסטרייכישע רעגירונגס־פרעסע איז ניִשט גערעכט, ווען זי טענהט, אַז דייטשלאַנד נויטיקט זיך צוליב זעלבסטשוץ אויף דרום־מערב אין די איטאַליענישע פּראוויִנצן; אַז אַן דעם האט נאך דייטשלאַנד אויך אַ גענוג שטאַרקע שוץ־פאזיציע אין די אַלפּן, בפרט ווען עס שאַפט זיך אַן איינהייטלעכע און אומאפהענגיקע איטאַליע, וועלכע וועט מסתמא קיינמאל ניִשט האבן קיין ערנסטן גרונט צו קריגן זיך מיט דייטשלאַנד; פאַרקערט, זי וועט געוויִס זייער אפט נוטה זיין צו זוכן דייטשלאַנדס פריינט־

שאַפט קעגן פראַנקרייך. אויבעראיטאַליע קאָן, לויטן מחבר, העכסטנס נאר בעת מלחמה נוצן ברעגנען דייטשלאַנד, אין פרידן וועט זי אבער געוויס שאדן ברענגען. און אפילו דער מיליטערישער נוצן וואלט שטאַרק געשאדט די געשווירענע פיינטשאַפט פון 25 מיליאָן איטאַליענער. אבער די פראַגע, פירט אויס דער מחבר, וועגן די פּראָווינצן איז אַלנפאַלס נוגע דייטשלאַנד און איטאַליע, אבער נישט עסטרייך מיט זוי נאַפּאלעאנען. לגבי אַ דריטן, אַ נאַפּאָלעאָן, וועלכער מישט זיך אַריין נאר צוליב זיינע אייגענע, אין אַלע אַנדערע פּרטים, אַנטי־דייטשישע אינטערעסן, האנדלט זיך שוין פשוט אין דעם, איינצוהאַלטן אַ פּראָווינץ, וועלכע מען קאָן סיידן נאר על פי נויט אפּגעבן, ווי אַ מיליטערישע פּאָזיציע, וועלכע מען ראַמט אפּ נאר ווען מען קאָן זי מער נישט איינהאַלטן... „פאַלט מען אויף אונז אָן, פאַרטיידיקן מיר זיך". אויב נאַפּאלעאן וויל זיין דער פּאַלאַדין פון איטאַליעס אומאָפּהענגיקייט, מעג ער אנהויבן פון זיך און אפּגעבן קאָרסיקע די איטאַליענער — דאַן וואלט מען געזען, ווי ערנסט ער מיינט דערמיט. אויב די מאַפּע פון אייראָפּע זאָל שוין יא רעווידירט ווערן, דאַן „האבן מיר, דייטשן, דאס רעכט צו פאָדערן, אַז דאס זאָל געטאָן ווערן גרינטלעך און אומפּאַרטייאיש, נישט מען זאָל פאַר־לאַנגען, ווי דער מנהג איז, אַז נאר דייטשלאַנד אַליין זאָל קרבנות ברענגען. דער סוף־מעשה פון דער גאַנצער אונטערזוכונג, איז אבער, ענדיקט דער מחבר, אַז מיר דייטשן וואלטן געמאַכט דאס בעסטע געשעפט, ווען מיר זאָלן קאָנען אויסבייטן דעם פּאָ, מינטשיאָ, עטש און דאס גאַנצע איטאַליענישע אַלטוואַרג אויף דער איינהייט... וועלכע קאָן איינציק און אַליין אונז שטאַרק מאַכן הן פון אינעווייניק, הן קעגן דרויסן".

דער מחבר פון דער בראָשור איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי פרידריך ענגעלס אַליין. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז ענגעלס האָט ביים פאַרעפנטלעכן די בראָשור זיך פאַרשטענדיקט מיט מאַרקסן. און דעם פאַרלעגער האָט געגעבן לאַסאַל. פון לאַסאַלס אַ בריוו זעט מען, אַז ער האָט רעפערירט דעם אינהאַלט פון דער בראָשור אויך פאַר דער ווינער צייטונג „די פּרעסע" — דאַמאָלט נאָך אַן אומאָפּהענגיקע־מיטן רעדאַקטאָר פון וועלכער ער איז געווען גוט באַקאַנט. ער האָט אַלזאָ זייער גוט געוווסט דעם אינהאַלט אירן בעת ער האָט געשריבן זיין „איטאַליענישן קריג", און זיין פּאָלעמיק האָט טאַקע אין זינען

אויך ענגעלסן, ווען ער באַקעמפט דעם געדאַנק, אַז ווי באַלד די מלחמה ווערט צוליב נאַפּאַלעאָנס אָנפֿירונג אויס באַפֿרייונגס־מלחמה און ווערט מגולגל אין אַן אָנגריף קעגן דייטשלאַנד, וועלכער מוז זיך אויסלאָזן מיט אַן אָנפֿאַל אויפֿן ריין — דאַרף דעריבער דייטשלאַנד נאָר פֿון דעם שטאַנדפּונקט צוגיין צו אָט דער מלחמה. פֿון דער אַנדער זייט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פֿריער, ווערט לאַסאַלס בוך קריטיקירט אין „הער פֿאָכט“, נעמלעך אין קאַפּיטל VIII „פֿאָכט און זיינע פֿאַרשוונגען“*).

מיר וועלן ברענגען נאָר איין ביישפּיל דערפֿון, ווי אָפּט לאַסאַלס חקירות פֿאַלן צונויף מיט די פֿון פֿאָכטן. מצד עסטרייך האָט מען זיך פֿאַררופֿן אויף די אָפּמאַכן פֿון 1815, וועלכע האָבן פֿאַר עסטרייך גאַראַנטירט דעם באַזיץ פֿון לאָמבאַרדיען. דערויף ענטפֿערט

**לאַסאַל:**

„די אָפּמאַכן פֿון 1815 קאָנען מער ניט דיפּלאָמאַטיש גענומען ווערן ערנסט. נאָך דער קאָנסטיטוירונג פֿון בעלגיע, נאָכדעם ווי עסטרייך האָט מיט די פֿיס געטראָטן און צעריסן די אָפּמאַכן דורך איר אָקופּאַציע פֿון קראָקע, כאָטש אַלע אייראָפּעישע קאַבינעטן האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט — האָבן די אָפּמאַכן פֿאַרלאָרן זייער רעכטלעכע קראַפֿט פֿאַר אַלע מיטגלידער פֿון אייראָפּעישן מלוכה־בונד“. („איטאַל. קריג“, געז. שריפֿטן, I באַנד, ז. 43).

**פֿאָכט:**

„עס איז מאָדנע צו הערן אַזוינע טענות פֿון דער אייניציקער רעגירונג (קורסיוו פֿון פֿאָכט), וועלכע האָט ביז איצט אויף אַ פֿרעכן אופֿן געבראָכן די אָפּמאַכן. אַלע אַנדערע האָבן ביז איצט רעספּעקטירט די אָפּמאַכן, נאָר עסטרייך האָט אָן אַ שום גרונט, אין פֿרידן, אויסגעשטרעקט איר פֿאַרברעכערישע האַנט קעגן דער קראָקעווער רעפּובליק — דורך די אָפּמאַכן גאַראַנטירט — און האָט זי אַנעקסירט“. („פֿאָרשונגען“, ז. 58).

---

*) דאָסגלייכן אויך אין אַ צווייטער בראָשור פֿון ענגעלסן „סאַוואָי, ניצע און דער ריין“. לאַסאַל האָט אין זיין בראָשור געקוקט אויף דער אַנעקסיע פֿון סאַוואָי דורך פֿראַנקרייך ווי אויף אַ זעלבשטענדיקע זאַך, און אויב דייטשלאַנד האָט געוואָלט באַקומען דערפֿאַר נאָך אַ גרעסערע קאָמפּענסאַציע, האָט ער דערין ניט געזען „קיין שום בייז“. ענגעלס ווייזט דעריבער אָן, אַז סאַוואָי שאַפֿט פֿאַר פֿראַנקרייך אויסעראָרדנטלעך שטאַרקע מיליטערישע פּאָזיציעס קעגן איטאַליע און קעגן דער שווייץ, און דאָס מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט. סאַרדיניען האָט מפֿקיר געווען סאַוואָי, ווייל אין יענעם מאָמענט האָט זי דערפֿאַר געקראָגן אַ גוטן פּרייז, די שווייצער אָבער האָבן פֿון אָט דעם

אִיצט לאָמִיר הערן, וואָס מאַרקס שרייבט קעגן פֿאָכטן:

„נִיקאָלאַי, נאַטִירלעך, האָט פֿאַרנִיכטעט דִי קאָנסטִיטוציע און דִי זעלבסטשטענדִיקייט פֿון פּוילן, כאָטש זיי זענען גאַראַנטִירט געווען דורך דִי אָפּמאַכן פֿון 1815, אויס באַזונדערער „אַכטונג“ צו אָט דִי אָפּמאַכן. נִישט ווייניקער אַכט האָט רוסלאַנד געלייגט אויף קראָקע, ווען זי האָט אִין 1831 באַזעצט אָט דִי פֿרייע שטאָט מִיט אִיר חייל. אִין 1836 אִיז קראָקע ווִידער פֿאַרנומען געוואָרן פֿון רוסן, עסטרייכער און פּרוסאַקעס, מען אִיז זיך מִיט אִיר באַגאַנגען ממש ווִי מִיט אַן אָקופּירט לאַנד, און נאָך אִין 1840 האָט דִי שטאָט אומזִיסט אַפּעלִירט צו ענגלאַנד און צו פֿראַנקרייך, פֿאַררופֿנדִיק זיך אויף דִי זעלבע אָפּמאַכן פֿון 1815. און ענדלעך, דעם 22 פֿעברואַר 1846 האָבן רוסן, עסטרייכער און פּרוסאַקעס ווִידער פֿאַרנומען קראָקע, כּדי צו אַנעקסִירן זי פֿאַר עסטרייך. אַלע דריי צפֿון־מלוכות האָבן געבראָכן דעם אָפּמאַך, דִי עסטרייכִישע אַנעקסיע פֿון 1846 אִיז נאָר געווען דער המשך פֿון דער רוסִישער אָפּענסִיווע פֿון 1831“ („הער פֿאָכט“, ז. 73,4).

אִין אַ באַמערקונג שִיקט נאָך מאַרקס אָפּ צו זיין פּאַמפֿלעט „פּאַלמערסטאָן און פּוילן“, ווו ער דערווייזט, אַז פּאַלמערסטאָן אִיז אויך נאָך פֿון 1831 געווען אַקטִיוו פֿאַרמִישט אִין דער אִינטרִיגע קעגן קראָקע. נאָר דִי פֿראַגע אַליין אִינטערעסִירט אונז קנאַפּ וואָס; אונז אִינטערעסִירט מאַרקס באַהויפּטונג, אַז פֿאָכטס אַרגומענטאַציע קעגן עסטרייך מִיטן קראָקעווער ביישפִּיל שטאַמט אויך פֿון אַ באָנאַפּאַרטִישן קוואַל. היינו: אִין אַ פֿראַנצויזִישן פּאַמפֿלעט, ערשִינען אִין פּאַרִיז אָנהויב 1859, פֿאַרלאַג דאַנטִי, אונטערן נאָמען „דִי אמתע פֿראַגע, פֿראַנקרייך—אִיטאַליע—עסטרייך“ שטייט געשרִיבן בוכשטעבלעך:

„מִיט וואָס פֿאַר אַ רעכט קאָן דִי עסטרייכִישע רעגִירונג רעדן וועגן נִישט אָנרִירן דִי אָפּמאַכן פֿון 1815, ווען זִי אַליין האָט דִי דאָזִיקע אָפּמאַכן געבראָכן, אַנעקסִירנדִיק קראָקע, וועלכערס זעלבשטענדִיקייט אִיז אויך געווען גאַראַנטִירט דורך אָט דִי אָפּמאַכן?“

---

שאַכער גאָרנִישט געהאַט, און זייערע שטאַטסמענער, דִי סטעמפֿלִי, פֿרייהעראָזע א. א. האָבן טאַקע מִיט אַלע כּחות געשטרעבט נִישט צו דערלאָזן, אַז דער בִיז אִיצט נייטראַלער כאַוואַיער געבִיט זאָל אַרִיבער אִין פֿראַנצויזִישע הענט. אִין „הער פֿאָכט“ קאָן מען לייענען וועגן דִי מִינִים מִיטלען, וואָס דִי באָנאַפּאַרט־אַגענטן האָבן אָנגעווענדט אִין דער שווייץ כּדי צוגִישט צו מאַכן דִי דערמאָנטע באַמִיונגען. אַן איינפֿאַכער קוק אויף דער לאַנדקאַרטע דערזאָגט דאָס איבעריקע.

פֿאָכט האָט, ווי זיין שטייגער איז, נאָך צוגעגעבן פֿעפֿער פֿון זיך. די אויסדריקן „די איינציקע רעגירונג", „אויף אַ פֿרעכן אופֿן", „פֿאַרברעכערישע האַנט" זענען שוין זיין אייגנס. דאָסגלייכן, ווען ער אַפּעלירט פּאַטעטיש צו דער „פּאָליטישער נעמעזידע" קעגן עסטרייך אין סוף פֿונם אויבן־ציטירטן אָבזאַץ.

ווען לאַסאַל האָט געשריבן זיין בראָשור, האָט ער נאָך פֿון פֿאָכטס שרייבעריי נישט געוווּסט; ס'איז אָבער קיין ספֿק נישט, אַז די באָנאַפּאַרטישע אַגיטאַציע, וועלכע האָט דורך טויזנטער קאַנאַלן זיך פֿאַרשפּרייט סיי אין לאַנד אינעווייניק סיי אין אויסלאַנד, האָט געהאַט אַ געווּיסן איינפֿלוס אויך אויף לאַסאַלן. חוץ דעם העכער געבראַכטן ביישפּיל וואָלט מען געקאָנט ברענגען נאָך ענלעכע ראיות אין אַ גרויסער צאָל. ווען ביסמאַרקס נאַציאָנאַל־ליבעראַלע חסידים האָבן שפּעטער זיך באַרימט, אַז אַפֿילו לאַסאַל האָט סאַנקציאָנירט די פּאָליטיק פֿון זייער העלד, האָבן זיי דערביי פֿאַרזעצן נאָר איין זאַך: אַז דאָס פּראָגראַם, וואָס לאַסאַל האָט רעקאָמענדירט דער פּרייסישער רעגירונג, איז אין די וויכטיקסטע פּונקטן גלייך געווען צו דעם פּראָגראַם, וועלכן באָנאַפּאַרט האָט דעמאָלט אונטערגערוקט די דייטשע פּאַטריאָטן, כּדי צו געווינען זיי פֿאַר זיין פּאָליטיק. אַלע לאַסאַלס אויספֿירן, וועלכע די בירגערלעכע שרייבער האָבן שפּעטער געלויבט ווי אומגעווייטלעכע נביאות, געפֿינען זיך אויך אין פֿאָכטס „פֿאָרשונגען" און אין אַנדערע פּאַמפֿלעטן פֿון באָנאַפּאַרטישער אָפּשטאַמונג. דווקא פֿאָכט האָט, למשל, שוין אין יאָר 1859 — ס'הייסט נאָך פֿאַר דער אַרמיי־רעפֿאָרם אין פּרייסן — געוווּסט, אַז אויב פּרייסן זאָל אָנהויבן אַ בירגער־קריג פֿאַר דער אויסבילדונג פֿון אַן איינהייטלעכער דייטשער צענטראַל־מאַכט, וועט דער קריג „דויערן ווייניקער וואָכן, ווי דער איטאַליענישער קריג חדשים" („פֿאָרשונגען" ז. 155). פֿאָכט האָט ווידער געוווּסט, אַז דער בערלינער קאַבינעט וועט לאָזן עסטרייך אָן הילף; פֿאַרן „סאַמע קורצזיכטיקסטן", ווי ער דריקט זיך אויס, מוז קלאָר זיין, אַז צווישן דער פּרייסישער רעגירונג און דער קייזערלעכער רעגירונג פֿון פֿראַנקרייך איז פֿאַראַן אַ הסכּם; אַז פּרייסן וועט זיך נישט נעמען פֿאַרן געווער, כּדי צו פֿאַרטיידיקן די נישט-דייטשישע פּראָווינצן פֿון עסטרייך... אַז זי וועט נישט דערלאָזן קיין דייטשישן שטאַט צו העלפֿן עסטרייך, כּדי... צו באַקומען אַ באַלוינונג פֿאַר אירע באַמיונגען אין די צפֿון־דייטשישע

פלאַך=לענדער („פּאָרשונגען“ ז. 19). מער נביאות קאָן מען ווירקלעך פון קיין נביא נישט פאַרלאַנגען.

נאָך אַלעמען, איז אָט דאָס פּראָגראַם נישט אַזוי לייכט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ביסמאַרק וואָלט געוועזן גרייט דערויף, איז אָבער זיין אַגרעסיווקייט נישט געווען גאָר צום האַרצן דעם פּרייסישן פּרינץ-רעגענט. ווילהעלמען האָט דאַן דער געשראָקן דער געדאַנק, גאָר אָפּצוזאָגן עסטרייך פון הילף. ער האָט אַרויסגעשטעלט תּנאים, און ערשט ווען ווין האָט די תּנאים אָפּגעוואָרפן, האָט ער צוריקגעצויגן זיין אַרמיי. העלפן עסטרייך אָן שום תּנאים, ווי לאַסאַל האָט אַ שטיק צייט געמיינט, דאָס האָט ער אויך נישט געוואָלט.

דעם 27 מאַי 1859 שרייבט לאַסאַל צו מאַרקס און ענגעלס:

„מיין בראָשור „דער איטאַליענישער קריג און די אויפגאַבע פון פּרייסן“ וועט אייך אונטערגיין. איך ווייס נישט, צי איר לייענט דאָרט גענוג דייטשע צייטונגען, כּדי צו האָבן כאָטש די מינדסטע פאָרשטעלונג וועגן דער שטימונג, וואָס דאָ הערשט. אַבסאָלוטע פראַנצויזן-פרעסעריי, פראַנצויזן-האַס (נאַפּאָלעאָן איז נאָר אַן אויסרייד, דער ווירקלעכער פאַרבאָרגענער גרונט איז די רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך), דאָס איז דער שופר, אין וועלכן אַלע היגע צייטונגען בלאָזן, דאָס איז די ליידנשאַפט, מיט וועלכער זיי באַמיען זיך, שפּעקולירנדיק אויפן נאַציאָנאַלן געפיל, אָנצושטעקן דאָס האַרץ פון די אונטערשטע פאָלקס-קלאַסן און פון די דעמאָקראַטישע קרייזן — און ליידער, מיט היפּש ערפאָלג. אויף וויפיל עס וואָלט געווען נוצלעך פאַר אונזער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג אַ רעגירונגס-מלחמה מיט פראַנקרייך קעגן ווילן פון פאָלק, אויף אַזויפיל שעדלעך פאַר אונזער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג מוז זיין די ווירקונג פון אַ מלחמה, וועלכע איז פּאָפּולער ביים פאַרבלענדעטן פאָלק. צו די מאָטיוון, וועלכע ווערן אַרומגערעדט אין 6-טן קאַפּיטל פון מיין בראָשור, דאַרף מען צוגעבן, אַז שוין איצט מערקט זיך, ווי דער תּהום, וואָס שיידט אונז אָפּ פון דער רעגירונג, הויבט אָן פאַרשאָטן צו ווערן. בײַ אַזאַ דראָענדיקער סכּנה האָב איך געפונען פאַר מיין חוב זיך אַנטקעגנצושטעלן... נאַטירלעך, איך נאַר מיך נישט אויף קיין איין מינוט, אַז די רעגירונג קאָן און וועט זיך שטעלן אויף דעם וועג, וואָס איך לייג פאָר אין קאַפּיטל 3. פּונקט פאַרקערט!.. אָבער דווקא דערפאַר האָב איך נאָך מער געהאַלטן פאַר נויטיק אָט

דעם פֿאָרשלאַג צו מאַכן, טאַקע ווײַל ער מוז פֿאַרוואַנדלט ווערן גלײַך אין אַ פֿאָרוווּרף קעגן דער רעגירונג, ער מוז ווירקן ווי אַן אײַז־סלופּ, אָן וועלכן עס דאַרפֿן זיך ברעכן די פֿאַליעס פֿון אָט דער פֿאַלשער פּאָפּולערקײט".

אויף אַזאַ אופֿן קומט אויס, אַז מיט זײַן בראָשור האָט לאַסאַל זיך מתכוון געווען צו דינען מער דער רעוואָלוציאָנערער אײדער דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אַלײן פֿאַר זיך איז דער געדאַנק געווען אַ ריכטיקער, די פֿראַגע איז בלויז באַשטאַנען דערין, צי איז דאָס מיטל אַ פּאַסיקס, צי וועט עס ניט פֿאַרפֿירן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע מאַרקס און ענגעלס זענען אויך גרײט געווען צײַטווײַליק צו באַרעכטיקן, אויף קײן פֿאַלשע וועגן? אָט דאָס האָבן טאַקע מאַרקס און ענגעלס געטענהט. זײ האָבן געהאַלטן, אַז ווײַבאַלד עס פֿירט זיך אַן אָנגריף קעגן דײַטשלאַנד אַלס גאַנצעס, דאַרף מען קודם כּל אָט דעם אָנגריף אָפּשלאָגן דורך אַ געמײנזאַמער אַקציע פֿון אַלע דײַטשן, און אין אַזאַ מאמענט טאָר מען ניט אפֿילו לפּנים שטיצן אַ פּאָליטיק, וועלכע קאָן צערײַסן דײַטשלאַנד. די חילוקי דעות צווישן זײ מיט לאַסאַלן ערקלערן זיך דער עיקר דערמיט, וואָס זײ האָבן די פֿראַגע באַטראַכט פֿון אַ ווײַטערן היסטאָרישן און אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, בעת לאַסאַל האָט זיך מער גערעכנט מיט די פֿאַרהעלטענישן אין דער אינערער פּאָליטיק, ווי זײ האָבן צו דעם מאָמענט אויסגעזען. דערפֿון נעמט זיך אויך לאַסאַלס פֿאָלגנדיקער טעות: בנוגע צו פֿראַנקרײַך האָט ער געוווּסט צו אונטערשײדן שטרענג צווישן פֿאָלק און רעגירונג; עסטרײַך אָבער און די האַבּס־בורגער דינאַסטיע זענען געווען פֿאַר אים אײנס, און ער האָט פּראָקלאַמירט די „פֿאַרניכטונג פֿון עסטרײַך", אָנשטאָט צו רײדן וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון דעם האַבּסבורגער רעגירונגס־סיסטעם. אין אײנעם אַ בריוו זײַנעם צו ראָדבערטוסן שטעלט ער זיך אָפּ דערויף, וואָס יענער האָט אים געהאָט געשריבן: „איך האָף נאָך צו דערלעבן די צײַט, ווען די טערקישע ירושה וועט אויספֿאַלן פֿאַר דײַטשלאַנד און דײַטשישע סאָלדאַטן אָדער אַרבעטער־פֿאָלקן וועלן שטײן בײַם באָספּאָר", און זאָגט:

„די דאָזיקע ווערטער אין אײַער לעצטן בריוו האָבן מיך ביז גאָר גערירט. וויפֿיל מאָל האָב איך פּונקט אַזאַ מײנונג אומזיסט פֿאַרטײדיקט קעגנער מײַנע בעסטע פֿרײַנט, און זײ האָבן מיך

דערפאַר נאָר געהאַלטן פאַר אַ טרוימער! דער גאַנצער זינען פונם אַלץ אָפּלייגן די אָריענטאַלישע פראַגע, מיט וועלכער מע האָט צו טאָן זייט דעם יאָר 1839, איז פאַר מיר תמיד באַשטאַנען נאָר דערין, אַז די פראַגע מוז אַזוי לאַנג זיך וויקלען, ביז ס'וועט ניט קומען דער אמתער באַלעבאָס, די דייטשע רעוואָלוציע, און וועט זי ניט לייזן! אַפּנים, מיר זענען גייסטיק אַ מין סיאַם-צווילינג, איך און איר". (בריוו פון פ. לאַסאַל צו קאַרל ראָדבערטוס-יאַגעצאָוו, אַרויסגעגעבן פון אַד. וואַגנער, בריוו פון 8 מאַי 1863.)

ווי אַרום דייטשלאַנד קאָן באַקומען די טערקישע ירושה, נאָכדעם ווי עסטרייך איז „צעריסן, צעפליקט, צעמאָלט און פאַרניכטעט" און אונגאַרן מיט די סלאַווישע לאַנד-טיילן זענען אָפּגעריסן פון דייטש-עסטרייך — איז שווער צו באַגרייפן.

צו דעם ענין האָט אַ שייכות נאָך פאָלגנדיקער אָרט אין די בריוו צו ראָדבערטוסן:

„אויב איך האָב עפּעס געהאַסט אין מיין לעבן, איז עס די קליינדייטשע פּאַרטיי. אַלץ וואָס איז קליינדייטשיש איז צביעות און גאַגעריי (גאַגער איז געווען אַ „מלוכה-מאַן" אַ קליינדייטשער) און ריינע פחדנות. מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון מיינע פריינט דאָ בא מיר, האָב איך די זאַך אַזוי פאָרמולירט: מיר מוזן אַלע שטרעבן צו איינס: גרויס-דייטשלאַנד, נאָר אָן די דינאַסטיעס."

„איך האָב אין מיין לעבן קיין איין וואָרט ניט געשריבן, וואָס זאָל פאַרשאַפן נחת דער קליינדייטשישער פאַרטיי, איך באַטראַכט זי בלויז ווי אַ פּראָדוקט פון מורא פאַר ערנסטקייט, פאַר קריג, פאַר רעוואָלוציע, פאַר רעפּובליק — מיט אַ גוט ביסל נאַציאָנאַלן פאַרראַט". (בריוו פון 2 מאַי 1863.)

עס איז קלאָר, אַז ווען לאַסאַל וואָלט ערנסט גענומען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, ווי ער האָט עס אַנטוויקלט אין „איטאַליענישן קריג", וואָלט ער ניט געקאָנט שרייבן די אויבן געבראַכטע שורות, וואָרים דאָס פּראָגראַם זיינס איז בפירוש אַ קליינדייטשיש. ער האָט אָבער דאָס פּראָגראַם באַנוצט פיל מער צוליב דעם, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי קאָן דינען פאַר זיינע ווייט גייענדיקע פּאָליטישע צוועקן, פאַרן דערנענטערן די רעוואָלוציע, וועלכע וועט שוין די נאַציאָנאַלע פראַגע אויך לעזן אין גרויסדייטשישן זינען. אין די

בריוו זיינע צו מאַרקס און ענגעלס, פון נאָך דעם 27 מאַי 1859, רעדט ער וועגן דעם אַלץ קלאָרער און בולטער. אַזוי ווי דאָס רוב בריוו זענען שוין פאַרעפנטלעכט, קאָנען מיר זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט אייניקע קורצע אויסצוגן.

אַרום 20 יוני 1859 (לאַסאַלס בריוו זענען אָפט נישט דאַטירט, אַזוי אַז די דאַטע קומט אויס פעסטצושטעלן נאָכן אינהאַלט נאָך) שרייבט לאַסאַל צו מאַרקסן: „נאָר אין אַ פּאָפּולערער מלחמה קעגן פראַנקרייך... זע איך אַן אומגליק. אַ נישט פּאָפּולערע מלחמה אָבער וואָלט געווען אַ קאָלאָסאַלער גליק פאַר דער רעוואָלוציע. די אויפגאַבע צעפאַלט זיך דעריבער אויף צווייען: אונזערע רעגירונגען זאָלן די מלחמה אויפנעמען (און זיי וועלן עס טאָן), און מיר זאָלן זי אומפּאָפּולער מאַכן... אַפנים, אַז איר דאָרטן, ווייט פון דאַנען אין אַ משך פון צען יאָר, האָט טאַקע קיין אַנונג נישט וועגן דעם, ווי ווייניק נאָך אונזער פאָלק איז פריי פון מאָנאַרכיזם. איך האָב עס ערשט אין בערלין מיט גרויס צער צוגעזען... אויב דערצו וועט נאָך צוקומען דער גלויבן ביים פאָלק,*) אַז די רעגירונג פירט די מלחמה אַלס אַ נאַציאָנאַלע, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע טאַט — וועט איר זען, ווי דאס פאלק וועט לייכט פאַרגעסן אין אַלע חטאים פון דער רעגירונג, און ווי דוקא באַ אומגליקפאַלן וועט די „דייטשע טריישאַפט“ צובינדן דאס פאלק צו די רעגירונגען“...

„אין אונזערע אינטערעסן ליגט באשיינפערלעך פאָלגנדיקס:

„1. אַז די מלחמה זאל פארקומען, (פאַר דעם זארגן שוין, ווי געזאגט, אונזערע רעגירונגען אליין). אלע ידיעות, וועלכע איך האב פון גאנץ זיכערע קוועלן, זאגן, אז דער פרינץ איז גרייט איינצושטעלן זיך פאַר עסטרייך“.

דאס איז גראד נישט געווען אזוי ריכטיק, מיר האבן שוין העכער אנגעוויזן.

„2. אז די מלחמה זאל שלעכט געפירט ווערן. (דאס וועלן אויך אונזערע רעגירונגען אַליין באזארגן, בפרט אז דאס פאלק האט ווייניק אינטערעס צו שטיצן די מלחמה).

„3. אַז דאס פאלק זאל האבן די איבערצייגונג, אז די מלחמה

*) דערצו מאכט לאַסאַל אין קלאַמערן פאָלגנדיקע באַמערקונג: „צום גליק, וועט איר אויך דעם פאָלק אַזאַ אמונה נישט פריידיקן, און איך גלויב, אַז דער רעוואָלוציאָנערער נוצן איז געזיכערט“. אויב אַזוי אָבער, טאָ צו וואָס ברויך מען די בראָשור?

ווערט געפירט צוליב ריין־דינאסטישע, צוליב קאנטער־רעוואלוציאנערע צילן, ד. ה. קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן. דאָס קאנען שוין נאָר מיר באַזאָרגן, און דאָס איז טאַקע אונזער חוב".

דערנאָך באַרירט לאַסאַל די פראַגע, וואָס פאַר אַ ציל און זינען וואָלט געקאָנט האָבן צו „ווען אַרויסרופן ביי אונז אַ פאָפולערע מלחמה קעגן פראַנקרייך". אָבער אויך דאָ אָנערקענט ער פאַר מאָסגעבנד נאָר צוויי זאַכן: ערשטנס, דעם איינפלוס אויף די מיינונגען פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען איןביידע לענדער, און צווייטנס די ווירקונג אויף די באַציִונגען פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע צו דער פראַנצויזישער און צו דער איטאַליענישער. די פראַגע וועגן די אינטערעסן פון דייטשלאַנד אַלס נאַציע באַרירט ער כּלל נישט. אויף דעם פאָרוואורף, אַז ער פריידיקט, די זעלבע פּאָליטיק, וואָס פּאָכט, וועלכער טוט עס אַלס פראַנצויזישער אַגענט, ענטפערט ער: „ווילסטו מיך דערפירן צו אַבסורד, ווייל איך בין גראָד אַריינגעפאַלן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט? דאַן קאָן איך דיר דעם זעלבן קאָמפּלימענט מאַכן, אַז דו האָסט דאָס אומגליק צו זיין דאָס מאָל איין מיינונג מיט וועגעציי און וואַלדעק". און באַ דער געלעגנהייט באַרימט ער זיך, אַז זיין בראָשור האָט געהאַט אַ „קאָלאָסאַלע" ווירקונג, אַז די „פּאָלקס־צייטונג" און די „נאַציאָנאַל־צייטונג" האָבן גלייך געביטן דעם פראָנט, אַז די לעצטע האָט „אין אַ סעריע פון זעקס לייט־אַרטיקלען אינגאַנצן אומגעביטן איר פּאָזיציע". און לאַסאַל פאַרגיט זיך אפילו נישט מיט דער נאַטירלעכער שאלה, ווי קומט עס, וואָס אָט די אָרגאַנען פון קליינדייטשישער ריכטונג האָבן זיך אַזוי לייכט געלאָזט איבעררעדן!

אין אַ בריוו צו מאַרקסן פון מיטן יולי 1859 — קיין ווילאַפראַנקע — שרייבט ער אַזוי: „עס איז קלאָר, אז מיר גייען זיך פאַנאַנדער נישט אין פּרינציפּ, נאָר מכּוח דער „פאַסיקסטער פּאָליטיק", ווי דו דריקסט זיך אויס און ווי איך האָב עס תּמיד אויפגעפאַסט". און כּדי ס'זאָל נישט בלייבן קיין שום אָרט פאַר ספקות, איז ער גלייך מוסיף: „ד. ה. אַלזאָ וועגן דער פּאָליטיק, וועלכע פאַסט אַמבעסטן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג".

אין אָנהויב 1860 שרייבט ער צו ענגעלסן: „נאָר כּדי אויסצומיידן מיספאַרשטייענישן מוז איך באַמערקן, אַז נאָך פאַראַיאָרן, בעת איך האָב געשריבן מיין בראָשור, האָב איך פון גאַנצן האַרצן

געוואָלט, אַז פּרייסן זאָל פֿאַרפֿירן אַ מלחמה קעגן נאַפּאָלעאָנען. געוואָלט האָב איך עס אָבער נאָר בתּנאַי, אַז די מלחמה זאָל פֿאַרפֿירן די רעגירונג, ביים פֿאָלק אָבער זאָל זי זיין נישט־פּאָפּולער און וואָס מער פֿאַרהאַסט. און דעמאָלט וואָלט די מלחמה געוויס געווען אַ גרויס גליק. אָבער אויב אַזוי, האָט די דעמאָקראַטיע געמוזט אַרויסטרעטן קעגן דער מלחמה, און נישט שרייבן און פּראָפּאַגאַנדירן פֿאַר איר... בנוגע צו דער איצטיקער לאַגע, האַלטן מיר זיך מסתּמא ביי איין און דער זעלבער מיינונג און וואַרשיינלעך אויך בנוגע צו דער צוקונפֿט“.

אין דעם אייגענעם בריוו רעדט לאַסאַל אויך מכּוח פּראָיעקט צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי, וועלכער האָט שפּעטער, ווי באַקאַנט, געבראַכט צו אַ קאָנפֿליקט צווישן דער רעגירונג מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. די מאָביליזאַציע פֿון 1859 האָט באַוויזן דער פּרייסישער רעגירונג, ווי ווייניק איר אַרמיי איז פֿעיק צו פֿירן מלחמה און אַז ס'זענען נויטיק גרינטלעכע רעפֿאָרמען, כּדי צו קאָנען שיקן די אַרמיי קעגן וועמען ס'ניט איז מיט אויסזיכטן אויף ערפֿאָלג. באַקומען האָט זיך דעריבער, אַז ווער ס'האָט ערנסט גערעדט וועגן דער „דייטשער מיסיע פֿון פּרייסן“ האָט געמוזט אויך אָננעמען די אַרמיי־רעפֿאָרם אָדער לפּחות אָנערקענען איר אָביעקטיווע באַרעכטיקונג — און די פּראָגרעסיסטן האָבן לכתּחילה טאַקע געטאָן אַזוי. לאָמיר זשע הערן, וואָס זאָגט לאַסאַל מכּוח דעם: „דער געזעץ־פּראָיעקט איז אַ שענדלעכער! זיין ציל איז, קורץ גערעדט, אָפּצושאַפֿן לגמרי —— נאָר אין אַ פֿאַרמאַסקירטער פֿאָרם — דעם לאַנדווער, אַלס די לעצטע דעמאָקראַטישע רעשטן פֿון 1810, און שאַפֿן אַ קאָלאָסאַלע מאַכט־אָרגאַניזאַציע פֿאַרן אַבסאָלוטיזם און פֿאַרן יונקערטום. מאַנטייפֿעל וואָלט קיינמאָל נישט געוואַגט עפּעס אַזוינס פֿאָרצולייגן! און ער וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט דורכפֿירן. ווער עס לעבט איצט אין בערלין און האַלט פֿונם ליבעראַליזם, דער וועט שוין פֿון עגמת נפֿש קיינמאָל נישט שטאַרבן!“

און נאָך איין אָרט מוזן מיר ציטירן פֿון לאַסאַלס אַ בריוו צו מאַרקסן, פֿון אַאַכען, פֿון 11 סעפּטעמבער 1860. מאַרקס האָט אָנגעוויזן לאַסאַלן אויף אַ נאָטע פֿון גאָרטשאַקאָוון, אַז אויב פּרייסן וועט וועלן העלפֿן עסטרייך קעגן פֿראַנקרייך, וועט רוסלאַנד פֿון איר זייט זיך איינשטעלן פֿאַר פֿראַנקרייך, ד. ה. זי וועט אַרויסטרעטן קעגן

פּרייסן מיט עסטרייך. מאַרקס האָט געטענהט, אַז די נאָטע איז אַ באַוויז, ערשטנס, אַז די באַפרייונג פון איטאַליע איז נאָר אַן אויסרייד, דער אמתער מיין אָבער איז אָפּצושוואַכן דייטשלאַנד, און צווייטנס, איז דאָס מצד רוסלאַנד אַן אומפאַרשעמטע אַריינמישונג אין דייטשלאַנדס אָנגעלעגנהייטן, וועלכע טאָר נישט דערלאָזט ווערן. דערויף ענטפערט לאַסאַל, אַז ער זעט נישט אײן אין דער נאָטע קיין שום באַליידיקונג, נאָר אויב אפילו עס איז יאָ אַזוי, טרעפט די באַליידיקונג נאָר „די דייטשע רעגירונגען". „וואָרים — אום גאָטס ווילן! — וואָס גייט מיר און דיר אָן די מאַכטשטעלונג פון פּרייסישן פּרינץ! אַזוי ווי אַלע זיינע באַגערן און אינטערעסן זענען קעגן די באַגערן און די אינטערעסן פון דייטשישן פאָלק, איז אפשר גאָר אין די אינטערעסן דוקא פון פאָלק, אַז די פּאָזיציע פונם פּרינץ אין אויסלאַנד זאָל זיין וואָס נישטיקער". מען זאָל דעריבער צופרידן זיין פון אָט די באַליידיקונגען און זיי ווי בעסער אויסנוצן קעגן די רעגירונגען, פּונקט ווי די פראַנצויזן האָבן עס געטאָן אין דער צייט פון לוי פיליפּן.

מער „מלוכה־פּאַרטעטריש" זיך אויסדריקן איז שוין אוממעגלעך. און די אַלע, וועלכע האָבן אַ צייט לאַנג אַנטקעגנגעשטעלט לאַסאַלן קעגן דער איצטיקער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַלס מוסטער פון אַ גוטן פּאַטריאָט אין נאַציאָנאַל־ליבעראַלן טייטש פון דעם וואָרט, האָבן נעבעך געליטן גרויס בזיון נאָכדעם, ווי אָט די בריוו זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן. די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוויגן לאַסאַלן צו שרייבן זיין „איטאַליענישן קריג", זענען געווען וואָס איר ווילט, נאָר זיי האָבן לחלוטין נישט צו טאָן מיט דער נאַציאָנאַלער מיסיע פון די האָהענצאָלערנס. דאָס רוב בורזשואַזע ביאָגראַפן ווילן פון דער בראָשור דרינגען, אַז דער פּאַטריאָט האָט דאָ גובר געווען דעם פּאַרטיי־מאַן; אין דער אמתן אָבער, איז עס פּונקט דער היפוך: מיט פיל מער רעכט קאָן מען זאָגן, אַז אין געגעבענעם פאַל האָט אין לאַסאַלן דער פּאַרטיי־מאַן, דער רעפּובליקאַנישער רעוואָלוציאָנער, צוריקגעשטויסן דעם פּאַטריאָט.

עס קאָן זיך אין פלוג שטעלן פאָלגנדיקע קשיא: „אויב דער שטאַנדפּונקט, וועלכן לאַסאַל אַנטוויקלט אין זיינע בריוו צו מאַרקסן, איז אַזוי סותר די מיינונגען, וועלכע ער פאַרטיידיקט אין זיין בראָשור, טאָ ווו איז די גאַראַנטיע, אַז דוקא דער ערשטער איז דער

װירקלעכער אויסדרוק פון לאַסאַלס אינערלעכער מיינונג? אויב לאַסאַל האָט אין איינעם פון די צוויי פאַלן פאַרהילט זיין אמת געזיכט, אפשר האָט ער עס געטאָן אין די בריוו צו מאַרקסן?" קעגן דער דאָזיקער השערה רעדן אָבער אַזוי פיל פאַקטן, אַז ס'לוינט כמעט נישט זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף איר. דאָס װיכטיקסטע איז, אַז די גאַנצע סתירה צװישן דער בראָשור מיט די בריוו איז אין תוך אַריין נאָר אַ כלומרשטע. אומעטום וווּ מיר טרעפן אין דער בראָשור געדאַנקען, וועלכע שטימען נישט איין מיט דעם געזאָגטן אין די בריוו, זענען די געדאַנקען אַלעמאָל פאָרמולירט נאָר היפּאָטעטיש, מיט אַ גרויסן „ווען"; און דער „ווען" ווערט אַלעמאָל באַגלייט מיט אַ „ווען אָבער נישט, דאַן", און דעם „דאַן" פאָרמולירט ער אַזוי: „דאַן וועט דערמיט נאָך און נאָכאַמאָל באַוויזן ווערן, אַז די דייטשישע מאָנאַרכיע איז מער נישט פעיק אויף קיין נאַציאָנאַלע טאַט". די פּאָזיטיווע באַהויפּטונגען אָבער פון דער בראָשור ווערן אַלע אונטערגעהאַלטן אויך אין די בריוו. ער האָט גאַנץ אויפריכטיק געמיינט — און דאָס איז דער הויפּט-אינהאַלט פון דער בראָשור — אַז די דעמאָקראַטיע, אונטער וועלכער ער האָט פאַרשטאַנען אַלע אַנטשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, דאַרף נישט אָנגעמען די מלחמה קעגן פראַנקרייך, און דורכדעם וועט זי זיך סאָלידאַריזירן מיט דער אונטערדריקטער איטאַליע; און ער האָט אויך דורכויס ערנסט געשטרעבט דערצו, אַז עסטרייך זאָל צעפאַלן ווערן. אויף אַזוי פיל איז די בראָשור, מעג מען מסכים זיין מיט איר צי נישט, אַלס אַ סוביעקטיווע מיינונג פולקאָם באַרעכטיקט.

גאַנץ אַנדערש איז מיטן שלוס-קאַפּיטל פון דער בראָשור. דאָרט טרייבט לאַסאַל די אַרט דיפּלאָמאַטיע, וועלכע ער אַליין האָט אַזוי באַקעמפט אין זיין פירוש צו „פראַנץ פאָן זיקינגען". אמת, דער דעמאָקראַטישער פּאָליטיקער איז אויך נישט מחויב אין יעדן מאָמענט צו טרומייטערן וועגן זיינע לעצטע אויסזיכטן און כוונות. אָבער עס פּאַסט צו אים נישט און שטעלט אים אין אַ פאַלשע לאַגע, ווען ער טרעט אַרויס פאַר אַ געווינסע פּאָליטיק, האָבנדיק דערביי דעם בפירושן רצון, מען זאָל איר נישט נאָכפאָלגן. לאַסאַל האָט דאָס אָבער געטאָן. דער נישט באַהאַוונטער לעזער פון זיין בראָשור האָט געמוזט אָננעמען, אַז לאַסאַל וויל פון גאַנצן האַרצן, אַז די פּרייסישע רעגירונג זאָל זיך האַלטן אָן דער פּאָליטיק, וואָס איז אין דער בראָשור אַנט-

ווִיקלט. לאַסאַל האָט טאַקע געקאָנט זיך פֿאַררופֿן אויף זיין זיכערקייט, אַז די פּרייסישע רעגירונג וועט נישט האַנדלען לויט דער פּאָליטיק. דאָס קאָן אָבער נישט פֿאַרענטפֿערן די דאָפּלטע שפּיל. די אַדוואָקאַטישע קונצשטיק צו פֿאָדערן עפּעס דווקא, ווייל מע גלויבט דערביי, אַז דאָס וועט נישט געשען, איז אין פּאָליטיק דורכויס אַ פֿאַלשמיטל, וואָס קאָן נאָר פֿאַרפֿירן די אייגענע אָנהענגער — און דאָס איז טאַקע שפּעטער געשען אויך אין געגעבענעם פֿאַל. דער ביישפּיל, אויף וועלכן לאַסאַל פֿאַררופֿט זיך לטובֿת זיין טאַקטיק, איז דער סאַמע אומגעלונגענסטער. דער אופֿן, ווי די רעפּובליקאַנישע אָפּאָזיציע אין פֿראַנקרייך בעת לוי פֿיליפּן האָט געמאַכט די אויסלענדישע פּאָליטיק, האָט טאַקע צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַרן מערדער פֿון דער רעפּובליק, פֿאַר באָנאַפּאַרטן. פּונקט ווי די „ריינע רעפּובליקאַנער“ האָבן געוואָלט שפּעקולירן אויף דער נאַפּאָלעאָנישער לעגענדע קעגן לוי פֿיליפּן, אַזוי האָט אויך לאַסאַל געמיינט אויסצונוצן די פֿרידריכשע לעגענדע קעגן דער דעמאָלטיקער פּרייסישער רעגירונג. די לעצטע האָט זיך אָבער קיינמאָל גאָר נישט געוואָרפֿן מיט דער פֿרידריכשער טראַדיציע, — אַלנפֿאַלס אויף וויפֿיל זי האָט דאָ געקאָנט קומען אין באַטראַכט — ס'האָט זיך באַקומען דעריבער, אַז לאַסאַל נישט ער טרעט אַרויס קעגן דער הויף־פּאָליטיק פֿון די האָהענצאָלערנס, נאָר פֿאַרקערט, ער מאַכט נאָך פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר איר.

מיר ווייסן, ווי ענערגיש די דאָזיקע פּאָליטיק איז געפֿירט געוואָרן, ווי באַלד פּרייסן האָט זיך נאָר דערפֿילט מיליטעריש גענוג שטאַרק דערפֿאַר, ווי דאָס האָט געבראַכט גאָר גיך צום בירגער־קריג צווישן צפֿון־און דרום־דייטשלאַנד, ווי עסטרייך איז מיט גליק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון דייטשישן בונד און די „פֿאַרייניקונג“ פֿון גרונט־דייטשלאַנד איז דערנאָך גלייך פֿאַרווירקלעכט געוואָרן; אָבער די דאָזיקע רעאַליזירונג פֿון דעם פּראָגראַם, וואָס געפֿינט זיך אין „איטאַליענישן קריג“, איז אַזוי געראָטן אין דער לייזונג, וואָס לאַסאַל האָט זיך אויסגעמאָלט, פּונקט ווי דער קעמל איז געראָטן אין פֿערד אין דער פֿאַבל פֿון לעסינג.*)

---

*) אין דער ערשטער אויפֿלאַגע האָבן זיך געפֿונען אויף דעם אָרט די איצט אין קלאַמערן גענומענע שורות. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך דער צעפֿאַלונג פֿון דער רוסישער אימפּעריע האָבן די שורות כמעט פֿאַרלאָרן זייער זאַכלעכע באַדייטונג, און חוץ דעם אַנטהאַלטן זיי אין זיך געדאַנקען, פֿון וועלכע איך אַליין זאָג זיך איצטער אָפּ.

(וואָהין האָט אונז די פּרייסישע לייזונג פון דער דייטשישער פראַגע געבראַכט? עסטרייכס אַרויסשטויסונג פון דייטשישן בונד האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרשטאַרקט די פּאַנסלאַוויסטישע פראָפּאַגאַנדע, די עסטרייכישע רעגירונג מוז איצט מאַכן די סלאַוון איין הנחה נאָך דער אַנדערער, און יענע טרעטן אַלעמאָל אַרויס מיט אַלץ גרעסערע פאָדערונגען. דאָרט ווו פריער וואָלטן זיי גאַנץ צופרידן געווען, מען זאָל נאָר אנערקענען זייער שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט, ווילן זיי איצט הערשן און אונטערדריקן אַנדערע; אין פּראָג, איצט אַ טשעכישע שטאָט, ברידערן זיך די טשעכן מיט די פראַנצויזישע שאָוויניסטן אין קאַמף קעגן די דייטשן. די איינגלידערונג פון די דייטשישע טיילן פון עסטרייך און דייטשלאַנד וועט פריער אָדער שפּעטער פאָרקומען, אָבער שוין באַ צען מאָל אומגינסטיקערע באַדינגונגען, ווי דאָס וואָלט געקאָנט זיין, איידער עסטרייך איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דייטשישן בונד. דערווייל מוז דייטשלאַנד רויק צוזען, ווי אין יענע געביטן קומט פאָר אַלץ אַ גרעסערע סלאַוויזירונג, ווייל ביסמאַרקס אופן פון פאַריייניקונג האָט אַזוי שטאַרק געמאַכט רוסלאַנד, אַז דייטשלאַנד איז ווידער ביז גאָר פאַרינטערעסירט דערין, אַז עסטרייך זאָל ווי ס'איז זיך אויפהאַלטן. עפּעס איז פּאָרט בעסער ווי גאָרנישט. און טאַקע, כּל זמן אין רוסלאַנד הערשט דער צאַריזם מיט זיינע פּאַנסלאַוויסטישע באַשטרעבונגען, האָט נאָך די עקזיסטענץ פון איציקן עסטרייך אַלס מלוכה געוויסע באַרעכטיקונג.)

לאַסאַל, נאַטירלעך, האָט געוואָלט גאָר עפּעס אַנדערש, נישט דאָס פּשוטע אויסשליסן עסטרייך פון דער מלוכה. ער האָט געוואָלט

---

אויב איך האָב זיי נישט אינגאַנצן אויסגעמעקט, איז נאָר צוליב דעם, ווייל פון זיי קאָן מען זען, ווי איך האָב דעמאָלט — אין 1891 — זיך געמאָלט די שטעלונג פון דייטשלאַנד צו דער אין יאָר 1866 געשאַפענער לאַגע.

אין דער ענגלישער אויסגאַבע איז די שטעל געווען אביסל אַנדערש רעדאַגירט — און איך האַלט פאַר נישט איבעריק צו ברענגען די ענגלישע רעדאַקציע, ווייל איך האָב זי בלי ספק צו פאַרדאַנקען ענגעלסן, וועלכער האָט דורכגעקוקט יענע אויסגאַבע. די ענגלישע רעדאַקציע לויטעט אַזוי:

„וואוהין האָט געבראַכט דייטשלאַנד די פּרייסישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע? לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט עלזאַס-לאָטאַרינגען — די אַנעקסיע פין דער פּראָווינץ איז געווען אַ שפּעטערדיקע נאַרישקייט — און לאָמיר נאָר באַטראַכטן די לאַגע פון דייטשן פאָלק קעגנאיבער רוסלאַנד און קעגנאיבער דעם פּאַנסלאַוויזם. עסטרייכס אַרויסשטויסונג פון דייטשישן בונד". (ווייטער — ווי אין אָריגינאַל.)

עסטרייך זאָל צעפֿאַלן און פֿאַרניכטעט ווערן, און אירע דייטשישע טיילן זאָלן ווערן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פֿון דער איינציקער און אומטיילבאַרער דייטשישער רעפּובליק. און דעריבער טאַקע האָט ער נישט געטאָרט אפילו לפנים אויפשטעלן אַזאַ פּראָגראַם, וואָס זיין דירעקטע פעולה האָט געמוזט זיין דער בירגער־קריג אין לאַנד און די מלחמה פֿון צפון־דייטשלאַנד קעגן דרום־דייטשלאַנד, ווו די באַפֿעלקערונג איז אין 1859 אַנטשיידן געווען אויף דער זייט פֿון עסטרייך. נאָר מיט לאַסאַלס נטיה אַלע מאָל מקריב צו זיין אַלץ צוליב דעם צוועק, וועלכן ער שטעלט זיך אין דעם מאָמענט, קאָן מען ערקלערן זיין באַנוצן זיך מיט דיפּלאָמאַטישע גענג, וועלכע ער אַליין האָט ערשט אַזוי שאַרף פֿאַרורטיילט אין זיין „פֿראַנץ פֿאָן זיקינגען".

דערצו איז נאָך צוגעקומען, ביים שרייבן די בראָשור, דער ליידנשאַפֿטלעכער דראַנג אַריינצומישן זיך אין דער אַקטועלער פּאָליטיק. דאָס קומט צום אויסדרוק וויפֿיל מאָל אין זיינע בריוו. און ווען לאַסאַל וואַרפֿט אָפּ צו יענער צייט פֿאַרשיידענע פֿאָרשלאַגן מיט דער מאָטיווירונג, אַז ער דאַרף פֿאַרטיק ווערן מיט זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, האָט ער אַלע מאָל די פֿאַרבאַהאַלטענע מחשבה: „ס'זאָל זיך נאָר שאַפֿן אַ מעגלעכקייט צו ווירקן אוממיטלבאַר אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, דאַן לאָז איך צו רו די וויסנשאַפֿט אויך".
אַזוי, למשל, האָט ער דעם 21 מערץ 1859 געשריבן צו ענגעלסן:

„גיכער פֿון אַלץ וועל איך מסתמא פֿון איצט אָן פֿאַרבלייבן ביים נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן און געשיכטס־פֿילאָזאָפֿישן פֿאַך — איך מיין געשיכטע אין זינען פֿון סאָציאַלער קולטור־אַנטוויקלונג — סיידן, וואָס איך וויל נאַטירלעך האָפֿן, עס וועט ענדלעך זיך אָנהויבן אַ פּראַקטישע באַוועגונג, וועלכע וועט אוממעגלעך מאַכן יעדע גרעסערע טעאָרעטישע אַרבעט."

---

כאָטש בײַ מיר איז קיין איין וואָרט נישט געווען וועגן עלזאַס־לאָטארינגען, און פֿאַרן ענגלישן לעזער האָט די פֿראַגע דעמאָלט נאָך נישט געהאַט קיין שום באַזונדערן אינטערעס, ניצט ענגעלס דאָך אויס די געלעגנהייט צו דערמאָנען וועגן איר, כדי צו פֿאַרצייכענען די דאָזיקע אַנעקסיע ווי אַ גרויסן פּאָליטישן פֿעלער. אַ באַווייז, ווי ווייניק ענגעלס האָט גערעכנט די אַנעקסיע פֿאַר אַן ענדגילטיקע.

דאָס, וואָס ענגעלס האָט אומגעביטן די ווערטער „אונז געבראַכט" אויף „געבראַכט דייטשלאַנד", דערקלערט זיך פּשוט מיט דעם, וואָס די ענגלישע אויסגאַבע איז אויסגערעכנט אויף אַ נישט דייטשן פּובליקום. איך וואָלט אָבער איצט בעסער גענומען דעם לעצטן אויסדרוק נאָך צוליב ריין סטיליסטישע טעמים אויך.

„ווי גערן איך וויל לאָזן נישט אָנגעשריבן דאָס, וואָס איך ווייס, אַבי ס׳זאָל זיך איינגעבן כאָטש עטוואָס צו טאָן פון דעם, וואָס מיר (פּאַרטיי) קאָנען".

און זעקס וואָכן נאָכדעם, ווי ער האָט דאָס געשריבן, זאָל לאַסאַל אַריינפאַלן אין מאָנאַרכיסטיש-קליינדייטשישן לאַגער? ניין, זיין דיפּלאָמאַטיע איז טאַקע געווען אַ פאַלשע, אָבער זיין כוונה איז געבליבן די זעלבע, די פריערדיקע: רעוואָלוציע צוליב דער איינציקער און אומטיילבאַרער דייטשישער רעפּובליק. די כוונה איז קלאָר אויסגעדריקט אין זיין מאָטאָ צו דער בראָשור, גענומען פון ווירגיליי: „אויב איך קאָן די געטער — די רעגירונג — נישט באַיינפלוסן, וועל איך דעם „אַכעראָן" — דאָס פאָלק — אין באַוועגונג ברענגען".

* *
*

זומער 1860 האָט לאַסאַל פאַרעפנטלעכט אין די „דעמאָקראַטישע שטודיען" פון לודוויג וואַלעסראַד אַן אָפּהאַנדלונג, וועלכע איז שפּעטער אַרויס ווי אַ בראָשור אונטערן נאָמען: „פיכטעס פּאָליטישע צוואה און די נייסטע געגנוואַרט". די בראָשור קאָן מען אין אַ געוויסער מאָס באַטראַכטן ווי אַ נאָכוואָרט צום „איטאַליענישן קריג", און דאָ זאָגט שוין לאַסאַל אַרויס אָפן דאָס, וואָס ער האָט פריער געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרהילן. לאַסאַל נוצט אויס אַ געוויסן פּאָליטישן עסקיז, וועלכער איז פאַרבליבן פון פיכטען, און דרינגט פון אים אַרויס, אַז די „פּאָליטישע צוואה" פיכטעס באַשטייט דערין, אַז די איינהייט פון דייטשלאַנד באַטייט אַן אוניטאַרישע רעפּובליק. אַנדערש איז די פאַרווירקלעכונג פון דער איינהייט בכלל נישט מעגלעך. אויב אָבער דייטשלאַנד זאָל עראָבערט ווערן דורך וועלכן ס׳נישט איז פון די עקזיסטירנדיקע דייטשישע שטאַטן, וואָלט דער פּועל יוצא געווען, אַז „נישט דייטשלאַנד וואָלט אויפגעשטעלט געוואָרן, נאָר אַלעמען וואָלט אָנגעבונדן געוואָרן דער ספּעציפישער גייסט פון דעם זיגערישן שטאַט און די איבעריקע וואָלטן פּרייסיפיצירט, בייעריזירט אָדער עסטרייכיזירט געוואָרן!"... „דער גלייכגעוויכט, וואָס ווירקט איצט אַלס פּועל יוצא פון די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן באַ די פאַרשיידענע טיילן, וואָלט בטל געוואָרן, און דער גייסט פון דייטשישן פאָלק וואָלט צוליב דעם אין זיין שורש צונישט געוואָרן".

„גאָר עפּעס אַנדערש וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען, ווען דייטשלאַנד ווערט באַהערשט נישט דורך אַ לאָקאַלן גייסט, נאָר פאַרקערט, ווען דער לאָקאַלער גייסט זאָל פריי אויפגעלייזט ווערן אינם נאַציאָנאַלן גייסט מיט זיינע צוועקן! אָבער אַזאַ אידעאַלע אַנטשליסונג וואָלט נאַריש געווען צו פאַרלאַנגען פון מענטשן" — ס'רעדט זיך וועגן די דייטשישע פירשטן, ספּעציעל וועגן קעניג פון פּרייסן — „וואָס זייער גייסטיקע פּערזענלעכקייט איז אויך נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע פאַקטאָרן — ערציִונג, טראַדיציע, נטיות און געשיכטע, און זיי זענען דעריבער אַזוי ווייניק פעיק דערויף, ווי יעדער איינער פון אונז וואָלט עס געווען, ווען זיין בילדונג און ערציִונג זאָלן אויך געווען באַשטימט ווערן דורך די זעלבע פאַקטאָרן".

דאָס זענען די לעצטע אייגענע אויספירונגען לאַסאַלס אין דער אָפּהאַנדלונג. דערנאָך ווערן נאָך איבערגעגעבן פיכטעס געדאַנקען, פאַרוואָס די איינהייט פון דייטשלאַנד מוז פאָרקומען אויפן יסוד פון „פּערזענלעכער פרייהייט", און אַז גראָד צוליב דעם זענען די דייטשן באַרופן אינם „אייביקן וועלטפּלאַן" צו בילדן אַ „מלוכה פון יושר", אַ מלוכה פון „פרייהייט, וואָס באַזירט אויף דער גלייכהייט פון אַלץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען מענטש". דערביי גיט לאַסאַל צו: „מיר ווילן כּלל נישט דורך וועלכע ס'נישט איז הוספות אָפּשוואַכן די אומדערגרייכבאַרע קראַפט פון די דאָזיקע ווערטער", און ענדיקט מיט אַ פּאָר ווערטער צום פאַרלעגער: „אויב אפילו, ג. ה., איך האָב אייער פאַרלאַנג צו שרייבן אַן אַרטיקל איבער אַ „ברענענדיקער טאָגפראַגע" נישט מקיים געווען בוכשטעבלעך, דאָך, גלויב איך, אַז אייער צוועק איז דערגרייכט, פּונקט ווי מיינער".

וואָס אָבער איז געווען לאַסאַלס צוועק ביים פאַרעפנטלעכן אָט די אָפּהאַנדלונג, וועלכע איז דאַטירט: יאַנואַר 1860: וועגן דעם דערווייסן מיר זיך ווידער פון אַ בריוו צו מאַרקסן, פון 14 אַפּריל 1860. אין דעם בריוו ערקלערט לאַסאַל, פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען וואַלעסראַדס פאָרשלאַג, כאָטש ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט פאַרענדיקן אַ גרויס ווערק. לאַסאַל הויבט אָן דערפון, וואָס וואַלעסראַד איז בכלל זייער אַן ערלעכער מאַן, ווי מען זעט דאָס פון זיין בראָשור „פּאָליטישער מתים-שוי", אַ דרייסטער און מוטפולער מאַן, פאַר וועלכן ס'איז כּדאַי צו טאָן וואָס, און דערנאָך שרייבט ער:

„און לסוף קאָן אפשר אָט דאָס טאַשן-בוך האָבן אַ געוויסן איינ-

פלוס אויף אונזערע דייטשישע פיליסטערס. ווען איך זאָג מיך אָפּ, וואָלט דער אויפטראָג מסתמא געמאַכט געוואָרן אַ ווייניקער אַנטשיידענעם מענטשן, געוויס אַזוינעם, וואָס הנדלט זיך מיט מאָנאַרכיסטישע אָדער מאָנאַרכיסטיש=דעמאָקראַטישע, קליינדייטשישע אידעען; מיר אָבער האָט דער אויפטראָג געגעבן די מעגלעכקייט אָן איבעריק מאָל צו לאָזן הערן אַן עכט רעפּובליקאַנישע שטים און צו באַקומען אַ צוטריט צו אַ בוך, וואָס לויט זיין איבעריקן אינהאַלט, — ווי איך בין מיר משער, כאָטש איך ווייס נישט דעם אינהאַלט זיינעם, נישט די מחברים, — קאָן ער ווייניק וואָס ביישטראָגן צו דער פאַרשפּרייטונג פון אונזערע אידעען; איך האָב אויף אַזאַ אופן עפּעס אויפגעטאָן כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון אונזער פּאַרטיי.

„אויף אַזאַ אופן, מיט אַ האַלבן חשק שרייבנדיק, איז אַרויסגעקומען דער אַרטיקל, פון וועלכן איך האָב אַ ספּעציעלע קאָפּיע באַשטעלט, כדי דיר איבערצושיקן (דאָס בוך וועט ערשט אַרויס אין אָקטאָבער). איך שיק דיר די קאָפּיע צוזאַמען מיט דעם בריוו, בעט, דיך איבערלייענען און דערנאָך ענגעלסן איבערשיקן, און מיר שרייבן צי דער אַרטיקל געפעלט דיר.

„איך גלויב, אַז אין דעם עקלדיקן געטומל וועט ער מאַכן אַ דערפרישנדיקן איינדרוק; ער וועט ווייזן, אַז הינטער די בערג זענען נאָך פאַראַן מענטשן, אַז די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי לעבט נאָך — עס דאַרף זיין דער איינדרוק פון אַ טראָמפּייטן=רוף".

דאָס ווערק, איבער וועלכן לאַסאַל האָט דעמאָלט געאַרבעט, איז געווען דאָס „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט". ס'קלינגט אַביסל קאָמיש, ווען לאַסאַל קלאָגט זיך, אַז די אַרבעט האָט זיך אַזוי פאַרצויגן, אַז „ער פילט שוין צו איר אַן אינטענסיוון האַס"; ווער אָבער ס'האָט זיך אַמאָל אָפּגעגעבן מיט גרעסערער אַרבעט, קאָן דאָס זייער גוט פאַרשטיין. אין דעם זעלבן בריוו זאָגט לאַסאַל, אַז דאָס בוך איז פאַר אים אַ „צואה=ווערק", און ער מוז דערמיט אין דריי חדשים פאַרטיק ווערן — עס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן.

אין 1860 האָט לאַסאַל ווידער שטאַרק געליטן פון יענער כראָנישער קראַנקהייט, וועלכע ער דערמאָנט נאָך אין זיין דיסלדאָרפער אַסיזן=רעדע, און וועלכע פלעגט אים פּעריאָדיש באַפאַלן. „איך בין געווען און בין נאָך איצט רעכט קראַנק" — אַזוי הויבט זיך אָן אַ בריוו זיינער, וועלכער שיינט צו זיין געשריבן סוף יאַנואַר

1860. און אינם אויבן־ציטירטן בריוו שרייבט ער: „איך בין איבעראַנייס קראַנק, און ערגער ווי פריער. צי איך האָב מיך די לעצטע צייט איבערגעאַרבעט, צי די צו־לאַנגע אָפּגעלאָזנקייט נעמט נקמה פון מיר — נאָר אפנים, אַז מיין געזונט הערט אויף צו זיין יענער שטאַרקער פעלז, אין וועלכן איך האָב אַמאָל געקאָנט אַזוי זיכער קלאַפּן”. כדי זיך גרינטלעך צו קורירן, איז לאַסאַל דעם זעלבן זומער אַוועק קיין אאַכען. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יונג רוסיש מיידל, סאָפיע סאָנצעוואַ, וועלכע איז געקומען קיין אאַכען מיט איר קראַנקן פאָטער. לאַסאַל האָט זיך אַזוי פאַרליבט אין דעם מיידל, אַז נאָך אין אאַכען האָט ער איר פאָרגעלייגט חתונה צו האָבן מיט אים, נאָר זי האָט נאָך אַ ישוב־הדעת פון עטלעכע וואָכן דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן.

וועגן דעם עפּיזאָד פון לאַסאַלס רוישיקן לעבן ווייסן מיר כמעט נאָר דאָס, וואָס סאָנצעוואַ, שפּעטער די פרוי פון אַ גוט-באַזיצער אין דרום־רוסלאַנד, האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1877 אין פּעטערבורגער זשורנאַל „יעוורָאָפּייסקי וועסטניק” (די נאָטיצן זענען אין אַ יאָר אַרום אַרויס אויף דייטש אין פאַרלאַג פון בראָקהויז אין לייפּציג*). די אייגנטלעכע ליבע־געשיכטע איז נישט באַזונדער אינטערעסאַנט. אַלץ גייט צו זייער געוויינלעך. סאָפיע סאָנצעוואַ שרייבט, אַז לאַסאַל האָט אויף איר געהאַט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, אַז אַ שטיקל צייט האָט זי אפילו געגלויבט, אַז זי איז אויך אין אים איינגעליבט; עס פלעגן זי אָבער אַלע מאָל באַפאַלן ספקות, ביז איר איז לסוף קלאָר געוואָרן, אַז ליבע מיט ספקות איז קיין ליבע נישט, בפרט אַזאַ ליבע, ווי לאַסאַל האָט פאַרלאַנגט, אָנווייזנדיק איר אויף די שווערע קאַמפן, וועלכע שטייען אים פאָר אין דער צוקונפט. מעגלעך, אַז גראָד אָט די אויסזיכטן אויף די קומענדיקע קאמפן האָבן דאָס יונגע מיידל מער אָפּגעשראָקן, ווי זי אַליין אנערקענט עס — טאָגבוך־וידויס און מעמוּאַרן זאָגן דאָך קיינמאָל נישט דעם גאַנצן אמת. פון דער אַנדערער זייט, קלינגט עס ביז גאָר סענטימענטאַל, ווען מען וויל סאָנצוואַן פאַררעכענען פאַר אַ שווערן חטא דאָס, וואָס זי האָט צוריקגעוויזן די ליבע פון לאַסאַלן. די פרוי האָט דאָס אומבאַשריטענע רעכט נישט וועלן אָוועקשענקען איר האַרץ — און לאַסאַל אַליין,

*) אונטערן נאָמען: אַ „ליבע־עפּיזאָד פון לעבן פון פערדינאַנד לאַסאַל”. דער מחבר — סאָנצעוואַ — איז שוין אויך לאַנג געשטאָרבן.

ווי שטורמיש ער איז נישט געווען אין זיין ליבע, האָט זיך גאַנץ גיך באַרויקט פון זיין דורכפאַל.

אַ סך אינטערעסאַנטער פון דעם ראָמאַן גופא זענען די בריוו, וועלכע לאַסאַל האָט דעמאָלט געשריבן צו סאָפיע סאָנצעוואַן, און באַזונדערס דער שוין דערמאָנטער בריוו, דער „האַרץ־ווידוי", ווי לאַסאַל האָט אים אָנגערופן, וועלכער פאַרנעמט העכער 35 זייטן. דאָס איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פאר דער כאַראַקטעריסטיק פון לאסאלן. אויב אין לאסאלס ערשטן טאָגבוך זעען מיר דעם איבערגאנג פון יינגלשע יאָרן צו בחורשער רייפקייט, איז אין דעם בריוו האָבן מיר פאר זיך שוין כמעט אַ רייף געוואָרענעם מאן, וועלכער געזעגנט זיך מיט זיינע בחור־יאָרן און גיט אָפּ א באריכט פון זיין איך אין יענע יאָרן. מסתמא גילט דאָ אויך דאָס, וואָס מיר האָבן העכער געזאָגט וועגן ווידויס בכלל, אָבער נאָך אלעמען ווארפט זיך ממש אין די אויגן די כמעט ווי אומבאוווסטזיניקע אמתדיקייט פון זיין ווידוי. לאסאל איז געווען בכלל א טעאטראלישע נאטור, ווי דאָס ווייזט זיין שטענדיקע נטיה צום פאטעטישן טאָן. ער האָט זייער גערן „געשפילט" אביסל; דערצו איז ער געווען צופיל געזעלשאפט־מענטש, כדי נישט צו באנוצן זיך מיט דער שפראך, לויט טאלעראנס רעצעפּט, דוקא אויף צו פארהילן זיינע געדאנקען. און דאָך האָט ער נישט געקאָנט זיך ארויסגעבן פאר עפּעס אן אנדער מענטש, ווי ער איז עס געווען אין דער ווירקלעכקייט. זיינע נייגונגען און ליידנשאפטן זענען געווען צו שטארקע, מען זאָל זיי קאָנען מאסקירן, און זיין פערזענלעכקייט איז געווען אויף אזוי פיל בולט אויסגעשפּראָכן, אַז זי האָט זיך געלאָזט זען און מערקן דורך יעדן לבוש. און פון דעם בילד, וואָס לאסאל גיט פון זיך סאָנצעוואַן, כאָטש דאָס איז א בילד דערפון, ווי ער האָט געוואָלט אויסזען ספעציעל אין אירע אויגן, קוקט אויך ארויס דער אמתער לאסאל, מיט זיינע מעלות און זיינע חסרונות.

אויף שריט און טריט זעט מען דאָ זיין גרויסע איינגעגלויבטקייט אין זיך און זיין נישט קלענערע איינבילדונגס־קראפט. ער רעדט וועגן זיין צוקונפט, ווי ער געפינט זיך אין גלאַנץ פון זיין רום, ווי ער איז דער פירער פון א פארטיי, וועלכע האָט נאָך דערמאָל גאָרנישט עקזיסטירט, ווי די אריסטאָקראטיע און די בורזשואזיע האָבן פאר אים מורא און האסן אים, כאָטש דעמאָלט איז נאָך נישט געווען

קיין גרונט ניִשט פֿאַר מורא און ניִשט פֿאַר האַס. דאָסגלייכן איִז ער מגזם זיינע שוין דערגרייכטע נצחונות. „קיין זאַך, סאָפֿיע — שרייבט ער וועגן ערפֿאָלג פֿון זיין קעסטל-רעדע — קאָן אייך ניִשט געבן קיין פֿאָרשטעלונג פֿון דעם עלעקטריִשן איינדרוק, וועלכן איִך האָב אַרויסגערופֿן. די גאַנצע שטאָט, די באַפֿעלקערונג פֿון דער גאַנצער פּראָוויִנץ האָט זיִך, אַזוי צו זאָגן, געוויִגט אויף די כוואַליעס פֿון ענטוזיאַזם... אַלע קלאַסן, די גאַנצע בורזשואַזיע איִז געווען שכּור פֿון אַנטציִקונג... דעם טאָג האָב איִך געקראָגן איִן דער ריין-פּראָוויִנץ אַ שם פֿון אַן אומפֿאַרגלייכלעכן רעדנער, פֿון אַ מענטשן מיִט אומבאַגרענעצטער ענערגיע, און די צייטונגען האָבן פֿאַנאַנדערגעטראָגן דעם שם איִבער דער גאַנצער מאָנאַרכיע... פֿון דעם טאָג אָן האָט מיִך די דעמאָקראַטיִשע פּאַרטיי פֿון דער ריין-פּראָוויִנץ אָנערקענט פֿאַר איִר הויפּט-פֿיִרער". דערנאָך שרייבט ער וועגן דיִסלדאָרפֿער פּראָצעס, אַז פֿון איִם איִז ער אויך אַרויס „מיִט ניִשט ווייניִקער גלאַנץ". „איִך וועל אייך געבן מיין רעדע איִן דעם פּראָצעס, זי איִז געדרוקט, און זי וועט אייך תּענוג פֿאַרשאַפֿן". דאָס דערמאָנט ער ניִשט, אַז ער האָט די רעדע גאָר ניִשט געהאַלטן.

אָבער לעבן די שטריִכן פֿון כּמעט קיִנדיִשער באַריִמעריי פֿעלן ניִשט אויך אַנדערע שטריִכן פֿון באַרעכטיִקטער און באַגריִנדעטער שטאָלצקייט; דורכן גאַנצן בוך קליִנגט אַ טאָן פֿון אמתער איִבערצייגטקייט. אַפֿילו דאָרט, ווו לאַסאַל רעדט וועגן דעם „גלאַנץ", וואָס וועט באַקרוינען זיין קיִנפֿטיִקע פֿרוי ביים אָנקומען פֿון „געוויִסע געשעניִשן" — די ערוואַרטעטע רעוואָלוציע — איִז ער גלייך מוסיף: „אָבער אמת, סאָפֿיע, פֿון אַזוינע גרויסע זאַכן, וואָס פֿאַר זיי שטרענגט זיִך אָן אַ גאַנצער דור, טאָר מען ניִשט מאַכן קיין ענין פֿון שפּעקולאַציע פֿאַר איִנדיִוויִדועלן גליִק? און דעריִבער דאַרף מען דערויף בשום אופֿן ניִשט אויסשטעלן".

לאַסאַלס „האַרץ-וויִדוי" איִז איִנטערעסאַנט נאָך איִן אַן אַנדער היִנזיִכט. ער רעדט דאָ זייער אויספֿיִרלעך וועגן זיינע באַציִונגען צו דער גרעפֿיִן האַצפֿעלד. זאָל זיין, אַז אייניִקע שטריִכן איִן די דאָזיִקע באַציִונגען זענען אַ ביִסל איִדעאַליִזירט, אָבער האָט לאַסאַל דאָך ניִשט געהאַט קיין גרונט פֿאָרצושטעלן פֿאַר אַ פֿרייליִן, צו וועלכער ער האָט זיִך גראָד געשדכנט און געמאַכט אַזוינע אָנשטרענגונגען צו באַקומען זי אַלס ווייב — צו פֿאָרשטעלן איִר זיינע באַציִונגען

צו דער גרעפֿין, אויך וויפֿיל דאָס גייט אַריבער די גרענעצן פֿון אַכ־טונג און דאַנקבאַרקייט, אין שטאַרקערע פֿאַרבן, ווי זיי האָבן אויס־געזען אין דער ווירקלעכקייט. לאַסאַל געברויכט אין בריוו אויסדריקן ממש פֿון ליידנשאַפֿטלעכער צאַרטלעכקייט בנוגע צו דער גרעפֿין. ער האָט זי ליב „מיט דער צאַרטלעכסטער ליבע פֿון אַ זון, וואָס איז נאָר ווען ס׳איז געווען״, נאָך „דרייפֿאַך מער, ווי זיין צאַרט געליבטע מוטער״. ער פֿאַרלאַנגט פֿון סאָפֿיען, אַז זי זאָל, ווען זי וועט מיט אים חתונה האָבן, ליבן די גרעפֿין „מיט דער אמתער צאַרטלעכקייט פֿון אַ טאָכטער״; כאָטש די גרעפֿין איז „אויסעראָרדנטלעך פֿיינפֿילנד״ און וועט ניט וועלן וווינען מיט זיי, איידער זי וועט זיך איבער־צייגן, אַז סאָפֿיע האָט זי באמת ליב, דאָך האָפֿט ער זי איבערצו־ריידן, כדי „זיי זאָלן אין דרייען לעבן פֿאַרייניקט און גליקלעך״*).

דערפֿון איז קלאָר, אַז די, וואָס שטעלן פֿאָר די זאַך אַזוי, ווי די גרעפֿין האצפֿעלד וואָלט זיך אין בערלין און אויך שפּעטער גע־קלאַמערט אָן לאַסאַלן, טרייבן די זאַך שטאַרק איבער. האצפֿעלד האָט געהאַט אירע גרויסע חסרונות, און איר פֿריינטשאַפֿט האָט באַשטימט שלעכט געווירקט אויף לאַסאַלן אין פֿיל הינזיכטן, אָבער דוקא ווייל מיר האַלטן זיך בײַ אַזאַ מיינונג, איז אונדזער חוב זי צו פֿאַרטיידיקן, דאָרט ווו מען האַנדלט אומגערעכט קעגן איר. פֿאַלש און מיאוס איז די מיינונג, וואָס פֿאַרשיידענע שרייבער חזרן איבער אויפֿן סמך פֿון בעקערס באַקאַנטן פֿאַמפֿלעט, אַז לאַסאַל זאָל זיך האָבן געוואָרפֿן אין דער מעשה־דעניגעס, כדי פּטור צו ווערן פֿון דער גרעפֿין.

סאָפֿיע סאָנצעוואַ שרייבט, אַז אויף איר פּערזענלעך האָט די גרעפֿין האצפֿעלד געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק.

פֿון דער צייט, וואָס לאַסאַל האָט פֿאַרבראַכט אין אַאַכען, זע־נען דאָ דריי בריוו צו מאַרקסן. נאַטירלעך, איז אין קיין איינעם פֿון זיי ניטאָ קיין איין וואָרט וועגן זיין ראָמאַן. נאָר אין איינעם פֿון די בריוו טרעפֿן מיר איינציקע באַמערקונגען וועגן די פֿאַרהעלטעניסן אין רוסישן הויף, וואָס שטאַמען מסתמא פֿון סאָנצעוואַ. אָבער די

*) נאָך שטאַרקער שילדערט לאַסאַל זיינע באַציִונגען צו סאָפֿיע און האצפֿעלד אין איינעם אַ ניט פֿאַרענדיקטן בריוו צו איינער אַ דאַמע — דער נאָמען איז ניט אָנ־געוויזן — ווו ער וואַרפֿט אָפּ איר ליבע צוליב דעם, וואָס זי האָט אים ערקלערט, אַז זי פֿאַרטראָגט ניט די גרעפֿין. דער בריוו איז אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן ליבע. (פֿאַרגל. אינטימע בריוו פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַל, צוגאָב).

בריוו זענען פאַר זיך העכסט אינטערעסאַנט, באַזונדערס איינער פון
זיי. פון דעם בריוו זעט מען, ווי לאַסאַל, וועלכער איז צו יענע־
צייט אין בערלין געווען נאָך אין גוטע באַציונגען מיט דער ליבע־
ראַלער אָפּאָזיציע, האָט אין דער אמתן געהאַלטן פון דער דעמאָ־
טיקער ליבעראַלער פּרעסע און פון דעם פּרייסישן ריכטער־שטאַנד,
וועלכן די ליבעראַלן האָבן געלויבט אין הימל אַריין. די שטעל פאַר־
דינט ציטירט צו ווערן.

דער רעדאַקטאָר פון דער בערלינער „נאַציאָנאַל־צייטונג“, צאַ־
בעל, האָט אויסגענוצט קעגן מאַרקסן פאַכטס פּאַמפלעט און האָט אים
עפנטלעך חושד געווען אין די מיאוסטע מעשים. מאַרקס האָט גע־
וואָלט אים צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מען האָט אים אָבער
אין דריי אינסטאַנצן אָפּגעזאָגט, איידער ס'איז דערגאַנגען צום פּראָ־
צעס. די ריכטער פונם שטאָט־געריכט, קאַמער־געריכט און פון העכ־
ערן טריבונאַל אין בערלין האָבן געפונען, אַז אויב צאַבעל חזרט
איבער אַלע פאַכטס בלבולים וועגן מאַרקסן און פּעפערט זיי צו
דערביי, קאָן מען נאָך דערין נישט איינזען קיין כוונה צו באַליידיקן
מאַרקסן. אַזוי אויפפאַסן רעכט האָט אפילו מאַרקס געהאַלטן אין פּרייסן
פאַר אוממעגלעך, און האָט וועגן דעם געשריבן לאַסאַלן. דער לעצטער
האָט נאָך פריער אָפּגערעדט מאַרקסן נישט צו פאַרפירן דעם פּראָצעס,
ווייל מען קאָן נישט האָפן אויף קיין יושרדיקן פּסק, און ער שרייבט
אים:

„ערשט איצט ביסטו געוואָר געוואָרן, אַז בא אונז הענגט בכלל
אָפּ פון די ריכטער, אַז עמעץ זאָל קאָנען דערפירן אַן ענין כאַטש
ביזן פּראָצעס! מיין ליבער, איך בין געווען אומגערעכט, ווען איך
האָב דיך אין איינעם פון מיינע בריוו באַשולדיקט אין שוואַרצזעעריי!
איך שלאָג זיך על חטא און ציִ מיין באַשולדיקונג אינגאַנצן צוריק.
על כל פּנים די פּרייסישע יוסטיץ האָסטו געוויס געזען אין אַ צו
העלער ליכט! איך האָב וועגן די לייט אַ גאַנץ רייכע ערפאַרונג, איך
האָב גאַנץ שטאַרקע באַווייזן קעגן זיי, איך האָב מיט זיי דורכגע־
מאַכט ביז גאָר אינטערעסאַנטע צענדליקער פאַלן, הן שטראָף־פּראָצעסן,
הן ריין־ציווילע... אַך! איך מוז מיט געוואַלט דערשטיקן אין זיך די
זכרונות וועגן דעם אַלעם. דערמאָן איך מיך אָן דעם דאָזיקן צעניאָ־
ריקן טעגלעכן יוסטיץ־מאָרד, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצו־
לעבן, הויבט אָן דאָס בלוט אין מיר צו קאָכן, אַ שטראָם פון צאָרן

הויבט מיך אָן צו שטיקן און צו וואַרגן! נו, איך האָב דאָס אַלץ שוין לאַנג איבערגעלעבט און באַהערשט, עס איז שוין גענוג צייט פון דאַן אָן פאַרלאָפן, כדי זיך אָפּצוקילן, אָבער דערפאַר קאָן קיין זאַך באַ מיר נישט אַרויסרופן אַזאַ שמייכל פון טיפער פאַראַכטונג, ווי ווען איך הער באַ אונז רעדן וועגן ריכטער און וועגן רעכט. קאַטאָרגע־פאַרמשפטע זענען זייער בכבודיקע לייט אין פאַרגלייך מיט אונזערע ריכטער.

„אָבער דערפאַר, שרייבסטו, וועסטו זיך מיט זיי אָפּרעכענען. „יעדנפאַלס — זאָגסטו — גיבן זיי מיר אַזאַ מאַטעריאַל אין האַנט, וואָס זיי וועלן גלייך פילן זיינע גוטע פאָלגן אין דער לאָנדאָנער פרעסע!" ניין, ליבער פריינט, זיי וועלן גאָרנישט באַמערקן. איך צווייפל נישט, אַז דו וועסט זיי אין דער לאָנדאָנער פרעסע אָפּשילדערן און פאַרניכטן. אָבער זיי — זיי וועלן דאָס אפילו נישט באַמערקן, גלייך ווי דו וואָלסט גאָרנישט האָבן געשריבן. קיין ענגלישע צייטונגען לייענט מען באַ אונז נישט, און פון אונזער פרעסע, בין איך דיר ערב, וועט קיין איינציקע צייטונג אפילו קיין נאָטיץ נישט ברענגען, דאָס מינדסטע וואָרט וועלן זיי וועגן דעם נישט דערמאָנען. און אונזערע ליבעראַלע צייטונגען געוויס נישט! ווי קאָנען אָט די קעלבערנע קעפּ עפּעס זאָגן קעגן זייער הייליקסטן פּאַלאַדיום, קעגן „פּרייסישן ריכטערשטאַנד", וואָס בלויז ביים דערמאָנען זיין נאָמען ווערן זיי צעשמאָלצן פון התפעלות — זיי רעדן שוין די ווערטער נישט אַנדערש אויס, ווי מיט צוויי אָנגעבלאָזענע באַקן — און בוקן זיך ביז צו דער ערד פאַר רעספּעקט! אָ, זיי וועלן וועגן דעם גאָר נישט שרייבן, זיי וועלן עס רויק פאַרשווייגן, פון דעם דונאַי ביז צום ריין — אויפן גאַנצן שטח, ווו „ס'הערשט נאָר די דייטשישע שפּראַך"! וואָס קאָן מען טאָן קעגן אָט דער פּרעסע־פאַרשווערונג? אָ, זאָל מען זאָגן וואָס מען וויל, אונזער פּאָליצייַ איז פאָרט נאָך אַ ליבעראַלערע אינסטיטוציע, אין פאַרגלייך מיט דער פּרעסע! עס איז — גאָט אין הימל! — איך ווייס ווירקלעך נישט קיין אַנדער נאָמען פאַר איר, עס איז ריינע..."

לאַסאַל געברויכט דאָ אַ וואָרט, וואָס לאָזט זיך נישט איבערחזרן אין דרוק; מעג עס דער לעזער לויט זיין גוסט אַליין ממלא זיין.

אין 1861 האָט לאַסאַל אָפּגעדרוקט אינם צווייטן באַנד „דעמאָקראַטישע שטודיען" אַ קליינע אָפּהאַנדלונג וועגן לעסינגן, וועלכע ער

האָט געהאַט אָנגעשריבן נאָך אין 1858־טן, באַלד ווי ס'איז אַרויס סטאַרס בוך: „לעסינגס לעבן און ווערק". אינם זעלבן יאָר איז אַרויס פון דרוק זיין רעכט־פילאָזאָפיש ווערק: „דאָס סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט".

די אָפּהאַנדלונג איבער לעסינגן איז פאַרהעלטניסמעסיק אַן אומבאַדייטנדיקע. זי איז געשריבן מייסטנס נאָך אין דער אַלט־העגעליאַנישער שפּראַך, און דערמאָנט שטאַרק די אויספירן, צו וועלכע היינע קומט אין זיין „וועגן דייטשלאַנד", ווו ער רעדט וועגן דער באַדייטונג פון לעסינגן פאַר דער דייטשישער ליטעראַטור און פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דייטשלאַנד. לאַסאַל קרוינט אויך לעסינגן מיטן נאָמען: דער צווייטער לוטער פון דייטשלאַנד, און פאַרגלייכנדיק די איצטיקע סיטואַציע אין לאַנד מיט דער סיטואַציע פון לעסינגס צייט, רופט ער אויס: „ענלעכע סיטואַציעס געבוירן ענלעכע כאַראַקטערן", וואָס ס'דערמאָנט זייער אָן היינעס ווערטער: „יאָ, עס מוז קומען דער דריטער מאַן, וועלכער זאָל פאַרענדיקן דאָס, וואָס לוטער האָט אָנגעהויבן און לעסינג האָט פאָרטגעזעצט, און אין וועלכן דאָס דייטשישע פאָטערלאַנד נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק — דער דריטער באַפרייער!" און דאָס איז דאָך געווען לאַסאַלס העכסטע שטרעבונג, אַליין צו ווערן אָט דער דריטער באַפרייער. פּונקט ווי אין הוטענען („פראַנץ פאָן זיקינגען"), אַזוי אויך דאָ אין לעסינגן, ווי ער איז געגעבן אין דער אָפּהאַנדלונג, שפּיגלט זיך אָפּ לאַסאַלס אייגענע געדאַנקען־וועלט. אפילו דער אַפּאָפעאָז פון שווערד פעלט דאָ אויך נישט. לאַסאַל פרעגט: „אויב מיר האָבן לעסינגס אויפפאַסונג דורכגעפירט אויף די געביטן פון קונסט, רעליגיע, געשיכטע, טאָ ווי זשע האַלט עס מיטן געביט פון פּאָליטיק?" און כדי אַ סוף צו מאַכן צו אַלע ספקות, אויב עמעצער האָט זיי נאָך בנוגע צו לעסינגן אויף די דערמאָנטע געביטן, ציטירט ער פון לעסינגס „ספּאַרטאַק־פראַגמענטן" דאָס אָרט, ווו דער קאָנסול פרעגט איראָניש ספּאַרטאַקן: „איך הער, דו פילאָזאָפירסט, ספּאַרטאַק", — און דער ענטפערט אים:

„אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל פילאָזאָפירן — עס איז צום לאַכן — גוט! טאָ לאָמיר פעכטן!"

אין צוויי צענדליק יאָר אַרום איז לעסינגס נביאות מקוים געוואָרן אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און דער דאָזיקער אויסגאַנג זאָל, לויט כּמאַרן, זיין „אויף דער סוף פון ליד אינם פראָצעס צווישן ספּאַרטאַקן און קאָנסול פון דער צוקונפט".

## IV

# סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט.

דאָס ווי̇סנשאַפטלעכע הויפּטווערק פון לאַסאַלן, „סי̇סטעם פון ערוואָרבענע רעכט“, איז אפשר דער עיקר געשריבן פאַר רעכטס־קענער; דאָך האָט די̇ טעמע, וואָס ווערט אין אים באַהאַנדלט, אַ סך מער נאָנטע שייכות צו די̇ קאַמפן פון דער געגנוואַרט, איידער דער אינהאַלט פון „העראַקלי̇ט“; מיר וועלן דעריבער פּרווון איבערגעבן לפּחות די̇ הויפּט־געדאַנקען פון דער אַרבעט, וועגן וועלכער לאַסאַל האָט מי̇ט רעכט געקאָנט זאָגן, אַז זי̇ איז אַ „רי̇זנווערק פון מענטש־לעכער פלייס“. אַלע פאַכקענער גייען זיך דערין צונויף, אַז דאָס „סיס־טעם פון ערוואָרבענע רעכט“ ווייזט אַרויס אַן אויסעראָרדנטלעכע גייסטיקע שאַפונגס־קראַפט ווי אויך אַ גרויסן יורי̇די̇שן שאַרפזי̇ן. צו־ליב די̇ טעמים וועלן מי̇ר זיך טאַקע אַבי̇סל לענגער אָפּשטעלן אויף דעם בוך.

עס איז ני̇שט אונזער זאַך אַרויסצוזאָגן זיך מכח דעם, אויף וויפי̇ל לאַסאַל האָט מי̇ט זיין בוך באַרייכערט די̇ רעכטס־ווי̇סנשאַפט. דאָס קאָן טאָן נאָר דער טעאָרעטי̇ש־געבי̇לדעטער יורי̇סט; מי̇ר וועלן פּרווון נאָר אָנצייכענען די̇ אויפגאַבע, וועלכע לאַסאַל האָט זיך גע־שטעלט אי̇נם בוך, און ווי̇ ער האָט די̇ אויפגאַבע געלייזט, און דעם טעאָרעטי̇שן שטאַנדפּונקט, וועלכער לי̇גט אי̇ן יסוד פון זיין לייזונג.

די̇ אויפגאַבע איז, אייגנטלעך, שוין פאָרמולי̇רט אי̇נם אונטערקעפּל פון צוויי־בענדי̇קן בוך: „די̇ האַרמאָניע צווי̇שן פּאָזי̇טי̇ווע רעכט און רעכטס־פי̇לאָזאָפיע“. לאַסאַל באַווייזט אין זיין הקדמה, אַז ני̇שט גע־קוקט דערויף, וואָס העגעל האָט געפּרווט צו שאַפן אַ האַרמאָניע צווי̇שן פּאָזי̇טי̇ווע רעכט און צווישן נאַטור־רעכט,*) איז פונדעסטוועגן דער תהום צווי̇שן די̇ פּאָזי̇טי̇ווע יורי̇סטן און די̇ רעכטס־פי̇לאָזאָפן אי̇צט נאָך גרעסער, ווי̇ ער איז געווען פאַר העגעלן. שולדי̇ק דערי̇ן

*) אונטער נאַטור-רעכט און פּאָזיטיווע רעכט פאַרשטייט מען דעם גאַנצן סכום רעכטס־נאָרמען, וועלכע מען באַקומט אויפן סמך פון פילאָזאָפישער אונטערזוכונג פון באַגריף און מהות פון רעכט און רעכטס־פאַרהעלטענישן, און וועגן וועלכע מען האַלט, אַז זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, איינגעבוירענע ביים מענטשן, אין זענען זיינע נאַטירלעכע רעכט. די אויסדריקן רעכטס־פילאָזאָפיע און נאַטור־רעכט ווערן דעריבער אָפט געברויכט איינער אָנשטאָט דעם צווייטן, ווי איין און דער זעלבער באַגריף.

זענען מער די לעצטע: אָנשטאָט אַריינצודרינגען אין דער עשירות פֿונם פּאָזיטיוון רעכטס-מאַטעריאַל, האָבן זיי „געשוועבט אויף די הימלען פֿון אַלגעמיינער רעדעריי און זיך געהאַלטן וואָס ווייטער פֿון דער פּשוטער ערד מיט איר רעאַלן רעכטס-חומר". באַ די רעכט-פֿילאָזאָפֿן פֿון דער העגעליאַנישער ריכטונג הערשט אַן אמתער horvor pleni (מורא פֿאַר פֿולקייט), אַ ציטערן פֿאַר פּאָזיטיוון שטאָף; העגעל אַליין איז גראָד דערין נישט שולדיק, ווייל ער האָט אַלע מאָל באַטאָנט, אַז פֿאַר דער פֿילאָזאָפֿיע איז קיין זאַך אַזוי נישט נויטיק, ווי דאָס פֿאַרטיפֿן זיך אין די עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפֿטן. העגעלס „רעכטס-פֿילאָזאָפֿיע", — זאָגט לאַסאַל ווייטער, — נעמענדיק אין אַכט די אַלע גרונט-באַדינגונגען, באַ וועלכע זי איז ערשינען, „אַלס ערשטער פּרוּוו צו באַטראַכטן דאָס רעכט ווי אַ שׂכל-קעגנשטאַנד, וועלכער אַנטוויקלט זיך פֿון זיך זעלבסט, — האָט זי געקאָנט זיך ערלויבן נישט צו נעמען קיין שום שטעלונג צו דער ווירקלעכער רעכטס-פֿילאָזאָפֿיע, איר באַציִונג צום קאָנקרעטן רעכט איז ווי פֿון אַן אַלגעמיינעם לאָגישן פּלאַן פֿון אַ ווערק צום ווערק גופֿא". וואָלטן זיך דערנאָך די פֿילאָזאָפֿן נישט באַגרענעצט דערמיט צו בלייבן באַ די „איידעלע אַלגעמיינע גרונט-ליניעס" — ווי אייגנטום, פֿאַמיליע, אָפּמאַך א. אַ. וו.; — „ווען זיי וואָלטן זיך גענומען שרייבן די פֿילאָזאָפֿיע פֿון מלוכה-רעכט אין זינען... פֿון פֿילאָזאָפֿישער אַנטוויקלונג פֿון די איינצלנע קאָנקרעטע רעכטס-אינסטיטוטן, וואָלט זיך ביים באַשטימטן אינהאַלט פֿון די דאָזיקע פּאָזיטיווע רעכטס-אינסטיטוטן גלייך אַרויסגעוויזן, אַז מיט די אַבסטראַקט-אַלגעמיינע קאַטעגאָריעס פֿון אייגנטום, ירושה-רעכט, אָפּמאַך, פֿאַמיליע א. אַ. וו. קאָן מען בכלל גאָר נישט מאַכן; אַז דער רוימישער אייגנטום-באַגריף איז אַן אַנדערער, איידער דער גערמאַנישער; דער רוימישער באַגריף וועגן ירושה איז ווידער נישט דער גערמאַנישער, און דער רוימישער פֿאַמיליע-באַגריף איז אויך אַן אַנדערער, איידער דער גערמאַנישער; ד. ה. ס'וואָלט קלאָר געוואָרן, אַז די רעכטס-פֿילאָזאָפֿיע. זייענדיק אַ פּראָדוקט פֿון היסטאָרישן גייסט, האָט צו טאָן נישט מיט קיין לאָגיש-אייביקע קאַטעגאָריעס, אַז די רעכטס-אינסטיטוטן פֿאַרקערפּערן אין זיך נאָר היסטאָרישע גייסט-באַגריפֿן, אַז זיי זענען דער אויסדרוק פֿון גייסטיקן אינהאַלט פֿון פֿאַרשיידענע היסטאָרישע פֿאָלקס-גייסטער און צייט-תקופֿות, און דעריבער קאָן מען זיי נאָר אַלס אַזעלכע באַגרייפֿן". אינם גאַנצן צווייטן טייל

פון בוך באַגרינדעט לאַסאַל אַט די געדאַנקען, אַנאַליזירנדיק אויס־פירלעך און אויסשעפנדיק דעם באַגריף ירושה; און אויף דעם זעלבן ביישפּיל דערווייזט ער, אַז „העגעלס פלאַן גופא, דער גאַנצער בוי און די אַרכיטעקטור פון זיין רעכטס־פילאָזאָפיע טויגן נישט מער, פון העגעלס פילאָזאָפיע קאָן מען איינהאַלטן בלויז אירע גרונט־פּרינציפּן און איר מעטאָד, כדי ערשט אויפצושטעלן די אמתע רעכטס־פילאָ־זאָפיע..." דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן מכח דער באַציִונג פון העגעלס סיסטעם צו דער גייסט־פילאָזאָפיע בכלל. און לאַסאַל גיט צו מיט פאַרשטענדלעכער פאַרביטערטקייט, אַז אויב דייטשלאַנד איז באַ־שערט נאָך לאַנג צו קאָנען זיך אָפּגעבן מיט דער טעאָרעטיזירנדיקער מוזע — „איצט קאָן מען שוין נישט אָט די תקופה אָנרופן ווי טאַציט Rara tempeorum felicitas (אַ זעלטן גליק) — וועט ער נאָך אַמאָל פּרוּוון עס באַווייזן אין אַ נייעם סיסטעם פון פילאָזאָפיע. און אָט די ראַדיקאַלע רעפאָרם פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, ווי לאַסאַל פאַרלאַנגט זי, וועט האָבן אין איר גרונט „די זעלבע, פון הע־געלן אויפגעשטעלטע פאָן", וועלכע וועט „נאָר מיט אַן אַנדער וועג געבראַכט ווערן צום זיג; העגעלס אייגענע פּרינציפּן און מעטאָד וועלן אָנגעווענדעט ווערן קעגן אים". צוליב דעם, וואָס העגעל איז נישט געווען געניט באַקאַנט מיטן מאַטעריאַל, האָט ער אפשר לגבי דעם רעכט־געביט אַ סך אָפטער געזינדיקט ווי קעגן וועלכער ס'נישט איז אַנדערער דיסציפּלין. „העגעל האָט אויפגעפאַסט די אַרבעט פון די רוימישע יוריסטן אַלס טעטיקייט פון אַבסטראַקטן שׂכל, מיר אָבער וועלן אַם פּאָזיטיווסטן דערווייזן, אין אונזער צווייטן טייל, אַז דאָס לאָזט זיך זאָגן דוקא נאָר וועגן אונזערע יוריסטן, וועגן די רוימישע אָבער גילט פּונקט דער היפוך. מיר וועלן זען, אַז זייער טעטיקייט איז דורכויס אַ סך מער נאָר די טעטיקייט פון אַ שפּעקולאַטיוון באַ־גריף, אַ טעטיקייט, וואָס בלייבט פאַר זיך גופא אומבאַוווסט און אומ־דורכזיכטיק, ווי דאָס איז אָפט דער פאַל באַ דער טעטיקייט פון רע־ליגיעזן און קינסטלערישן גייסט... און דערמיט גופא וועט דערוויזן ווערן, אַז די העגעלשע פילאזאפיע איז נאָך מער גערעכט, ווי ער אַליין האָט עס געמיינט, אַז דער שפּעקולאַטיווער באַגריף באַהערשט נאָך פיל ווייטערע געביטן און אַ סך אינטענסיווער, ווי העגעל אַליין האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט" (הקדמה צו „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט)".

פון דעם אלעם איז שוין קלאר, ווי ווייט לאסאל אליין שטייט נאך אין זיין ווערק אויפן העגעליאנישן באדן. ער איז דא שוין א סך צומאפהענגיקער ווי אין „העראקליט", אבער ער האלט זיך נאך פעסט ניט נאר ביים מעטאד, נאר אויך בא די גרונט-פרינציפן פון דער העגעלשער פילאזאפיע, ד. ה. ניט נאר ביים דיאלעקטישן אופן פון באהאנדלען די טעמע און בא דער דיאלעקטישער פארם פון אויספארשונג, נאר אויך ביים העגעליאנישן אידעאליזם, ביים דערקלערן געשיכטלעכע ערשיינונגען דורך דער אנטוויקלונג און באוועגונג פון אידעען, ניט אויספארשנדיק דערביי דעם מאטעריעלן יסוד פון אט דער באוועגונג. לאסאל בלייבט ווי העגעל אויך שטיין אויף האלב וועג. ער ווייזט זייער ריכטיק אן, אז בא די רעכטס-אינסטיטוטן האנדלט זיך עס ניט אין די לאגיש-אייביקע נאר אין די היסטארישע קאטעגאריעס, אבער די לעצטע באטראכט ער ווי „פארקערפערונגען פון היסטארישע גייסט-באגריפן", און לאזט לחלוטין אומבארירט די פראגע וועגן די אומשטענדן, בא וועלכע די דאזיקע באגריפן האבן זיך אנטוויקלט, און וועגן די מאטעריעלע פארהעלטענישן, וואס די גייסט-באגריפן זענען בלויז זייער אויסדרוק. נאכמער, ער דרייט אום די פארהעלטעניש און וויל „אויפן קאנקרעטן שטאף גופא דערווייזן, ווי דאס כלומרשט ריין פאזיטיווע און היסטארישע איז נאר א נויטווענדיקער פועל-יוצא פונם היסטארישן גייסט-באגריף פון יעדער צייט". אויף אזא אופן מוז ער, ביים גרעסטן שארפזין, קומען צו פאלשע רעזולטאטן.

פארן „גרויסארטיקסטן ביישפיל", וועלכער דארף אילוסטרירן די אורזאכלעכע אפהענגיקייט פונם „כלומרשט ריין פאזיטיוון און היסטארישן" פון די היסטארישע גייסט-באגריפן, האלט לאסאל די חקירה וועגן ירושה-רעכט אין צווייטן טייל פון זיין ווערק. דער טייל טראגט דעם נאמען: „דער עצם פון רוימישן און גערמאנישן ירושה-רעכט אין זייער היסטאריש-פילאזאפישער אנטוויקלונג". די קראפט פון דער ארבעט באשטייט אין איר געשלאסנקייט און איינהייטלעכקייט, אינם קאנסעקווענטן דורכפירן דעם הויפט-געדאנק און אין דעם סטיל, וועלכער איז אפט באמת גלענצנדיק. לאסאל שטודירט דורך אלע רעכטס-פארמען, וואס זענען נוגע צום ענין, און שטעלט פעסט, אז אין יסוד פון רוימישן ירושה-רעכט ליגט די הנחה, אז דער סוביעקטיווער ווילן פונם צוואה-שרייבער זעצט פארט זיין עקזיסטענץ אין דעם יורש, בעת

אין יסוד פונם אַלט־גערמאַנישן ירושה־רעכט, אינם אינטעסטאַט־ירושה־רעכט (ירושה־רעכט און צוואה), ליגט די אידעע וועגן דער פאַמיליע; עס איז דעריבער פאַלש, ווען מען כאַראַקטעריזירט גראָד דאָס רוימישע ירושה־רעכט אַלס „אמתע פאַמיליען־רעכט". דאס איז אין אַלגעמיין ריכטיק. אָבער ווייטער ווייזט זיך שוין אַרויס די שוואַכע זייט פון לאַסאַלס אַרבעט. זיין דיאַלעקטיק, מעג זי זיין ווי שאַרף, שוועבט אַלץ פון אויבן אויף, ער פאָרשט אויס צענדליקער פרטים, אָבער די פראַגע וועגן דעם, אויף וואָס באַזירן די אַלע פרטים בלייבט לגמרי נישט באַרירט. פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס דאָס רוימישע רעכט דריקט מיט זיך אויס דעם עקזיסטענץ־המשך פון סוביעקטיוון ווילן? פון דער רוימישער אידעע וועגן אומשטאַרבלעכקייט, פונם לאַרן־און מאַנען־קולט. פאַרוואָס איז דאָס גערמאַנישע ירושה־רעכט אַ פאַמיליען־רעכט? מחמת „דער אידעע פון דער גערמאַנישער פאַמיליע". וואָס זשע איז אַזוינס די רוימישע אומשטאַרבלעכקייט־אידעע? דער המשך פונם סוביעקטיוון ווילן. אין וואס באַשטייט די אידעע פון דער גערמאַנישער פאַמיליע? אין „דער זיטלעכער אידענטישקייט פון די פערזאָנען, און איר אור־יסוד איז... איינהייט פון גייסט אָדער ליבע". נאָך די אַלע תשובות בלייבן מיר אַזוי קלוג ווי פאַר זיי, מיר דרייען זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז פון אידעען און באַגריפן און ווייסן פאָרט נישט, פאַרוואָס די אידעע גראָד דאָ און יענע גראָד דאָרט האָבן געשפּילט אזא ראָל. און מיט קיין איין וואָרט ווערט נישט געפּרוווט צו דערקלערן די רעכטס־פאָרשטעלונגען און רעכטס־געזעצן פון די רוימער און גערמאַנער דורך זייערע ווירקלעכע לעבנס־פאַרהעלטענישן: אַלס לעצטער מקור פון רעכט פיגורירט אומעטום דער „פאָלקס־גייסט". דערביי באַגייט לאַסאַל דעם זעלבן פעלער, וועלכן ער וואַרפט אויף די ביז איצטיקע רעכטס־פילאָזאָפן: אמת, ער אונטערשיידט צווישן רוימישן און גערמאַנישן פאָלקס־גייסט, ער איגנאָרירט אָבער יעדע היסטאָרישע אנטוויקלונג אינעווייניק, אין רוימישן פאָלק גופא; ער קאָנסטרוירט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ „רוימישן פאָלקס־גייסט", וועלכער דאַרף גילטן פאַר די גאַנצע טויזנט יאָר, זינט דער גרינדונג פון רוים ביזן צעפאַלן זיך פון דער רוימישער וועלט־מלוכה; אויף דעם זעלבן אופן קאָנסטרוירט ער דעם „גערמאַנישן פאָלקס־גייסט", — און דאַן באַקומט זיך, אַז דיביידע גייסטן באַציען זיך איינער צום צווייטן ווי „ווילן צו ליבע".

מען דאַרף פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרגעסן, אַז צו דער צייט, ווען לאַסאַל האָט געשריבן זיין בוך, איז די אמתע געשיכטס־פֿאָרשונג וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פֿון דער רוימישער געזעלשאַפֿט נאָך געלעגן אין די וויקעלעך, אפֿילו די געשווירענע פֿאַך־היסטאָריקער האָבן דאַן אין וויכטיקע פּונקטן נאָך געטאַפּט אין דער פֿינסטער. אַזוי אַז באַשולדיקן לאַסאַלן דאַרף מען, נישט אַזוי דערפֿאַר, וואָס ער האָט די פֿראַגע נישט ריכטיק פֿאַרענטפֿערט, ווי דער עיקר דערפֿאַר, וואָס ער האָט די פֿראַגע נישט ריכטיק פֿאָרמולירט.

ערשט די שפּעטערדיקע ערפֿאָלגן פֿון דער פֿאַרגלייכנדיקער עטנאָלאָגיע און דער עיקר מאָרגאַנס עפּאָכע־מאַכנדיקע אויספֿאָרשונגען וועגן קרובֿהשאַפֿט האָבן געוואָרפֿן אַ גלענצנדיק ליכט אויף דער אורגעשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער — און דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די רוימער האָבן געשאַפֿן אַ גאַנץ אַנדערן ירושה־רעכט, איידער די גערמאַנישע שבטים צו דער צייט פֿון טאַציטן. די לעצטע האָבן דעמאָלט ערשט דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג פֿון דער מיטלשטופֿע פֿון באַרבעריי צו דער העכערער מדרגה; דער איבערגאַנג פֿון דוגאַמיע צו מאָנאָגאַמיע, פֿון מוטער־רעכט צו פֿאָטער־רעכט איז באַ זיי נאָך נישט געווען אינגאַנצן פֿאַרענדיקט; זיי האָבן נאָך געלעבט אין משפּחה־פֿאַרבאַנדן־קיבוצים, וועלכע באַזירן אויף בלוט־קרובֿהשאַפֿט — און ס'האָט נאָך געהערשט באַ זיי דער פֿאַמיליען־קאָמוניזם; דעריבער איז פּשוט געווען אוממעגלעך, באַ זיי זאָל אַנטשטיין אַ ירושה־רעכט אויפֿן יסוד פֿון סוביעקטיוון רצון. דאָ האָט פֿיל צו זאָגן די בלוט־נאָנטקייט, און אַמווייניקסטן די „ליבע", וואָס איז שוין מער אַ מאָדערנערע זאַך. באַ די רוימער, פֿאַרקערט, איז די אַלטע געזעלשאַפֿט־אָרדענונג, געבויט אויף פּערזענלעכע בלוט־פֿאַרבאַנדן, זיך צעפֿאַלן נאָך פֿאַרן אַזוי גערופֿענעם קעניג־פּעריאָד און אויף איר אָרט איז אַנטשטאַנען אַ נייע אמתע מלוכה־קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט געהאַט אין איר יסוד די פֿאָרגעקומענע ערד־פֿאַרטיילונג און די פֿאַרמעגנס־אונטערשיידן. דאָס פֿאַרשווינדן פֿון די משפּחה־פֿאַרבאַנדן אַלס ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזמען און ערד־פּריוואַט־אייגנטום זענען דער באָדן, אויף וועלכן ס'וואַקסט אויס דאָס רוימישע צוואה־רעכט; עס איז אַלזאָ נישט קיין פּראָדוקט פֿון אַ פֿאָרויס־געגעבענעם באַזונדערן רוימישן „פֿאָלקס־גייסט", נאָר פֿון דער זעלבער אַנטוויקלונג, וועלכע האָט דעם גייסט

אַליין אויך געשאַפֿן — דעם גייסט, וועלכער האָט געוועלטיקט אין רוים אין דער צייט פֿון דער צוועלף-טאָוול-געזעצגעבונג. דאָס וואָס די רוימער האָבן צוגעגעבן דער צוואה אַזאַ פֿייערלעכע פֿאָרם איז נאָך כּלל קיין גרונט נישט צו האַלטן, אַז איר עיקר מהות איז די סימבאָלישע האַנדלונג — דאָס איבערגעבן דעם יורש דעם אייגענעם ווילן, און אַז דאָס פֿאַרמעגן-אָפּטרעטן איז דערביי נאָר אַ טפֿל, אַ נעבנזאַך. אויף אַ געוויסער שטופֿע פֿון קולטור, אפֿילו שוין אויף די העכערע שטאַפּלען פֿון ציוויליזאַציע, האָבן די פֿעלקער אַ טבע אָנצוטאָן אויף אַלע וויכטיקע עקאָנאָמישע האַנדלונגען אַ רעליגיעזן לבוש. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די פֿייערלעכע צערעמאָניעס ביים פֿאַרטיילן פֿון ערד, ביים איינשטעלן גרענעצן א. ד. ג. וואָס וואָלט מען געזאָגט וועגן אַזאַ היסטאָריקער, וועלכער וואָלט וועלן דעם רוימישן קולט וועגן גאָט טערמינוס דערקלערן דורך דער באַזונדערער נאַטור פֿון רוימישן פֿאָלקס-גייסט, און וואָלט אונדז וועלן איינשמועסן, אַז נישט די פֿעלדער-גרענעצן האָבן געבראַכט צו אָט דעם קולט, נאָר דער באַגריף פֿון „ענדלעכקייט”? אָדער ווען אַ רעכטס-היסטאָריקער וואָלט זיך גענומען אונדז דערקלערן דאָס אויפֿקומען פֿון ערד-פּריוואַט-אייגנטום אין רוים דורך דעם זעלבן קולט פֿון טערמינוס? און אָט דאָס טוט דאָך אייגנטלעך לאַסאַל, ווען ער גיט אונדז אָן דעם קולט פֿון לאַרן און מאַנען אַלס די אַנטשטייונגס-סיבה פֿון דער צוואה בײַ די רוימער, און די רוימישע מיטאָלאָגיע איז פֿאַר אים דער לעצטער מקור פֿון דער דאָזיקער רעכט-שאַפֿונג.

אויף אַזאַ אופֿן קומט לאַסאַל צו דער היסטאָריש און לאָגיש נישט ריכטיקער הנחה, אַז הגם געשיכטלעך, כראָנאָלאָגיש איז לכתּחילה אַנטשטאַנען דאָס צוואה-רעכט, דאָס ירושה-רעכט אָן צוואה אָבער איז אויפֿגעקומען שפּעטער שוין, אַלס אַ צוגאָב. אַרויסדרינגען וויל ער דאָס פֿונעם רוימישן צוועלף-טאָוול-געזעץ, וואָס זאָגט, אַז אויב ס'איז נישטאָ קיין צוואה, געהער דאָס ירושה-פֿאַרמעגן די נאָנטסטע אַגנאַטן (קרובֿים פֿון מאַנס זייט), און אויב אַזעלכע זענען אויך נישטאָ, דאַן גייט דאָס פֿאַרמעגן איבער צו דער משפּחה (גענס). אין דער אמתן אָבער ווייזט אונדז דאָס דאָזיקע געזעץ פּונקט דעם היפּוך. דאָס געזעץ קאָנסטאַטירט פֿריער דעם ניי-איינגעפֿירטן אופֿן פֿון ירושה-פֿרייהייט, ד. ה. עס ירשנט דער, וועמען דער פֿאַרשטאָרבענער האָט אָפּגעשריבן זיין פֿאַרמעגן; איז אָבער נישטאָ קיין צוואה, ערשט דאַן

טרעט אַריין אין קראַפט דאָס אַמאָליקע ירושה=רעכט, די אינטעסטאַט-ירושה (אָן צוואה): צוערשט ירשנט דער נאָנטסטער אַגנאַט, דערנאָך די משפחה, דער אורשפרינגלעכער בלוט-פאַרבאַנד. דער ערשטער רעכט-אינסטיטוט פיגורירט אין געזעץ אלס דער לעצטער דוקא, ווייל ער איז דער עלטערער, דער אומפאַסנדיקער און בילדעט דעריבער די לעצטע אינסטאַנץ. ווי ווייט לאַסאַלס קאָנסטרוקציע איז אַ געקינצלטע קאָן מען זען שוין דערפון, וואָס כדי צו שיצן זיין טעאָריע פון רוימישן ירושה=רעכט, וואָס איז געבויט אויפן „באַגריף פון ווילן", מוז ער דערווייזן, אַז אין יסוד פון די אַגנאַטן „ליגט נישט די אידעע פון בלוט-קרובהשאַפט אין וועלכער ס'נישט איז פיזישער אויפפאַסונג", נאָר אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ „פערזאָנען=געמיינשאַפט, געשאַפן אויף אַ געוואַלט=אופן". עס קומט אויס, אַז די אַלטע רוימער האָבן ווי טרייע אַלט=העגעליאַנער „מיט אומגעהייערער קאָנסעקווענץ" פאַרווירקלעכט דעם „טיפן געדאַנק פון דער שפעקולאַטיווער לאָגיק", אַז דער אינדיווידועלער נישט אויסגעדריקטער רצון—דאָס איז דער רצון פונם כלל, און זיין אינהאַלט איז דער אַלגעמיינער ווילן פון פאָלק, אָדער דער אינטערעס פון דער מלוכה, וועלכע פאַרקערפערט אין זיך אָט דעם ווילן. דער צוואה=אינסטיטוט, קומט אויס, איז עלטער איידער די רוימישע מלוכה; די לעצטע האָט גלאַט אין איין שיינעם פרימאָרגן איינגעפירט אַלס צוגאָב די כללים וועגן אַגנאַטן און וועגן משפחה=קיבוצים, און אויך נים אויפן גרונט פון שטאַם=און בלוטנאָנטקייט נאָר סתם אַלס מלוכה-אָרגאַנען, אַלס אויסדרוק פון ווילנסבאָנטקייט (ווילנס-אידענטעט).

היינט צו טאָג ווייסן מיר, אַז ס'איז פאָרגעקומען פונקט פאַרקערט. נים די מלוכה האָט באַשענקט די משפחה=קיבוצים מיט רעכט, וועלכע זיי האָבן פריער נים געהאַט, נאָר פאַרקערט, די מלוכה האָט איינס נאָך ס'אַנדערע אָפּגענומען באַ די קיבוצים זייערע רעכט און האָט אַלץ מער פאַרשמעלערט זייערע פונקציעס; ערשט ווען די משפחה=פאַרבאַנדן האָבן אָנגעהויבן שוואַך ווערן און זיך צעפאַלן פון אינעווייניק, איז געוואָרן מעגלעך די אויסבילדונג פון דער מלוכה, און דעמאָלט ערשט, שוין אין דער מלוכה, איז אויפגעקומען דאָס צוואה=רעכט, די פרייהייט אָפּצושרייבן ירושה דורך אַ צוואה.

לאַסאַל איז פשוט נישט געווען גענוג באַקאַנט מיטן משפחה=וועזן, און דעריבער האָט ער געמוזט קומען צו פאַלשע אויספירן,

גלייך מיט אַלע רעכטס=געלערנטע, וועלכע האָבן פאַר איִם און גלייכ=
צייטיק מיט איִם געשריבן וועגן דעם וועזן פון אַלטן רוימישן ירושה=
רעכט. לאַסאַל איז, אין פאַרגלייך מיט זיינע פאָרגענגער, ניִשט גע=
קומען נענטער צום אמת, נאָר ער האָט זיך נאָך מער דערווייטערט
פון איִם. ווײַבאַלד ער האָט געוואָלט אַלץ אַרויסדרינגען פון ספעקו=
לאַטיווע באַגריפן, האָט ער דערמיט גופא אָפּגעשניטן די מעגלעכקייט
צו פאַרשטיין דיווירקלעכע זאַך=פאַרהעלטעניש. דער באַרימטער
רעכטס=קענער עדואַרד גאנס—אַגב, אויך אַ העגעליאַנער—האָט גע=
פרווט אַזאַ טעאָריע אויפצושטעלן: טעסטאַמענט=ירושה און אינטעס=
טאַט=ירושה זיינען דער אויסדרוק פון צוויי קעמפנדיקע צווישן זיך
געדאַנקען=ריכטונגען, וואָס האָבן ניט צווישן זיך גאָרנישט געמיינזאַ=
מעס, און שפיגלען אָפּ די היסטאָרישע אָפּשטאַמונג=פאַרשיידנהייט
צווישן די פּאטריציער און פּלעבייער. ווי ניִשט ריכטיק די טעאָריע
איז, איז אָבער איר גרונט=געדאַנק ריכטיק, אַז מיר האָבן דאָ פאַר
זיך צוויי קעגנזעצלעכע רעכטס=באַגריפן, וועלכע זענען אויפגעקומען
אויף אַ פאַרשיידענעם היסטאָרישן באָדן. לאַסאַל אָבער מיינט, אַז גאַנץ
פאַלט דאָ ווידער אַריין אין „טעות פון דער היסטאָרישער שול, אָנ=
צונעמען אַלס „היסטאָריש און אויסערלעך געגעבן“, דאָס וואָס מען
דאַרף לאָגיש „פון געדאַנק אויסדרינגען“. פון דער אַנדערער זייט
האַלט ער פאַר אַ „גרונט=טעות“ אויך די מיינונג פון יענע רעכטס=
פילאָזאָפן, וואָס זאָגן, אַז „די רוימישע אינטעסטאַט=ירושה איז לויט
איר זינען נאָך אַן אמת משפחה=רעכט“. פאַקטיש איז די דאָזיקע מיי=
נונג די איינציק ריכטיקע. מיט דער אויסבעסערונג בלויז, אַז משפחה
דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן ניט אין שמאָלן זינען פון רוימישער
פאַמיליע, נאָר אין אַ ברייטערן זינען, ווי אַן אומפאַסנדיקער קרובים=
פאַרבאנד *).

*) איבעריקנס, די רוימער אַליין געברויכן אויך דאָס וואָרט familja ניט נאָר
בנוגע די איינצלנע הויזגעזינדן, נאָר אויך פאַר גאַנצע קרובים=פאַרבאַנדן, וועלכע זענען
שוין מער אָדער ווייניקער לויזע. אין איין אָרט ביים רוימישן יוריסט אולפּיאַן, ציטירט
בײַ לאַסאַלן, ווערט בפירוש דורכגעפירט אַן אונטערשייד צווישן „פאַמיליע“ אין ענגערן
זינען (jure proprio) און „פאַמיליע“ אין ברייטערן זינען (Communi jure), און צו
דער לעצטער ווערן פאַררעכנט די אַלע... „וועלכע קומען אַרויס פון איין הויז און פון
איין משפחה (געגס)“. לאַסאַל וויל דאָס אָרט אויסטייטשן, ווי אַ באַווייז, אַז די רוימי=
שער אינטעסטאַט=ירושה איז ניט געווען קיין פאַמיליען=רעכט. „וואָרים—זאָגט ער—מען
קאָן דאָך ניט דאָס ירושה=רעכט פון גענס=מיטגלידער רעכענען פאַר „פאַמיליען=רעכט“!

מיר קאָנען זיך דאָ לענגער ניט אָפּשטעלן אויף דעם ענין, נאָר פון דעם, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז שוין קלאָר, אַז דער גאַנצער בנין לאַסאַלס, ווי קונציק ער איז ניט אויסגעפירט, האָט ער אונטער זיך קיין שום ממשותדיקן פונדאַמענט נישט. זיינע ראיות און באַווייזן זענען שטרענג אויסגעהאַלטן, דער אַנאַליז איז זייער גייסטרייך, זיינען פירושים זיינען אָפט גלענצנדיק—אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָלט דערווייזן מיט זיין גאנצן בוך, דאָס האָט ער ניט דערוויזן. די רוימישע אידעע פון השאָרת־הנפש (אומשטאַרבלעכקייט) איז ניט דער קערן, נאָר דער אידעאָלאָגישער לבוש פונם רוימישן טעסטאַמענט, זי קאָן אונז אויפקלערן וועגן זיינע פאָרמען, אָבער ניט וועגן זיין אינהאַלט. דער אינהאַלט בלייבט, ווען אַפילו דער רעליגיעזער אונטערשלאַג פאַרשווינדט. און גראָד דערין, וואָס די רוימער האָבן אַרומגעשטעלט דאָס טעסטאַמענט־רעכט מיט אַזוי פיל פאָרמען און פאָרמאַליטעטן, זעען מיר אַן איבעריקן באַוויז דערפאַר, אַז דער טעסטאַמענט איז דוקא געווען ניט קיין פריערע איינריכטונג, ווי לאַסאַל מיינט, נאָר אַ שפּעטערדיקע און איז נאָך אַ לאַנגע צייט מסתמא—ווי באַ די דייטשן, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אָנגענומען דאָס רוימישע רעכט—געווען גיכער אַ יוצא מן הכּלל; אַלס כּלל אָבער האָט געגאָלטן די אינטעסטאַט־ירושה.

ווי האַלט עס אָבער מיט דער פּראַקטישער אָנווענדונג, וואָס לאַסאַל מאַכט פון זיין טעאָריע, אַז דעם רוימישן טעסטאַמענט קאָן מען באַגרייפן נאָר אין שיין פון דער רוימישער אומשטאַרבלעכקייט־אידעע—דער המשך פון סוביעקטיוון ווילן נאָכן טויט,—און אַז דער טעסטאַמענט איז לאָגיש אוממעגלעך אויסער דער אידעע? און אַז דעריבער איז דאָס מאָדערנע צוואָה־רעכט, נאָכדעם ווי די רוימישע פאָרשטעלונג פון ווילן־אומשטאַרבלעכקייט, וואָס באַציט זיך מער אויף דער אויסערלעכער וועלט, האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט דער קריסטלעכער אידעע פון אומשטאַרבלעכקייט, וואָס באַציט זיך שוין דער עיקר אויף דעם אינעווייניקסטן, „אין זיך צוריקגעצויגענעם” גייסט – אַז אָט דאָס צוואָה־רעכט איז ניט מער ווי איין גרויס מיספאַרשטענדעניש, אַ „פולע טעאָרעטישע אוממעגלעכקייט”? די פראַגן קערן אונז צוריק אום צום ערשטן טייל פון בוך, צו וועלכן דער צווייטער טייל איז באַ זיין גאַנצער אָפּגעשלאָסנקייט ניט מער ווי אַ מין צוגאָב.

דער ערשטער טייל האָט דאָס אונטער־קעפּל: „די טעאָריע פון

ערוואָרבענע רעכט און פון דער קאָליזיע צווישן געזעצן". לאַסאַל וויל געפונען דעם רעכטס־וויסנשאַפטלעכן גרונט אָנצומערקן איינמאָל פאַר אַלע מאָל די גרענעץ, באַ וועלכע אומשטאַנדן און ווי ווייט געזעצן קאָנען פּרעטענדירן אויף גילטיקייט, ניט אָנגרייפנדיק דערביי די אידעע פון רעכט גופא. מיט אַנדערע ווערטער: אויב אַ ניי געזעץ אָדער רעכט קומט אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט אַן אַלט געזעץ אָדער רעכט, איז ווען דאַרף מען האַלטן פאַר גילטיק דאָס ערשטע און ווען דאָס צווייטע, ווען דאַרף אַ רעכט באַטראַכט ווערן פאַר „ערוואָרבן" און דעריבער רעספּעקטירט ווערן, און ווען דאַרף מען עס אָן שום טענות אָפּשאַפן און אונטערוואַרפן דעם נייעם רעכט?

ביים פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע לאָזט זיך דער אויבן־דערוויזענער פעלער און לאַסאַלס פאָרשונגס־מעטאָד ווייניקער פילן; פאַרקערט, אַלע זיינע מעלות: די שאַרפקייט פון לאָגישן דענקען, דער חוש—אין די געגעבענע ראַמען—פאַרן היסטאָרישן מאָמענט, און דערביי די רעוואָלוציאָנערע דרייסטקייט דורכצוטראַכטן יעדן געדאַנק ביז די גאָר לעצטע קאָנסעקווענצן—טרעטן דאָ אַרויס אין זייער פולן גלאַנץ. דעריבער איז דער רעזולטאַט דאָ אַ סך מער אַ באַפרידיקנדיקער, ווי באַ דער חקירה וועגן עצם פון רוימישן ירושה־רעכט. ווי מען זאָל זיך בכלל ניט באַציען צו אַזאַ מין אַרבעט איבער ריין פילאָזאָפישע רעכטס־פראַגן, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז לאַסאַל האָט פון דער געשטעלטער פראַגע געגעבן אַזאַ לעזונג, וועלכע קאָן באַפרידיקן הן דעם יוריסט, הן דעם רעוואָלוציאָנער. און דאָס איז געוויס אַ וויכטיקער פאַרדינסט.

קודם כל שטעלט לאַסאַל אויף פאָלגנדיקע צוויי הנחות:

א) „קיין געזעץ קאָן ניט ווירקן אויף צוריק, אויב ער איז פון אַזאַ ארט, אַז ער איז חל אויפן מענטשן נאָר אין זיינע פרייוויליקע אַקטן". ב) „אַ געזעץ ווירקט אויף צוריק, אויב ער איז חל אויפן מענטשן אומאָפּהענגיק פון זיינע פרייוויליקע אַקטן, ד. ה. אויב ער רירט אָן אוממיטלבאַר זיינע אַלגעמיין־מענטשלעכע, אָדער נאַטירלעכע רעכט, אָדער די רעכט, וועלכע ער האָט באַקומען פון דער געזעלשאַפט; אָדער ער, דאָס געזעץ, רירט אים אָן דורכדעם, וואָס ער ענדערט די געזעלשאַפט אַליין אין אירע אָרגאַנישע אינסטיטוציעס".

אַזוי, למשל, אַ געזעץ, וואָס ענדערט די פּריוואַטע אָדער מלוכה־בירגערלעכע רעכט פון די לאַנד־בירגער, טרעט טאַקע באַלד אַריין

אין קראפט; ער איז אָבער ניט חל אויף די אַלע אַקטן, וואָס די בירגער זענען באַגאַנגען פאַרן אַרויסגעבן דאָס געזעץ, אויפן סמך פון זייערע דעמאָלטיקע רעכט, מעגן די רעכט גופא איצט שוין זיין אָפּגעשאַפט דורכן נייעם געזעץ. אויב לויט אַ נייעם געזעץ זאָל די בגרות־עלטער פיקסירט ווערן ניט אויף 21 נאָר אויף 25 יאָר, וועלן אַלע פּערזאָנען צווישן 21 און 25 יאָר תיכף פאַרלירן די האַנדלונגס־פעיקייט, וועלכע איז פאַרבינדן מיטן בגרות־צושטאַנד, ווייל זייער ביז איצטיקע האַנדלונגס־פעיקייט אין דעם פרט איז אויך ניט געווען קיין רעזולטאַט פון זייער פרייוויליקן רצון. אָבער אויף די רעכטלעכע אַקטן, וואָס די פּערזאָנען האָבן געשלאָסן פריער, אויפן סמך פון זייער דעמאָלט אָנערקענטער בגרות, קאָן דאָס געזעץ ניט חל זיין. דאָס רעכט, וואָס איז רעאַליזירט דורך אייגענעם טאָן און וועלן, דורך אינדיווידועלע ווילנס־אַקטן פון יחיד—דאָס ווערט גערעכנט פאַר ערוואָרבענע רעכט.

אָבער אַפילו דאָס רעכט, וואָס איז ערוואָרבן געוואָרן דורך אינדיווידועלער פרייוויליקער האַנדלונג, איז אויך ניט תמיד פריי פון דער ווירקונג פון אַ נייעם געזעץ. „דער מענטש קאָן זיכערן געוויסע רעכט זיך און אַנדערע נאָר אויף אַזוי פיל און אויף אַזוי לאַנג, אויף וויפיל און ווי לאַנג די באַשטייענדע געזעצן דערלויבן דעם אינהאַלט פון אָט די רעכט". אין יעדן אָפּמאַך איז ווי „פאַרויסגעזעצט אַ ניט־געשריבענער פונקט, אַז די אויסגערעדטע רעכט זאָלן נאָר אַזוי לאַנג גילטן, ביז די געזעצגעבונג וועט בכלל האַלטן אַזעלכע רעכט פאַר דערלאָזבאַר". „דער אַלגעמיינער מקור פון רעכט—פירט אויס לאַסאַל—איז דער געמיינזאַמער באַוווסטזיין פון גאַנצן פאָלק, דער אַלגעמיינער גייסט". דורך דעם, וואָס דער מענטש האָט זיך ערוואָרבן געוויסע רעכט, „קאָן ער קיינמאָל זיך נאָך ניט פריי מאַכן פון דער ווירקונג פונם אַלגעמיינעם רעכט־באַוווסטזיין. נאָר דער וואָלט עס געקאָנט דערגרייכן, וועלכער—אויב מען זאָל זיך קאָנען אַזוינס פאָרשטעלן—עס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט מער ווען ס'ניט איז צו ערווערבן אָדער אויסצוניצן וועלכע ס'איז ניט רעכט". „דער מענטש קאָן ניט פאַרקלאַפּן קיין טשוואָק אין רעכטבאָדן און זיך דורך אים שיצן אויף תמיד פון אַלע צוקונפטיקע צוואַנג־און פאַר־ווער־געזעצן". די פאָדערונג, אַז „ערוואָרבענע רעכט זאָלן גילטן אויך דאַן, ווען אַפילו נייע פאַרווער־געזעצן שליסן אויס זייער דערלאָז־

בּאַרקייט", איז אַ פֿאָדערונג צו אָנערקענען „די זעלבסט־איבערהערשאַפֿט פֿון דעם יחיד". אויב, אַלזאָ, „דער געזעלשאַפֿטלעכער גייסט איז אין זיין אַנטוויקלונג געקומען דערצו, אַז ער געפֿינט פֿאַר נייטיק אָפּצושאַפֿן געוויסע עקזיסטירנדיקע רעכט, למשל, לייבּ־אייגנטום, פֿאַנשטשיזנע, יאַגד־רעכט, פֿידײ־קאָמיסאַרישע ירושה־תּקנות, פֿאַרשיידענע דינסט־פֿליכטן א. ד. ג. קאָן דערביי גאָר קיין רייד ניט זיין... צי ס'ווערן אָנגעגריפֿן ערוואָרבענע רעכט". אויף אַזאַ אופֿן איז באַשטאַנען די זאַך מיט די דעקרעטן פֿון דער באַרימטער נאַכט פֿון 4 אויגוסט 1789, ווען די פֿראַנצויזישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט אַנולירט אַלע רעכט, וועלכע זענען געווען פֿאַרבינדן מיט דער פֿעאָדאַלער ממשלה. דאָ האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן „עובר זיין אויף רעכט אָדער וועגן צוריקווירקונג". דאָ האָט זיך אויך „ניט געקאָנט האַנדלען וועגן אַנטשעדיקונג". דערביי מאַכט לאַסאַל די געלונגענע באַמערקונג, אַז אָנערקענען אַנטשעדיקונג דאָרט, וווּ דער געזעלשאַפֿטלעכער באַוווּסטזיין באַטראַכט שוין דעם אינהאַלט פֿונם אַנולירטן רעכט פֿאַר אַנטירעכטלעך, וואָלט געהייסן ניט אַנדערש ווי „געבן געוויסע קלאַסן אָדער פּערזאָנען דאָס רעכט אַרויפֿצולייגן מס אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן גייסט פֿאַר זיין פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג". פֿון אַנטשעדיקונג קאָן נאָר דאַן געמאָלט זיין צו רעדן, ווען ס'ווערט אַנולירט ניט די רעכט־פֿאַרהעלטעניש אַליין, נאָר געוויסע אופֿנים פֿון איר באַפֿרידיקונג; ווען ס'ווערט איבערגענומען פֿון פּריוואַט־רעכטלעכן קרייז אין קרייז פֿון עפֿנטלעכן רעכט ניט אַ גאַנצע באַשטימטע גרופּע פֿון רעכט־אָביעקטן, נאָר איינצלנע עקזעמפּלאַרן פֿון אַזאַ גרופּע. בּאַ דער גרונט־הנחה, דערווייזט לאַסאַל, האָבן זיך כּסדר געהאַלטן די פֿראַנצויזישע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען אין דער צייט פֿון דער גרויסער רעוואָלוציע, רעכענענדיק זיך „מיט דער אמתער לאָגיק פֿון באַגריף". אַן אומגעקערטן ביישפּיל האָבן מיר אינעם פּרייסישן געזעץ פֿון 2 מערץ 1850 וועגן דעם רעגולירן פֿון די פּריציש־פּויערשע פֿאַרהעלטענישן; אַ רייע באַשטימונגען פֿון דעם געזעץ זענען בפֿירוש אַ פֿאַרמעגן־אָנגריף אויף די אָרעמסטע קלאַסן לטובֿת די פּריצים, אַן אָנגריף קעגן דעם אייגענעם רעכט־באַוווּסטזיין, ד. ה. אויב זיין „לאָגיש־אויסגעהאַלטן" איז דאָס פּשוט „גזלה"*).

*) לאַסאַל ווידמעט עטלעכע שטאַרקע ווערטער אויך דעם אופֿן, ווי מען האָט אויסגעפּרעסט בּאַ דער פּרייסישער פֿאָלקס־פֿאַרטרעטונג קאָמפּענסאַציעס בעתן אָפּשאַפֿן די

דער באַקאַנטער קאָנסערוואַטיווער רעכט-קענער סטאַל האָט גע- האָט געשריבן, אַז קיין תקופה איז ניט באַרופן צו משפטן די פאַרגאַנגענהייט און די רעכט, וועלכע שטאַמען פון איר, אָנערקענען די רעכט אָדער אָפּשאַפן זיי. דערויף ענטפערט לאַסאַל, אַז ריכטיק איז נאָר די ערשטע העלפט פון סטאַלס באַהויפּטונג, און פון איר פאָלגט בלויז, אַז יעדע תקופה איז אויטאָנאָם און איז ניט אונטערגעוואָרפן דער צווייטער, און דעריבער טאַקע קאָן קיין תקופה ניט זיין רעכטלעך פאַרפליכטעט צו לאָזן גילטן בײַ זיך זאַכן, וועלכע ווידערשפּרעכן שוין איר אייגענעם רעכט-באַוווסטזיין, וועלכע זי פאַסט שוין אויף אַלס פאַקטן פון אומרעכט, און ניט פון רעכט". עס איז אָבער ניט אומבאַדינגט נויטיק, אַז דאָס פאָלק זאָל זיין נייע רעכטס-אידעע און זיין נייעם ווילן דווקא אויסדריקן אין ווערטער, דורכן מויל פון דער פאָלקס-פאַרטרעטונג. „ווייל דער באַגריף רעכט באַדייט נאָר, אַז דער פאָלקס-גייסט פירט איין אַ געוויסן גייסטיקן אינהאַלט אַלס אָביעקט פון זיין רצון אין קרייז פון רעכט, ד. ה. אין דער ווירקלעכקייט. דאָס קאָן אָבער צומאָל פאָרקומען גענוג ענערגיש און אויס-

פריווילעגיעס בנוגע גרונט-שטייער א. א. רעדנדיק וועגן איינעם אַזאַ פּראָיעקט פון דער פּרייסישער רעגירונג, פון יאָר 1859, באַמערקט ער: „ווען אַ רעגירונג האָט די אומבאַגרייפלעכע שוואַכקייט צו מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג, איז זי דערמיט פּשוט עובר אויף די סווערענע רעכט פון דער מלוכה, און אויב די פאָלקס-פאַרטרעטונג זאָל פאַרגעסן אָן אירע פליכטן און אַנטקעגן קומען דער רעגירונג אין אַזאַ פאָרשלאַג, וואָלט שוין געווען אַ סך לאָגישער, זי זאָל גלייכצייטיק ווידער פּראָקלאַמירן די רעכט פון די אַדעליקע ערד-באַזיצער איבערן גאַנצן פאָלק". וואָס וואָלט לאַסאַל געזאָגט, ווען עמעצער זאָל אים געווען פאַרזיכערן, אַז אין דרייסיק יאָר אַרום וועלן נאָך אַלץ אין פּרייסן אַזוינע „שוואַכקייטן" און „פליכט-פאַרקירונגען" זיין באַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס! לאַסאַל איז דעמאָלט געווען נאָך גענוג נאַיוו, ווען ער האָט געשריבן, אַז בעת אין ענגלאַנד איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער תבואה-צאָל, האָבן די טאָריער „ניט געהאַט די אומפאַרשעמטקייט צו פאַרלאַנגען פאַר זיך אַן ערזאַץ-רעכט קעגן עפנטלעכן גייסט"! וואָלט ער נאָך דרייסיק יאָר געלעבט, וואָלט אים די ערפאַרונג באַוויזן, אַז די טאָריער האָבן אַזוי געהאַנדלט נאָר ווייל ס'האָט זיי געפעלט די ריכטיקע „פּראַקטישע קריסטלעכקייט", ניט מער.

עס איז כמעט ווי אַ שפּאַס מצד דער געשיכטע, וואָס גראָד לאָטאַר בוכערן איז אויסגעפאַלן צו באַזאָרגן די נייע אויפלאַגע פון „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט". אין 1880 האָט בוכער געשריבן אין פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע, אַז ער וואָלט גערן זיך גענומען ווייזן — ווען די צייט זאָל אים ערלויבן — ווי „לאַסאַלס „סיסטעם" איז אויסגענוצט אָדער אויסגעפירט געוואָרן אין דער געזעצגעבונג פון די לעצטע צען יאָר". פּראַקטיש אָבער, איז דאָס רוב געזעצן פון ביסמאַרקס צייט גראָד אַזאַ, אַז עס איז שרייענדיק סותר דעם גייסט פון לאַסאַלס ווערק.

דריקלעך ניט נאָר דורך ווערטער, נאָר אויך דורך דעם, וואָס דאָס פֿאָלק מאַכט פֿאַקטיש חרוב אַ געוויסן „רעכט=צושטאַנד". אָט דעם גרונט-געדאַנק געפֿינט מען שוין בײַ די רוימישע יוריסטן, און די פֿראַנצויזישע געזעצגעבונג בעת דער גרויסער רעוואָלוציע און נאָך איר האָט אים איבעראַנייס באַשטעטיקט. די געשיכטע גופֿא האָט אָפּגעגעבן געריכט דעם קאָנווענט — און אַפּילו די רעאַקציאָנערע היסטאָריקער מוזן עס מודה זײַן — דערפֿאַר, וואָס ער האָט אָנערקענט פֿאַר רעכטלעך אַלע אַקטן פֿון דער רעוואָלוציע זינט דעם טאָג פֿון 14 יולי 1789 — דעם טאָג ווען די באַסטיליע איז געשטורעמט געוואָרן. דאָ אָפּערירט לאַסאַל ווידער מיט אַנאַלאָגישע געשעענישן אין פּרייסן, און ווייזט אויף, ווי דער פּרייסישער העכסטער טריבונאַל האָט עובר געווען אויף דעם נײַעם רעכט=באַוווסטזײַן, וועלכער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דורך דער מערץ=רעוואָלוציע פֿון 1848 און איז אַפּילו אָנערקענט געוואָרן דורך דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע. למשל, די קאָנסטיטוציע זאָגט, אַז „אַלע בירגער זענען גלײַך פֿאַרן געזעץ און קײנע שטאַנד=פּריווילעגיעס זענען ניט פֿאַראַן", דער טריבונאַל אָבער האָט דורך פּשטלעך אַזוינע פּריווילעגיעס צוריק אויפֿגעשטעלט; הכלל, ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אמתן „רעאַקציע קאָנווענט". אין פֿיר יאָר אַרום, נאָך דעם ערשײַנען פֿון לאַסאַלס „סיסטעם", האָט דער דערמאָנטער טריבונאַל מיט זײַן באַרימטן פּירוש צום אַרטיקל 84 פֿון דער פּרייסישער קאָנסטיטוציע אילוסטרירט אַפּילו פֿאַר די „ליבעראַלע קעלבערנע קעפּ", ווי ווייט ער פֿאַרדינט דעם נאָמען, מיט וועלכן לאַסאַל האָט אים געקרוינט.

מיר האָבן געזען, אַז ערוואָרבענע רעכט מוזן, ערשטנס, באַזירן אויף אינדיווידועלע פּריווילעגיעס אַקטן און, צווייטנס, דאַרפֿן זיי שטימען מיטן פֿאָלקס-גײַסט, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין דער געגעבענער צײַט. דאָס איז בקיצור דער תּמצית פֿון דער טעאָריע פֿון ערוואָרבענע רעכט. דעריבער, ווען דער קאָנווענט האָט אין געזעץ פֿון 17 ניוואָז פֿון II יאָר (6 יאַנואַר 1794) באַשטימט, אַז די פֿאָרשריפֿטן פֿון דעם געזעץ (וואָס האָט אָפּגעשאַפֿט די פֿידייקאָמיסאַרישע און אַנדערע ירושות) זאָלן חל זײַן אויף אַלע ירושות, וואָס זענען באַקומען געוואָרן זינט דעם 14 יולי 1789, האָט ער דערמיט לחלוטין ניט געזינדיקט קעגן דעם זינען פֿון ערוואָרבענע רעכט. און דער קאָנווענט האָט מיט רעכט געענטפֿערט אויף אַלע פּעטיציעס מכּוח

דער פראַגע, אַז „דאָס דערמאָנטע געזעץ אַנטוויקלט בלויז די פּרינ־ציפּן, וואָס דאָס פאָלק האָט פּראָקלאַמירט אין יענעם טאָג—דעם 14 יולי 1789—ווען עס האָט צוריק אויפגעשטעלט זיינע רעכט; דער פּרינציפּ פון צוריקווירקונג ווערט דאָ לגמרי ניט אָנגערירט; פון דעם וואָלט געקאָנט אַ רייד זיין נאָר דאַן, ווען מען וואָלט וועלן דאָס געזעץ אָנווענדן צו ירושות פון פאַר דעם 14 יולי 1789.

איצט קאָנען מיר זיך קלאָר מאַכן, וואָס לאַסאַל איז אויסן געווען מיט זיינע אויספאָרשונגען פון די רוימישע און גערמאַנישע ירושה־רעכט. דאָס רוימישע ירושה־רעכט, וואָס האָט באַזירט אויף טעסטאַ־מענט און אינטעסטאַט־רעכט ניט פון דער פאַמיליע, נאָר פון די „רייען, אין וועלכע עס אויסערט זיך דער געמיינשאַפטלעכער ווילן"—אַט דאָס רעכט איז אין רוים געווען „ערוואָרבן רעכט", ווייל עס האָט געשטימט מיטן רוימישן פאָלקס־גייסט, מיט דער „סובסטאַנץ" פון פאָלק, מיט דער אידעע פון השארת־הנפש. דאָס גלייכן איז דאָס אַלטגערמאַנישע ירושה־רעכט—אינטעסטאַט־רעכט פון דער פאַמיליע—אויך געווען ער־וואָרבן רעכט, ווייל עס האָט אַנטשפּראָכן דער אידעע פון אַלט־גערמאַנישן פאָלקס־גייסט, דער אידעע פון פאַמיליע, וועלכע באַשטייט אין דער „מאָראַלישער גאַנצקייט פון פערזאָנען" און האָט „אַלס סובסטאַנציאָנעלן יסוד די איינהייט פון גייסט אָדער די ליבע". די פאַמיליע ירשנט, ווייל בכלל איז ניטאָ קיין אַנדער אייגנטום, אויסער פאַמיליע־אייגנטום. איצט אָבער, ווען אייגנטום איז געוואָרן אַ ריין אינדיווידועלע זאַך, האָט די אינטעסטאַט־ירושה גאָר אַן אַנדער יסוד: זי באַזירט „ניט אויף די רעכט פון דער פאַמיליע, אַלס אַזעלכער, און ניט אויף דעם, וואָס די פאַמיליע זאָל זיין דער ווילנס־המשך פונם פאַרשטאָרבענעם, נאָר אויף דער פאַמיליע, אַלס מלוכה־אינסטי־טוציע"; מיר האָבן דאָ צו טאָן „מיטן אַלגעמיינעם מלוכה־ווילן, וואָס רעגולירט דעם ענין פון ירושה". דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אויך בנוגע צו טעסטאַמענט־ירושה, וועלכע איז באַ היינטיקן טאָג, ווי מיר האָבן פריער געזען, אַ „פולשטענדיקע טעאָרעטישע אוממעג־לעכקייט". סיי צוואָה־ירושה סיי אָן־צוואָהדיקע ירושה זענען איצט ניט קיין נאַטירלעכע רעכט, נאָר „כללים וועגן ירושה צוליב דער גע־זעלשאַפט". און שליסנדיק זיין ווערק, דערמאָנט לאַסאַל, אַז אַפילו לייבניץ, וועלכער האָט ניט גאָר גוט תופס געווען דעם זינען פון טעסטאַמענט־רעכט, האָט דאָך אַרויסגעזאָגט דאָס טיפע וואָרט, אַז „די

צוואות אָלטן קיין שום ווערט און באַדייטונג ניט געקאָנט האָבן, ווען די ווּנשכה זאָל ניט זיין אומשטערבלעך".

מען דאַרף שוין קיין איבעריקע פּירושים ניט האָבן כּדי צו פאַרשטיין לאַסאַלס כּונה, ווען ער טרעט אַרויס אין זיין פּאָלעמיק קעגן העגעלס מיינונג וועגן צוואָה: „און ס'וועט זיך אפשר אין גיכן אַרויסווייזן, אַז אונזער אָביעקטיווער קוק איז פאַרבונדן ואָך מיט אַנדערע, פיל ראַדיקאַלערע אויספירן בנוגע צום מאָדערנעם ירושה-רעכט". האָבן מיר פאַר זיך ניט קיין נאַטור-רעכט, נאָר אַ מלוכה-אינסטיטוציע, איז קלאָר, אַז די מלוכה אָדער די געזעלשאַפט קאָנען צו יעדער צייט ענדערן די אינסטיטוציע, זי באַגרענעצן אָדער גאָר ליקווידירן, ווי ס'לוינט פאַר די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט. און ווען געאָרג בראַנדעס און אַנדערע טענהן, אַז זיי האָבן אין גאַנצן ווערק ניט געפונען „קיין איין שורה", וועלכע זאָל געבן אַן אָנווייזונג, ווי צו פאַרווירקלעכן די לאַסאַלישע ירושה-רעכט-טעאָריע אין לעבן — קאָן מען זיי נאָר אויפריכטיק מיטפילן. ניט איין שורה, נאָר דאָס גאַנצע ווערק אָטעמט מיט אָט דעם שטרעבן צו פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג. און וואָס אַנדערש האָט לאַסאַל געקאָנט אין זינען האָבן, בעת ער האָט זיין הקדמה צום בוך אָנגעהויבן מיט די ווערטער, אַז אויב אים זאָל זיך נאָר איינגעבן צו לעזן די געשטעלטע אויפגאַבע, וועט דאָס הייסן אין לעצטן רעזולטאַט ניט ווייניקער ווי „אויסגעפינען אויפן רעכט-וויסנשאַפטלעכן וועג דעם פּאָליטיש-סאָציאַלן געדאַנק, וועלכער ליגט אין יסוד פון אונזער גאַנצער עפּאָכע"?

צי האָט אָבער לאַסאַל געלעזט די אויפגאַבע?

וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טעאָריע פון ערוואָרבענע רעכט, איז, דאַכט זיך, איר גרונט-אויפפאַסונג איצט פון אַלעמען אָנערקענט און אָנגענומען. זייער געלונגען איז אויך לאַסאַלס פאָרמולירונג, אַז אין אַלגעמיין באַשטייט „דער קולטור-היסטאָרישער גאַנג פון דער גאַנצער רעכט-געשיכטע" אין דעם — מיט אויסנאַם פון דער אורגעשיכטע — אַז „וואָס ווייטער ווערט אַלץ מער באַשרענקט דער אייגנטום-קרייז פונם יחיד, און אַלץ מער אָביעקטן ווערן אַרויסגענומען פון דער ספערע פון פּריוואַט-אייגנטום". בײַ לאַסאַלן איז אָט דער געדאַנק זייער שיין אַנטוויקלט, און מיט רעכט האָט ער אַליין אויף אים געלייגט זייער גרויס אַכט. דאָס איז אַ גאַנץ געשיכטס-פילאָזאָפיש פּראָגראַם, אַן אמת מייסטער-ווערק פון שאַרפער באַגריפן-לאָגיק.

אַ סך שוואַכער איז לאַסאַלס אָנווענדונג פון דער טעאָריע, אויב מען זאָל אורטיילן לויטן ביישפּיל מיטן וועזן פונם רוימישן און גערמאַנישן ירושה=רעכט. מיר האָבן שוין פריער גערעדט וועגן דעם, פאַרוואָס דער פאַרגלייך איז אַרויס באַ לאַסאַלן אַזוי שוואַך—דאָ בלייבט אונז נאָר צו רעזומירן אין קורצן דאָס געזאָגטע. לאַסאַל פירט אַרויס דאָס ירושה=רעכט פונם ספּעציעלן פאָלקס=גייסט. אויב אַפילו אָנערקענען, אַז צווישן ירושה=סיסטעם און פאָלקס=גייסט איז פאַראַן אַן אינטימער צוזאַמענהאַנג, איז אַלנפאַלס אָט דער צוזאַמענהאַנג ניט די לעצטע סיבה, ניט די לעצטע ווירקונגס=אינסטאַנץ. מיט פיל מער רעכט קאָן מען זאָגן, אַז אי דאָס ירושה-סיסטעם אי דער פאָלקס=גייסט זענען ביידע אַ פועל=יוצא פון איין טיפערער סיבה אָדער פון אַ ריי סיבות. ביידע זענען זיי אין לעצטן סך=הכל דער פּראָדוקט אָדער דער אויסדרוק פון געוויסע מאַטעריעלע לעבנס=באַדינגונגען פון באַמרעפנדיקן פאָלק, זיי וואַקסן אַרויס פון אָט די באַדינגונגען און ענדערן זיך צוזאַמען מיט זיי. דאָס ירושה=רעכט בייט זיך, ווי נאָר עס קומט אַריין אין אַ סתירה מיט די מאַטעריעלע לעבנס=תנאים; דער „פאָלקס=גייסט” געפינט דעמאָלט גלייך איין, אַז דאָס ירושה=רעכט שטימט מער ניט מיט זיין רעכט=באַוווסטזיין. און אַזוי גייט עס צו מיט אלע אַנדערע רעכטס=אינסטיטוטן. דער „פאָלקס=גייסט” פיגורירט נאָר אַלס די לעצטע אינסטאַנץ, וועלכע זאָגט זיך אַרויס וועגן באַשטאַנד פון די אינסטיטוטן און פיקסירט דעם פּסק איבער זיי; די אמת אַנטשיידנדיקע אינסטאַנץ זענען אָבער די מאַטעריעלע לעבנס=באַדינגונגען פון פאָלק, דער אופן און די אומשטאַנדן, באַ וועלכע עס פּראָדוצירט זיינע מיטלען צום לעבן *).

מיט וואָס זשע דערקלערט זיך, וואָס לאַסאַל איז געקומען צו אַזאַ גרונט=פאַלשער טעאָריע, וועלכע שטייגט נאָך אַריבער די טעותן

---

*) די דאָזיקע פאַרהעלטעניש דאַרף מען ניט פאַרשטיין צו מעכאַניש. לויט דעם געזעץ פון קעגנזייטיקער ווירקונג קאָנען די רעליגיעזע, רעכטלעכע א. אַ. וו. אָנשויונגען—בקיצור, דאָס וואָס מען איז כולל אינם באַגריף „פאָלקס=גייסט”—פון זייער זייט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון די פּראָדוקציאָנס=פאַרהעלטענישן, אין געוויסע גרענעצן קאָנען זיי, למשל, שטערן אין פאַרהאַלטן זייער אַנטוויקלונג. סוף כל סוף איז עס תמיד דער מענטש, וועלכער מאַכט זיין אייגענע געשיכטע. אָבער דאָ רעדט זיך וועגן די לעצטע סיבות, וועלכע ליגן אין יסוד פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

פון די אַלטע יוריסטן און רעכטס-פילאָזאָפן? די סיבה ליגט דערין, וואָס לאַסאַל געפינט זיך פון צנהויב ביזן סוף אויסשליסלעך אין קרייז פון יוריסטישע און פילאָזאָפישע „באַגריפן", וועלכע ער ווענדט אָן מיט אַן אייזערנער קאָנסעקווענץ און דוקא דעריבער נאָך מיט מער שאָדן פאַר זיין גאַנצער אויספאָרשונג. ער וויל אַלע ערשיינונגען אַרויסדרינגען דוקא פון די „באַגריפן", און אין דער באַגריפן־לאָגיק זוכט ער די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון די ערשיינונגען. די לעצטע רעכענען זיך אָבער ווייניק וואָס מיט די לאָגישע באַגריפן, זיי האָבן זיך זייערע אייגענע געזעצן פון אַנטוויקלונג.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז לאַסאַל איז געווען זייער אַ טיכטיקער יוריסט. ער האָט פאַרמאָגט איינגעבוירענע אויסערגעוויינלעכע נטיות דערצו, און דער יאָרנלאַנגער קאַמף מיט די געריכטן אין דעם האַצפעלד־פּראָצעס האָט נאָך שאַרפער אַנטוויקלט אין אים די דאָזיקע אייגנשאַפטן. דאָרט ווו מען באַדאַרף אַנאַליזירן אַ געזעץ, אָדער תּופס זיין אַ רעכט־פאָרמול ביז אין די טיפסטע טיפעניש פון איר אינהאַלט — דאָרט איז לאַסאַל ווי בּאַ זיך אין דערהיים, און ער ווייזט אַרויס אמתע מייסטער־חריפות. אָבער אין דער שטאַרקייט ליגט אויך אַ געוויסע שוואַכקייט. די יוריסטישע זייט איז תּמיד גובר אין אים. סאָציאַלע פּראָבלעמען זעט ער אויך מייסטנס מיט אויגן פון אַ יוריסט. דאָס לאָזט זיך פילן שוין אין „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט" — און דאָס וועט זיך שפּעטער נאָך אָפּרופן אויך אין זיין סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

לויט דער פאָררעדע צו „סיסטעם א. אַ. וו." דאַרף דאָס בוך צוגלייך זיין אויך אַ קריטיק פון דער העגעלשער רעכטספילאָזאָפיע. אַזאַ קריטיק טרעפן מיר אָבער אין בוך נאָר בנוגע צו נעבן־פּונקטן, לאַסאַל מאַכט אַ האַלבן שריט פאָרויס און בלייבט אין דער הויפּט־פראַגע אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט, וואָס העגעל גופא. דאָס איז נאָך מער וווּנדערבאַר, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דער ערשטער שריט פאַר אַזאַ קריטיק איז דעמאָלט שוין לאַנג געווען געמאַכט, און אין שריפטן, וועלכע לאַסאַל האָט געוויס געקענט. אין 1844 האָט קאַרל מאַרקס אין די דייטש־פראַנצויזישע יאָרביכער אין אַן אָפּהאַנדלונג „צו דער קריטיק פון דער העגעלשער רעכטספילאָזאָפיע" אָנגעוויזן אויף אָט דעם שריט; אין 1846 האָט ער עס גאַנץ דייטלעך פאָרמולירט אין זיין ווערק „די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע"; אין

1847 האָבן מאַרקס און ענגעלס אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ געגעבן אַ ביישפּיל ווי אָנצווענדן אָט די קריטיק; און אין 1859, אין דער הקדמה צום בוך „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע“ פאַררופט זיך מאַרקס בפירוש אויף זיין ערשטער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג און זאָגט: „מיין אונטערזוכונג — צו וועלכער יענע אָפּהאַנדלונג איז נאָר אַן איינליייטונג — ברענגט צו דעם אויספיר, אַז סיי רעכטלעכע פאַרהעלטעניסן סיי מלוכה־פאָרמען לאָזן זיך נישט ערקלערן נישט דורך זיך זעלבסט נישט דורך דער אַזוי גערופענער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט, נאָר זיי האָבן אַ סך מער זייער שורש אין די מאַטעריעלע לעבנס־פאַרהעלטעניסן... נישט דער באַוווסטזיין פון די מענטשן איז גורם זייער „זיין“, נאָר פאַרקערט זייער געזעלשאַפטלעכער „זיין“ איז גורם זייער באַוווסטזיין“.

און כאָטש לאַסאַל האָט שוין געקענט אָט דאָס בוך, בעת ער האָט געאַרבעט איבער זיין „סיסטעם“, כאָטש ער האָט אין די באַגייסטערסטע אויסדריקן געשריבן מאַרקסן וועגן דעם דאָזיקן בוך,*) פונדעסטוועגן געפינען מיר נישט אין זיין ווערק קיין איין שורה, וועלכע זאָל עפּעס אָנווייזן דערויף. דערויף מיינען מיר נישט צו מאַכן פאַרוואָרפן לאַסאַלן. מיר ברענגען דאָס אַלץ נאָר צוליב קריטיק פון זיין פּאָזיציע, פון זיין אויפפאַסונג, וועלכע איז צו יענער צייט געווען נאָך אַן אידעאָלאָגיש־יוריסטישע. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין דער בריוולעכער פּאָלעמיק פון לאַסאַלן מיט מאַרקסן איבער דער טעאָריע פון ירושה־רעכט, ווי זי איז פאָרמולירט אין „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט“.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מאַרקס האָט זיך גלייך געמוזט אַרויסזאָגן קעגן אָט דער טעאָריע, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ דירעקטן ווידערשפּרוך מיט זיין אייגענעם טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט. פון די בריוו קאָן מען נישט פעסטשטעלן אַלץ, וואָס מאַרקס האָט געהאַט אויסצוזעצן קעגן לאַסאַלן; איינס ווערט אָבער יאָ קלאָר פון די בריוו, — אַז די דעבאַטע — אגב, האָט זי נישט לאַנג זיך געצויגן — האָט זיך דער עיקר געדרייט אַרום לאַסאַלס באַהויפּטונג, אַז דעם טעסטאַמענטס־אינסטיטוט קאָן מען באַגרייפן נאָר אַלס פּראָדוקט פון דער רוימישער מיטאָלאָגיע, פון דער רוימישער אומשטאַרב־

*) אין איינעם אַ בריוו, פון סעפּטעמבער 1860, רופט ער זיך אָפּ וועגן דעם בוך ווי וועגן „אַ מייסטערווערק“, וואָס האָט „בײַ אים אַרויסגערופן די העכסטע אַנטציקונג“.

לעכקייט-אידעע, און אז די עקאנאמישע בורזשואזע אנטוויקלונג וואלט אליין נישט ארויסגערופן צום לעבן אט דעם אינסטיטוט, ווען זי וואלט אים נישט געפונען א פארטיקן אינם רוימישן רעכט. דערביי איז כאראקטעריסטיש צו צוזען, ווי אויף אלע מארקס פראגן, וואס באציען זיך צו דער עקאנאמישער אנטוויקלונג, ענטפערט לאסאל אלץ מיט יוריסטיש-אידעאלאגישע סברות. אין דער קארעספאנדענץ, מיט וועלכער מיר קאנען זיך דא גענויער נישט פארנעמען, זעט מען אם בולטסטן, ווי פארשיידן עס זענען די טעארעטישע אויסגאנג-פונקטן פון די ביידע דענקער.

מען דארף אבער נאך אמאל אונטערשטרייכן, אז נישט געקוקט אויף דעם פאלשן טעארעטישן שטאנדפונקט, איז דאך דאס „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט" זייער א באדייטנדיקער אויפטו; אפילו ווען מען האלט נישט פון לאסאלס טעאריע איז זיין ווערק אלנפאלס א קוואל פון גרויסן גייסטיקן געניוס און פון גרויסע גייסטיקע אנרעגונגען.

## V.

## דער פרייסישער קאנסטיטוציע-קאנפליקט, די רעדעס וועגן קאנסטיטוציע און דאס ארבעטער-פראגראם.

אין די יארן 1860 און 1861 האט לאסאל זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו גרינדן אין בערלין א גרויסע דעמאקראטישע צייטונג. מיר האבן שוין אויבן געזען, וואס פאר א מיינונג לאסאל איז געווען פון דער ליבעראלער פרעסע, און ווי שטארק אים האט זיך געוואלט אוממיטלבאר צו ווירקן אויפן אנטוויקלונגס-גאנג אין דייטשלאנד. אזוי ווי נאכן טויט פון פרידריך ווילהעלם IV האט מען געהאפט אויף אן אלגעמיינער אמנעסטיע, האט לאסאל זיך אנגעפרעגט בא מארקסן, צי ער און ענגעלס וואלטן אין דעם פאל נישט געוואלט זיך אומקערן קיין דייטשלאנד און ארויסגעבן מיט אים צוזאמען אזא צייטונג. „אין מיין פארלעצטן בריוו — שרייבט ער מארקסן דעם 11 מערץ — האב איך געפרעגט: צי ווילט איר נישט, ווען דער קעניג גיט א שטארב אין עס ווערט דערקלערט אמנעסטיע, קומען אהער ארויסגעבן א בלאט? ענטפערט זשע מיר דערויף. איך טראג מיך ארום אויף דעם פאל מיט דער לעת עתה אומקלארער האפענונג דא אין

בערלין אָנצוהויבן אַזאַ אויסגאַבע צוזאַמען מיט אייך. אַלזאָ, צי זייט איר נוטה קומען אַהער? און וויפיל קאַפּיטאַל וואָלט מען באַדאַרפט האָבן פאַר אַזאַ גרויסע צייטונג? צי וואָלט געווען גענוג, ווען ס׳גיט זיך איין קריגן אַרום 10 טויזנט טאַלער? אָדער וויפיל? עס וואָלט מיר געווען זייער אנגענעם, ווען דו זאָלסט מיר וועגן דעם שרייבן, ווייל איך טרוים ממש וועגן אָט דעם שאַטאָ אַן עספּאַן!" אין די ווייטערדיקע בריוו קערט זיך לאַסאַל אַלע מאָל אום צו דער אידעע, און דעם 19 יאַנואַר 1861, ווען דער טראָנווועקסל אין פּרייסן איז געוואָרן אַ פאַקט און ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די דערוואַרטע אַמנעסטיע, שרייבט ער דרינגנדיק: „איך שטעל דיר נאָכאַמאָל די פראַגע: 1. וויפיל קאַפּיטאַל איז נויטיק אויף צו גרינדן אַ צייטונג? 2. ווער פון די געוועזענע רעדאַקטאָרן פון דער „נייער ריינישער צייטונג" וואָלט געוואָלט קומען אַהער צוליב דעם?"

דער פּלאַן איז נישט צושטאַנד געקומען, כאָטש מאַרקס האָט אָנגענומען לאַסאַלס איינלאַדונג און איז צו אים אַראָפּגעקומען קיין בערלין אין פרילינג 1861. ערשטנס, האָט לאַסאַל אַרויסגעשטעלט אַזאַ מאָדנע באַדינגונג, אַז ער זאָל האָבן אין רעדאַקציע איין שטים און מאַרקס מיט ענגעלסן צוזאַמען אויך נאָר איין שטים, ווייל אַנדערש וואָלט ער „שטענדיק געווען אין דער מינדערהייט!" און חוץ דעם האָט די פּרייסישע רעגירונג אַזוי אויסגעטייטשט די אַמנעסטיע, אַז די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד מער פון צען יאָר, האָבן דערמיט אָנגעוואָרן זייער אָנגעהעריקייט צו פּרייסן און זיי האָבן זיך באַדאַרפט פון דאָסניי נאַטוראַליזירן, ווי געוויינלעכע אויסלענדער. די כוונה איז געווען קלאָר: די רעגירונג וועט זיך אָפּזאָגן צו נאַטוראַליזירן יעדן איינציקן, וועמ ס׳איז „אומבאַקוועם" פאַר איר. לאַסאַל האָט אָנגעגעבן פאַר מאַרקסן אַ בקשה מכח נאַטוראַליזאַציע, און אין אַלע אינסטאַנצן איז די בקשה געוואָרן אָפּגעוואָרפן, ווייל, ווי דער ליבעראַלער מיניסטער שווערין האָט דעם 11 נאָוועמבער 1861 געענטפערט לאַסאַלן, „עס איז לעת עתה נישט פאַראַן קיינע באַזונדערע גרונטן צו ערלויבן די נאַטוראַליזאַציע פון הער מאַרקס". ממילא איז שוין נישט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן מאַרקס איבערפאָרן קיין בערלין.

סוף זומער 1861 האָט לאַסאַל צוזאַמען מיט דער גרעפין האַצפעלד געמאַכט אַ רייזע קיין איטאַליע, וועלכע איז געווען פאַר אים,

ווי ער האָט געשריבן צו מאַרקסן, „זייער באַלערנדיק". דאָס פֿאַרברענגען בײַ גאַריבאַלדין אויפֿן אינזל קאַפּרי איז געווען זייער אינטערעסאַנט, און ער האָט זיך נאָנט באַקענט „כּמעט מיט אַלע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן" אין די פֿאַרשיידענע שטעט, וועלכע ער האָט באַזוכט. ווי בערנאַרד בעקער גיט איבער אין זײַנע „אויפֿדעקונגען איבער דעם טראַגישן לעבן-סוף פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַל" און ווי עס ווערט באַשטעטיקט אויך פֿון מאַרקס אַ בריוו צו ענגעלסן פֿון 30 יולי 1862, האָט לאַסאַל דעמאָלט אויפֿגעגעבן און צוגערעדט גאַריבאַלדין צו אַ פּלאַן פֿון אַ גרויסער מיליטערישער אונטערנעמונג קעגן עסטרײַך, און דערנאָך האָט ער דעמזעלבן פּלאַן פֿאָרגעלייגט אין לאָנדאָן אויך מאַציניִן. לויט דעם פּלאַן האָט גאַריבאַלדי באַדאַרפֿט זיך ערקלערן פֿאַר דיקטאַטאָר אין נעאַפּאָל, דאָרט בילדן אַן אַרמיי און מיט איר אַוועקמאַרשירן איבערן פּאָ, און אין דערזעלבער צײַט דאַרף אַ באַזונדער קאָרפּוס געוואָרפֿן ווערן מיטן אַדריאַטישן ברעג קיין אונגאַרן און דאָרט אַרויסרופֿן אַן אויפֿשטאַנד-באַוועגונג. דער פּלאַן איז אינטערעסאַנט דער עיקר דערמיט, וואָס ער ווײַזט אונדז, ווי לײַכט לאַסאַל האָט זיך דעמאָלט פֿאָרגעשטעלט די אויפֿגאַבע פֿון צו שאַפֿן אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, וועלכע זאָל שוין אין איינוועגס פֿירן צו דער געווינטשטער לעזונג פֿון דער דײַטשישער פֿראַגע. דאָ דאַרף מען נאָר דערמאָנען וועגן דעם, אַז מאַרקס האָט מיטגעגעבן לאַסאַלן קיין איטאַליע אַ רעקאָמענדיר-בריוו צום דײַטשן סאָציאַליסט יאָהאַן פֿיליפּ בעקער. לאַסאַל האָט אָבער באַקומען פֿון אייניקע איטאַליענער אומגינסטיקע — אין דער אמתן איז דאָס געווען בלויזע רכילות — ידיעות וועגן בעקערן און האָט דעם בריוו צו אים דעריבער נישט אויסגענוצט. ער שרײַבט דאַן צו מאַרקסן: „ס'רוב קען מען אים גאָר נישט, און די, וואָס קענען אים יאָ, האַלטן אים פֿאַר אַ פּלאַפּלער, פֿאַר אַן אָנשטעל-מאַכער... גוט איז ער נאָר מיט טיורן, דער לעצטער איז אָבער בפֿירוש נאַפּאָלעאָנס אַן אַגענט און ער האַלט בעקערן אין די הענט". „דו ווייסט, ווי אָפֿט אונדז קומט אויס אין אויסלאַנד פֿאַר קיין זאַך זיך נישט היטן אַזוי, ווי פֿאַר אונדזערע אייגענע לאַנדס-לײַט". לאַסאַל האָט גראָד אַ טעות געהאַט. דער געוויסנהאַפֿטער יאָהאַן פֿיליפּ איז נישט געווען סתם אַבי ווער, ער האָט נישט איינמאָל אַרויסגעוויזן היפּשן מוט אין קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט, און זיך טרעפֿן מיט אים האָט לאַסאַל אַלנפֿאַלס געמיינט. און שפּעטער

טאַקע, ווען לאַסאַל האָט געהאַלטן אין גרינדן דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פֿאַריין" האָט איינגעלאַדן בעקערן אויך*). און ווען בעקער איז ערגעץ ווו דערגאַנגען, וואָס פֿאַר אַ שמועסן עס פֿירן זיך וועגן אים, האָט לאַסאַל אים אַזוי פֿאָרגעשטעלט די זאַך, אַז מאַרקס זאָל עס האָבן געמאַכט פֿון אַ פֿליג אַן עלפֿאַנט, צוגעבנדיק אַזאַ ערנסטע באַדייטונג זיינער אַן אומשולדיקער צופֿעליקער באַמערקונג וועגן בעקערס פֿאַרקער מיט טיורן.

ערשט אין יאַנואַר 1862 האָט לאַסאַל זיך אומגעקערט קיין בערלין — און האָט געטראָפֿן אַ גאַנץ אומגעענדערטע פּאָליטישע סיטואַציע. דער סכסוך צווישן פּרייסישן קעניג און ליבעראַלן בירגערטום האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אָפֿענעם שאַרפֿן קאָנפֿליקט. בײַ די נייע וואַלן, אָנהויב דעצעמבער פֿון 1861, איז די שוואַכמוטיקע קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי באַזיגט געוואָרן פֿון די פּראָגרעסיסטן, וועלכע האָבן בלויז גענומען עטוואָס אַ שאַרפֿערן טאָן. און אין זומער פֿון זעלבן יאָר איז די דאָזיקע פּאַרטיי שטאַרק אויסגעוואַקסן פֿון דער פֿראַקציע „יונג־ליטויער", וועלכע האָט ביז דאַן אויסגעמאַכט אין פּאַרלאַמענט אַ קליינע מינדערהייט, ריכטיקער די פּראָגרעסיסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום אָט דער פֿראַקציע. די פּראָגרעסיסטן זענען אָבער נישט געווען קיין איינאַרטיקע פּאַרטיי. זיי זענען באַשטאַנען פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע עלעמענטן: ליבעראַליזירנדיקע גרויס־בורזשואַ און קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן, געוועזענע רעפּובליקאַנער מיט צעשווומענע סאָציאַליסטישע טענדענצן און עלעמענטן, וועלכע זענען געווען כמעט מער מאָנאַרכיסטיש ווי דער קעניג אַליין. ווילהעלם I מיט זיין האָהענצאָלערישן איינגעזיין האָט איינגעריסן מיט אַלעמען; נאָר די פּאַרטיי פֿון יונקערס און צבועקעס און די אייגנטלעכע ביוראָקראַטיע מיט אירע מיטלויפֿער האָבן געהאַלטן מיט דער רעגירונג. די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ גרויסע מערהייט אין פּאַרלאַמענט, און כמעט די גאַנצע עפֿנטלעכע מיינונג איז געשטאַנען אויף איר צד. אפֿילו ראַדיקאַלערע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך נישט געאַרט וועגן איבערן מהות פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי, האָבן פֿונדעסטוועגן ביז אַ צייט נישט געוואָלט אַרויסטרעטן קעגן איר, זיי האָבן

*) אַז די פֿירער פֿון די איטאַליענער האָבן גוט געקענט בעקערן, זעט מען פֿון איינעם אַ בריוו פֿון מאַזיניִן צו אים, פֿון יוני. פֿאַרגלייך ר. ריגס פּובליקירונגען פֿון י. פֿ. בעקערס פּאַפּירן, „נייע צייט" יאָר 1888 ז. 458 א. ת.

געוואָלט אָפּוואַרטן און זען, ווי די פּאַרטיי וועט דערפירן בִיזן סוף איר קאַמף מיט דער פּרייסישער רעגירונג.

לאַסאַל איז שוין פון אַ שטיק צייט געווען אין זייער שלעכטע באַציִונגען מיט די לייט, וועלכע זענען געווען דער צענטר פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי אין בערלין. אין אָנהויב 1860 האָט ער נאָך אין אַ בריוו צו מאַרקסן זיך שטאַרק אָנגענומען די קריוודע פון דער קליינבירגערלעך־דעמאָקראַטישער „פאָלקס־צייטונג"; ער געפינט, אַז אויב אפילו די צייטונג „ווייזט אָפּט אַרויס ווייניקער מוט, ווי מען האָלט געקאָנט פאַרלאַנגען און ווייניקער אויסגעהאַלטנקייט, ווי דאָס איז מעגלעך אפילו באַ די גילטנדיקע פּרעסע־קייטן, דאָך פאַרטיידיקט זי פאָרט די גאַנצע צייט דעם דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט", און ער לויבט די שטעלונג צו די „בלוי־רעוואָלוציאָנערע" בלעטער און פאַרטייען, באַ וועלכער ס'האָט זיך געהאַלטן אין 1848 די „נייע ריינישע צייטונג", ווייל יעדע אַנדערע שטעלונג איז „אי טעאָרעטיש פאַלש, אי פּראַקטיש שעדלעך". „מיר מוזן — האָט ער נאָך דעמאָלט געשריבן — אין באַצוג צו די וווּלגאַר־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אונטערשטרייכן נישט נאָר דעם אונטערשייד פון אונזער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך די פּונקטן, אין וועלכע מיר גייען זיך מיט זיי צונויף. אַרויסרוקן בלויז דעם אונטערשייד וועט מען קאָנען ערשט דאַן, ווען אָט די פּאַרטייען וועלן האָבן געזיגט"; אויב אָבער די פּאַרטיי אין לאָנדאָן זאָל זיך שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט צו באַהאַנדלען די בלוי־רעוואָלוציאָנערע בלעטער און פּאַרטייען באַגלייך מיט די רעאַקציאָנערע, „דאַן ערקלער איך קאַטעגאָריש, אַז איך וועל אָט די האַנדלונג נישט מיטמאַכן, פאַרקערט איך וועל אַזא פּאָזיציע מיט אַלע כחות באַקעמפן". און מיט איין יאָר שפּעטער, דעם 19 יאַנואַר 1861, שרייבט ער שוין מאַרקסן, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואָס די „פאָלקס־צייטונג" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ד[illegible] זיינעם אַ לענגערן אַרטיקל קעגן דער „נאַציאָנאַל־צייטונג", כדי איינצורייסן מיט איר אַרויסגעבער, מיט פראַנץ דונקערן. „איך באַנוץ מיך מיט דער געלעגנהייט, זאָג איך. ווייל ס'איז פאַר מיר טאַקע מער אַ געווונטשטע געלעגנהייט, ווי אַ גרונט. די נויטיקייט איינצורייסן האָב איך שוין לאַנג איינגעזען; מיט דעם דאָזיקן פּחדנותדיקן געזינדל איז גאָר אוממעגלעך צו האָבן וועלכע ס'איז באַציונגען, און איך וואָלט זיי אָן דעם אויסרייד שוין לאַנג איבערגע־

ריסן, ווען נישט מיין נאַטירלעכע גוטמוטיקייט". אין דער הקדמה צו
דעם „סיסטעם פון ערוואָרבענע רעכט", געשריבן דעם 27 מערץ 1861,
געפינען מיר שוין אויך אַן אָנפאַל (כאָטש דאָרט איז ער אוממיטל-
באַר דורך גאָר נישט אַרויסגערופן) אויף „די וואָרטפירער פון דער
ליבעראַלער בורזשואַזיע", וועלכע באַנעמען דעם באַגריף פּאָליטיק
„איזאָלירט", מיט אַ „גייסטלאָזער אויבערפלעכלעכקייט", און דעריבער
„פאַרלירן זיי זיך אין הוילע ווערטער, און קעמפן כסדר מיט ווער-
טער קעגן ווערטער". פונדעסטוועגן האָט לאַסאַל נאָך אונטערגעהאַלטן
באַציונגען מיט אַנדערע פּראָגרעסיסטן און מיט מיטגלידער פון נאַ-
ציאָנאַל-פאַריין, און אין בערלין גופא האָט זיין איינרייסן מיט דונ-
קערן געהאַט נאָר די פעולה, אַז ער איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט
פּאָליטיש נאָך מער צווייטייטיקערע פּערזאָנען. אַ חוץ אייניקע ווירק-
לעכע געלערנטע, זענען זיינע אינטימע פריינט געוואָרן גאַנץ געוויינ-
לעכע סאַלאָן-לייבן, ווי דער באַראָן קאָרף, מייערבערס אַן איידעם,
אָדער קינסטלער מיט אַ ראַדיקאַלן אָנשטעל, ווי האַנס פאָן ביולאָוו
א. אַ. וו.*) אין דער התנצלות-שריפט פון העלענע פאָן ראַקאָוויץ
ווערט אָן פניות געשילדערט די געמישטע און היפּש צוגעפוילטע גע-
זעלשאַפט, אין וועלכער לאַסאַל האָט זיך געפונען צו דער צייט ווען
זי האָט זיך מיט אים באַקענט (אָנהויב 1862). וועגן דעם אַדוואָקאַט
הירזעמענצל, וואָס בײַ אים אין שטוב האָט זיך לאַסאַל דאָס ערשטע
מאָל געטראָפן מיט העלענען און וואָס זיין „רייצנדע בלאָנדלאָקיקע
פרוי" האָט העלענען פאָרגעשטעלט לאַסאַלן „אַלס איינעם פון די אינ-
טימסטע פריינט פון איר מאַן" — וועגן דעם פאַרשוין, האָט לאַסאַל
אַליין געשריבן צו מאַרקסן מיט אייניקע חדשים שפּעטער — דעם 9

*) לאַסאַלס בריוו צו האַנס פאָן ביולאָוו זענען ערשינען אינמיטן די אַכציקער
יאָרן (דרעזדן און לייפּציג, ה. מינדען). ווי קליין דאָס ביכעלע איז נישט, אַזוי שלעכט
איז דאָס צונויפגעשטעלט. אין דער הקדמה ווערט הייגעס אַ בריוו צו לאַסאַלן אָנגעגעבן
אַלס בריוו פון פירשט פּיקלער-מוסקאַו; די בריוו אַליין זענען אָנגעוואָרפן אָן אַ שום
כראָנאָלאָגישן סדר, כאָטש פון זייער אינהאַלט קאָן מען ס'רוב זייער ליכט פעסטשטעלן
די דאַטעס, ווען זיי פעלן אפילו בײַ לאַסאַלן. אין איינעם פון די בריוו רעדט זיך וועגן
„סאָלינגערס געניאַלער קאָמפּאָזיציע", און דערבײַ איז אַ נאָטיץ פונם אַרויסגעבער: „אַר-
בעטער-הימן פון הערוועג". כאָטש דער אַרויסגעבער האָט די בריוו באַקומען פון ביולאָוון
אַליין, פונדעסטוועגן פעלט די אָנווייזונג, אַז סאָלינגער אָדער זאָלינגער איז טאַקע ביו-
לאָווס אַ פּסעוודאָנים. ביולאָוו האָט געשאַפן די קאָמפּאָזיציע צו הערוועגס ליד אונטער
דעם דערמאָנטן פּסעוודאָנים.

יוני 1862: „אגב, מיט דעם גאַנץ געמיינעם העכט הירזעמענצל האָב איך אַנטשיידן איינגערזון", און ער גיט דערביי רעכט אַנצוהערן: „זאָלסט אָבער נישט גלויבן, אַז זיין פרוי איז עפּעס געווען אַ גורם דערביי".

דויערהאַפטער איז געווען לאַסאַלס פריינטשאַפט מיט לאָטאַר בוכער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד נאָך דער אַמ־נעסטיע און האָט זיך באַזעצט אין בערלין. בוכער איז נאַטירלעך, קיין העכט נישט געווען, ער האָט געהערט צו אַ מער הויזלעכער זאָאָלאָגישער גרופּע.

פאַרשיידענע בריוו פון און צו לאַסאַלן פון יענער צייט באַ־שטעטיקן, אַז בוכער איז געקומען פון איטאַליע מיט אוואַנטוריסטישע פּלענער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם רעוואָלוציאָנס־פּלאַן, וואָס לאַסאַל האָט געהאַט פאַרגעלייגט גאַריבאַלדין. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע צווישן זיי איז בוכערס אַ בריוו פון 19 יאַנואַר 1862. בוכערן איז דעמאָלט געווען ביז גאָר שלעכט. לאַסאַל האָט אים געוואָלט געווינען פאַר זיינע אידעען און האָט מיט אים געפירט „לאַנגע געשפּרעכן, מיט אומגעהייערער גייסטיקער אָנשטרענגונג", ווי ער האָט אַליין וועגן דעם געשריבן צו וו. רוסטאָוון דעם 9 פעברואַר 1862. אינם דערמאָנטן בריוו קערט זיך בוכער אום צו זיינער אַ דיס־קוסיע מיט לאַסאַלן פון פריער מיט אַ טאָג, און פירט אויס, אַז ער האַלט נאָך אפשר פאַר מעגלעך אומצוּוואַרפן די איצטיקע אָרדנונג — „אָדער אומאָרדנונג" — אין דייטשלאַנד, אָבער ער מיינט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו לאָזן זי אומגעוואָרפן; אַנדערש גערעדט, אַז די צייט איז נאָך נישט רייף פאַר אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. „נעמט נאָך איין זאַך אין אַכט: אין פראַנקרייך וואָלט אַ סאָציאַליסטישע באַווע־גונג איצט און נאָך לאַנג געמוזט זיין פאַרפעסטיקט מיטן שמוץ און גיפט פון באָנאַפּאַרטיזם, בא אונז אָבער וואָלט אַזאַ באַוועגונג אויפ־געררודערט קעגן זיך זייער אַ סך פון די געזונטע און ריינע עלע־מענטן". אויף דער שאלה, וואָס זשע דען דאַרף מען טאָן, האָט ער נאָר דעם נישטיקן ענטפער פון מאַקיאַוועלי: פּאָליטיק הייסט אויס־קלייבן צווישן פאַרשיידענע בייזן. „אַ נצחון פון מיליטער" — ד. ה. פון דער פּרייסישער רעגירונג!! — וואָלט געווען „אַ בייז", אָבער „אַ נצחון פון איצטיקן עסטרייך וואָלט גאָר נישט באַטייט קיין נצחון פון רעאַקציאָנערן פּרינציפּ". פאַר עדות ברענגט ער לאַסאַלן די „בער־

ליִנער רעוויִ" א. אַ. וו. א. אַ. וו. פון די אַלע סברות, וועלכע בו־
כער שטעלט אַרויס קעגן לאַסאַלן, קאָן מען נאָר דעם אויספיִר מאַכן,
אַז לאַסאַל האָט אפנים געגלויבט, אַז מען קאָן מיִט געוואַלט אַרויס־
רופן אַ רעוואָלוציע, און ער האָט דערביי אויסגעקליִבן עסטרייך פאַר
דעם ערשטן אָנווענד־פונקט. דערפון ווערט שוין אויך גענוג קלאָר,
פאַרוואָס לאַסאַל האָט זיִך געפרווט צו אַגיִטיִרן גאַריִבאַלדיִן פאַר אַ
מאַרש אויף וויִן. אַ חידוש איִז נאָר, ווי אַרום לאַסאַל, וועלכער איִז
איִן פאָליִטיִשע פראַגן געוויינלעך געווען אַזוי ניִכטער און אויסגע־
רעכנט, האָט געקאָנט דערגיין צו אַזאַ אַוואַנטוריִסטיִשן פלאַן. ס'איִז
שווער פעסטצושטעלן, צי האָט ער ניִשט צומאָל געלאָזט זיִך באַיינ־
פלוסן פון די פראַנצויזיִשע, אונגאַריִשע און איִטאַליעניִשע רעוואָלו־
ציאָנערן, וועלכע האָבן זיִך באַקענט מיִט איִם אויף זיין רייזע קיין
און דורך איִטאַליע. אַזוי ווי ווילהעלם רוסטאָוו האָט געוווסט וועגן
דעם פלאַן און האָט אפילו פון איִם געהאַלטן, ווי לאַסאַל האָט דער־
ציילט מאַרקסן, קאָן גרייִלעך זיין, אַז אָט דער פאַנטאַזיע־רייכער
סאָלדאַט האָט אויך אַ שטיִקל חלק איִן דעם פלאַן. עס איִז פשוט
שווער צו גלויבן, אַז איִן לאַסאַלס קאָפ זאָל געבוירן ווערן אַזאַ פלאַן,
ווי ער זאָל ניִשט אונטערגיין און פאַסן צו געוויִסע איִדעען זיינע.

אַלנפאַלס, האָט זיִך לאַסאַל איִן דער היים גיִך איִבערצייגט, אַז
פאַר אַ רעוואָלוציע איִן דייטשלאַנד פעלן נאָך קודם כל די דייטשע
רעוואָלוציאָנערן. פון דער אַנדער זייט, איִז די סיִטואַציע אָבער גע־
ווען צו אַ קאָכיִקע, לאַסאַל זאָל קאָנען מיִט דער גוּיטיִקער רו זיִך
ווידער זעצן צום שטודיִר־טיִש. די גרויסע אַרבעט אויפן געביִט פון
פאָליִטיִשער עקאָנאָמיע, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט, האָט ער אַלץ
אָפּגעלייגט, און האָט זיִך אָפּגעגעבן מיִט טאָג־פראַגן — דאָס געזעל־
שאַפטלעכע לעבן האָט וואָס א טאָג געגומען שטאַרקער פוליסיִרן, און
האָט איִם שטאַרק פאַרכאַפּט.

די ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג איִז געווען א פאַמפלעט
געשריִבן צוזאַמען מיִט בוכערן: „יוליאַן שמיִדט דער ליִטעראַטור־היִס־
טאָריִקער". כאָטש דער פאַמפלעט האָט הויפּטזעכלעך געקריִטיִקיִרט
שמיִדטס „געשיִכטע פון דער דייטשיִשער ליִטעראַטור", אָבער פון דער
הקדמה איִז קלאָר, אַז געציִלט האָט לאַסאַל איִן דער גאַנצער ליִבע־
ראַלער פרעסע, און אפילו אויך איִן דער ליִבעראַלער פאַרטיי. אַזוי
ווי שמיִדט האָט אויך אונטערגעשריִבן דאָס ליִבעראַלע פראָגראַם און

האָט אים פּלייסיק פּארטיידיקט, דעריבער האָט „יוליאן דער גראָ־באוויטע" געקאָנט און געזאָלט אויסגעטייטשט ווערן, אלס דער „גייס־טיקער הויכפּונקט פון דער פּארטיי". ס'איז אביסל איבערטריבן, זוי בכלל פעלן נישט קיין איבערטרייבונגען אין דער שריפט. דער מאָ־מענט פאר ארויסלאָזן די שריפט איז אויך געווען נישט גאר קיין גינ־סטיקער, ווייל גראָד צו דער צייט האָט די רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזט דעם פּארלאמענט און ווילהעלם I האָט אַרויסגעגעבן אַ רעסקריפּט קעגן דער פּראָגרעסיוו-ליבעראלער פּרעסע. אמת, די גראַבאָוו־פראקציע — די אלט־ליבעראלע פּארטיי — איז נישט געווען דאָס, וואָס די פּראָגרעסיווע פּארטיי, זי איז נאָך מער פון איר געווען גענייגט צו קאָמפּראָמיסן — אָבער אינם קאָנסטיטוציע־סכסוך איז זי דאָך געגאנ־גען מיט איר האנט בא האנט, אזוי אז דער קלאפּ האָט זי גראָד געטראָפן, ווען זי איז צופעליק געווען בעסער, איידער תמיד. אין אלגעמיין אָבער, האָט יוליאן שמידט די „לעקציע" כשר פארדינט; זיין אויבערפלעכלעכקייט, בא דער אָפטער „אָנגעבלאָזנקייט" און מליצהדיקייט פון זיין שפּראך, האָט דאָ געפונען איר אמתע אָפּשאַ־צונג. לאַסאַל־בוכער האָבן וויציק און שאַרף פאַרטיידיקט די גרעסטע דענקער און דיכטער פון דייטשלאַנד קעגן דער אָפּט געפעלשטער און טענדענציעז־פיינטלעכער איבער־קריטיק פון שמידטן. לאַסאַל טרעט אויף אין פאַמפלעט אַלס „זעצער", און לאָטאַר בוכער אַלס דעם „זעצערס ווייב".

אין פרילינג 1862 האָט לאַסאַל באַקומען אַן איינלאַדונג צו ליי־ענען אַ פאָרטראַג אין איינעם פון די בערלינער ליבעראַלע באַצירק־פאַריינען. לאַסאַל האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, וועלכע האָט אים געגעבן די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן קעגן די פירער פון דער פּראָגרעסיווער פאַרטיי אין זייערע אייגענע רייען, בפרט ווען אין דער פרעסע האָט ער נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן. אַלס טעמע האָט ער גענומען די אַקטועלע טאָג־פראַגע: דעם קאָנ־סטיטוציע־קאָנפליקט. אָבער אינם ערשטן פאָרטראַג, וועלכער האָט געהייסן „וועגן דעם עצם פון קאָנסטיטוציע", האָט לאַסאַל מיט אַ כיון זיך געהאַלטן אויסשליסלעך אויפן באָדן פון אַקאַדעמישער באַטראַכ־טונג. ער אַנטוויקלט זיין פרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, נישט מאַכנדיק דערביי קיינע פּראַקטישע אויספירן. קאָנסטיטוציע־פראַגן זענען מאַכט־פראַגן. אַ קאָנסטיטוציע איז נאָר דאַן און אַזוי לאַנג געזיכערט אין

איר קיום, ווי לאַנג זי איז דער ריכטיקער אויסדרוק פון די רעאַלע מאַכט=פאַרהעלטענישן; פאַרן פאָלק איז די קאָנסטיטוציע נאָר דאַן א שוץ קעגן ווילקיר פון די רעגירנדיקע קרייזן, ווען ס'איז ביכולת צו שיצן זיך קעגן דעם ווילקיר אויך אָן דער קאָנסטיטוציע. עס איז דעריבער געווען דער גרעסטער פעלער, ווען מען האָט זיך אין 1848 נישט גענומען צום אַלעם ערשטן ענדערן די רעאַלע מאַכט=פאַקטאָרן און פאַרוואַנדלען תיכף דאָס קעניגלעכע מיליטער אין אַ פאָלקס=אַרמיי, נאָר מען האָט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע און מען האָט אַזוי לאַנג געפלפולט זיך דערביי, ביז די קאָנטער=רעוואָלוציע איז ווידער צו אירע כחות געקומען און האָט פאַנאַנדערגעיאָגט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג. מען דאַרף די דאָזיקע ערפאַרונג גוט אין זינען האָבן בעת דאָס פאָלק וועט ווידער באַקומען די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע. די פאָרשלאַגן פון דער רעגירונג וועגן רעאָרגאַניזירן די אַרמיי דאַרפן אויך נאָר פון דעם שטאַנדפונקט באַטראַכט ווערן, ד. ה. מען דאַרף וויסן, אַז די פאָרשלאַגן שטרעבן ווייטער צו בייטן די פראַקטישע מאַכט=פאַרהעלטענישן לטובת דער רעגירונג. „דער הויף, מיינע הערן — ענדיקט לאַסאַל — האָט פראַקטישע דינער, נישט קיין שיין=רעדנער; איך וואָלט אייך געווינטשן צו האָבן אַזוינע פראַקטישע דינער".

דער גרונט=געדאַנק, פון וועלכן לאַסאַל גייט דאָ ארויס, איז געוויס אַ ריכטיקער. דאס רוב פראָגרעסיסטן האָבן דאָס אויך זייער גוט פאַרשטאַנען. אויב זיי האָבן פונדעסטוועגן פארטראָטן אן אנדער שטאנדפונקט, איז עס גאַנץ פשוט צוליב דעם, ווייל דורכזעצן פראַקטיש לאַסאלס שטאנדפונקט הייסט מאַכן אַ רעוואָלוציע, זייער פארטיי אָבער — איין טייל פון די פירער בכלל, און אַ צווייטער אלנפאַלס אין געגעבענעם מאָמענט — האָט געוואָלט פירן דעם קאַמף מיט פארלאמענטארישע מיטלען. מען האָט אָבער גאָרנישט באדארפט צו זיין אזא געשוווירענער קעגנער פון רעוואָלוציע, ווי לאַסאל האָט עס געהאלטן — און נאַטירלעך, מיט רעכט — די פראָגרעסיסטן, כדי צו רעכענען, אַז די צייט פאר אַזא רעוואָלוציע איז נאָך דעמאָלט נישט געקומען. אָט האָבן מיר געזען, אז לאסאלס פריינט בוכער האָט זיך אויך געהאלטן באַ אזא מיינונג, כאָטש ער האָט געהאט גענוג טעמים אויף צו האסן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. פארן פארלאמענטארישן קאמף אָבער איז געווען א סך גינסטיקער, ריכטיקער באקוועמער, צו

באַנוצן זיך מיט דער פיקציע, אַז די מלחמה פירט זיך גאָר קעגן דער רעגירונג פאַר דער-עקזיסטירנדיקער קאָנסטיטוציע, אַז ס'איז אַ מלחמה פאַר „רעכט" קעגן מאַכט, איידער צו פּראָקלאַמירן אָפן אַ קאַמף פאַר מאַכט. אַלע מאַטעריעלע מאַכט-מיטלען זענען סיי-ווי געווען בײַ דער רעגירונג אין די הענט, האָט מען זיך ווײַניקסטנס געוואָלט פאַרזיכערן מיט מאָראַלישע מיטלען.

כאָטש לאַסאַל האָט אין זײַן פאָרטראַג גאָר ניט געזאָגט אַזוינס וואָס יעדער פּראָגרעסיסט — בכלל יעדער בר-דעת — זאָל ניט קאָנען מסכּים זײַן דערויף, פונדעסטוועגן זענען די פירער פון דער פּראָגרעסיווער פאַרטיי געבליבן העכסט אומצופרידן; פאַרקערט, די רעגירונג-און רעאַקציע-פאַרטיי האָט געריבן די הענט פון נחת. דער אָרגאַן פון די יונקערס און צבֿועקעס, די „קרייץ-צײַטונג" האָט אָפן באַגריסט לאַסאַלס אַרויסטרעטונג. זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס אין לאַגער פון שונא ברעכט אויס אַ קאָנפליקט, און חוץ דעם האָט איר זייער געשמעקט, וואָס די פראַגע ווערט דווקא געשטעלט ווי אַ מאַכט-פאַרהעלטענישן צווישן הויף און צווישן פּאַרלאַמענט — אַזוי אַז איר פּאָזיציע הויבט טאַקע אָן אויסצוזען ווי די איינציקע שטיצע פונעם טראָן. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ווילהעלם דעם I-טנס „בייע ערע" איז טיילווײַז באַשטאַנען דערין, צו זען באַפרייען דעם טראָן פון דער שווערער אַפּטרופּסות פון די אָסט-עלבישע יונקערס און פון דער ביוראָקראַטיע. ווײַבאַלד אָבער דאָס פּראָגראַם זאָל פאָרמולירט ווערן אין לאַסאַלס גייסט וועט דער טראָן מוזן בלית ברירה ווידער זיך שטיצן אויף אָט די קרעפטן.

דעם זעלבן פאָרטראַג האָט לאַסאַל דערנאָך געלייענט נאָך אין דרײַ פּראָגרעסיסטן-פאַרזאַמלונגען — אַ סימן, אַז דער פּראָגרעסיסטישער עולם האָט אין אים ניט איינגעזען קיין שום אפּיקורסות — און „כדי צו פאַרשטאַרקן די אַטאַקע" האָט ער אים געלאָזט אָפּדרוקן. בינו לבינו זענען פאָרגעקומען נײַע וואַלן צום לאַנדטאַג, די פּראָגרעסיסטן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָלאָסאַלן נצחון איבער דער רעגירונג — און אַלע האָבן אין געשפּאַנטער שטימונג געוואַרט, וואָס פאַר אַ ווענדונג וועט אין די נײַע פאַרהעלטענישן אָננעמען דער קאָנפליקט צווישן זיי.

דעמזעלבן פרילינג פון 1862 האָט לאַסאַל געהאַלטן נאָך אַ פאָרטראַג, אינעם האַנטווערקער-פאַריין פון אָראַניענבורג — דער מאַשינען-

בוי-באַצירק פון בערלין — אונטערן נאָמען: „וועגן באַזונדערן צוזאַמענהאַנג צווישן דער אידעע פון אַרבעטער-קלאַס און צווישן דער איצטיקער תקופה פון דער געשיכטע". לאַסאַל האָט זיך אויך צו דעם פאָרטראַג זייער ערנסט צוגעגרייט. אין איינצלנע פרטים קאָן מען אפשר דעם פאָרטראַג קריטיקירן — שוין דער נאָמען אַליין קאָן קריטיקירט ווערן — אָבער אין אַלגעמיין איז עס טאַקע איינע פון די בעסטע, אויב נישט די סאַמע בעסטע, רעדעס לאַסאַלס. אַ זעלטן קלאָרע און שיינע שפּראַך, אַ קאָנצענטרירטע, פליסיקע באַהאַנדלונג אָן איבעריקן באַלאַסט אָבער דאָך נישט קיין טרוקענע, אַ סיסטעמאַטישע, זיך באַ זאַך, אַנטוויקלונג פונם גרונט-געדאַנק — דאָס זענען די פאָרמעלע מעלות פון דער רעדע; און לויט איר אינהאַלט נאָך — אויסער איינציקע פרטים, ווי געזאָגט, — קאָן זי דינען פאַר אַן אויסגעצייכנטער איינלייטונג אין דער געדאַנקען-וועלט פון סאָציאַליזם. עס מינערט נישט איר ווערט אויף אַ האָר נישט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאָפּולאַריזאַציע פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", צוגעפּאַסט צו דער צייט און צו די אומשטאַנדן, ווען זי איז געהאַלטן געוואָרן. זי באַווייזט אויף קאָנקרעטע לעבעדיקע ביישפּילן דאָס, וואָס אין היסטאָרישן טייל פון „מאַניפעסט" איז אָנגעוויזן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן.

די העגעלשע אידעאָלאָגיע און יוריסטישער אַרט דענקען לאָזן זיך נאָך פילן אין דער רעדע, אָבער נישט געקוקט דערויף טרעט שוין דאָ גאַנץ בולט אַרויס — ווי דאָס לאָזט זיך מערקן אויך אינם פאָרטראַג וועגן עצם פון קאָנסטיטוציע — די באַטאָנונג פונם עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין דער באַוועגונג פון דער געשיכטע. די גרונט-אידעע פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אַז די אַרבעטער זענען צוליב זייער קלאַסן-לאַגע אין דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, וועלכער איז באַרופן איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות — איז אויך די הויפּט-אידעע פון דעם „אַרבעטער-פּראָגראַם" (אונטער דעם נאָמען איז די רעדע שפּעטער אַרויס פון דרוק). נאָר באַ לאַסאַלן קומט עס גלייך ווידער צו יוריסטישע פאָרמולירונגען און באַגריפן, און דער ענין ווערט „פאַרקוויקט" מיט אידעאָלאָגישער באַפּוצונג. דאָס, וואָס לאַסאַל געברויכט כסדר אין דער רעדע. ווי אינם קעפּל גופא דעם אויסדרוק אַרבעטער-שטאַנד, וואָלט מען געקאָנט לייכט באַטראַכטן ווי אַן איינ-

פאַלע הנחה דעם געוויינלעכן שפּראַך־געברויך. מען דאַרף אָבער זאָגן צו לאַסאַלס שבח, אַז ער איז געווען זייער אָפּגעהיט אין זיינע אויס־דריקן, און „אַרבעטער־שטאַנד" אָדער דער „פערטער שטאַנד" זענען אויך נישט סתם פאָפּול רע אויסדריקן, נאָר זיי זענען מער אַ רעזול־טאַט פון זיינע יוריסטישע פאָרשטעלונגען. דאָס זעלבע באַמערקן מיר בנוגע צום באַגריף בורזשואַ. לאַסאַל פאַרבינדט אָט דעם באַגריף נישט מיט דער פאַקטישער מאַכט־שטעלונג, וואָס ס'גיט דער קאַפּיטאַל צוליב זיין ריין עקאָנאָמישער ווירקונג און קראַפט, נאָר מיט די מלוכה־רעכטלעכע פּריווילעגיעס, פון וועלכע דער קאַפּיטאַליסט גענוסט אדאנק זיין קאַפּיטאַל־באַזיץ. און איבער דעם קומט בא אים ארויס פארווישט דער הויפּט־אונטערשייד צווישן דעם מאָדערנעם בורזשואַ און צווישן מיטלאַלטערלעכן פעאָדאַל; פאַר אים ווערט דער קאַפּי־טאַליסט ערשט דאַן א בורזשואַ, ווען ער פּרעטענדירט צו פאַרנעמען אין דער מלוכה די רעכטלעכע לאַגע פון א פעאָדאַל (פאַרגלייך ז. 22—20 פון „אַרבעטער־פּראָגראַם"). און ווי תמיד בא לאַסאַלן, איז ער זייער קאָנסעקווענט אין זיין טעות — און ס'באַקומט זיך בא אים, אַז דער סימן מובהק פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז דאָס קלאַסן־אָדער צענז־וואַל־סיסטעם. די פּרייסישע דריי־קלאַסן־וואַלן, וואָס די אבסאָלוטיסטיש־פעאָדאַלע רעאַקציע האָט איינגעפירט קעגן דער בורזשואַזער רעוואָלוציע פון 1848, ווערן פון לאַסאַלן פאַרטייטשט, אלס וואַל־סיסטעם פון דער מאָדערנער בורזשואַזער מלוכה. דאָס קאָן אפשר יאָ האָבן א טעם, אויב מען זאָל אונטערן באַגריף בור־זשואַ פאַרשטיין בלויז די געציילטע נעאָ־פעאָדאַלן, די גרויס־קאַפּי־טאַליסטן פון אונזער צייט.

נאָך א ספּעציפישן סימן פון דער בורזשואַזער מלוכה זעט לאַ־סאַל איין אין דעם סיסטעם פון אומדירעקטע שטייערן, אלס א מיטל ארויפצוּוואַרפן די גאַנצע שטייער־לאַסט אויף די נישט פּריווילעגירטע קלאַסן. דאָס איז אויסער ספק, אַז יעדער פּריווילעגירטער קלאַס שטרעבט וואָס מער צו באַפרייען זיך פון עול פון שטייערן. ווען לאַסאַל מיינט אָבער, אַז דער באַגריף קלאַסן־מלוכה איז פאַרבונדן דוקא מיט וואַל־רעכט־פּריווילעגיעס, איז גענוג צו ברענגען קעגן אים דעם פּשוטן פאַקט, אַז גראָד אין פראַנקרייך, וו ס'ווירקט שוין אזוי לאַנג דאָס אַלגעמיינע און דירעקטע וואַל־רעכט — גראָד דאָרטן איז דאָס סיסטעם פון אומדירעקטע שטייערן אַמשטאַרקסטן אנטוויקלט.

און לאַסאַלס חשבון, אַז פון די 97 מיליאָן טאָלער, וואָס די פּרייסישע רעגירונג האָט צונויפגעמאָנט שטייער אין יאָר 1855, זענען ס״ה אַרום 13 מיליאָן פון דירעקטע שטייערן, איז אויך נישט גאָר ריכטיק. די 10 מיליאָן באָדן-שטייערן רעכנט ער אויך פאַר אומדירעקטע, ווייל די פּריצים נעמען זיי צוריק אָפּ דורך העכערן דעם פּרייז פון תבואה. דאָס אָפּנעמען איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן געוועזן, כּל זמן דער אַריינפיר פון אויסלענדישן ברויט איז געווען פריי פון גרענעץ-אָפּצאָל. אַ לאַנגע צייט איז דער באָדן-שטייער טאַקע געווען אַ רעאַלע לאַסט פאַר די פּריצים, און אַזוי האָבן זיי אים טאַקע אויפגעפאַסט און אָפּגעשאַצט. ווייטער, די 9 מיליאָן הכנסה פון יוסטיץ-באַשטייערונג זענען טאַקע אומדירעקטע שטייערן, אָבער זאָגן, אַז זיי זענען ספּעציעל איינגעפירט כּדי צו באַפרייען פון שטייער-עול די פאַרמעגלעכע קלאַסן קאָן מען נישט — ווייל נישט די אָרעמע קלאַסן פירן דאָך דעם רוב פּראָצעסן. הכּלל, מאַכן די רעלאַטיווע שטייער-פרייהייט פונם גרויסן קאַפּיטאַל פאַר אַ גויטיקן קריטעריום פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, איז נישטאָ קיין שום גרונט. פאַרקערט, די בורזשואַזע מלוכה צייכנט זיך אויס פון דער פעאָדאַלער דוקא דערמיט, וואָס די קלאַסן-אונטערשיידן זענען נישט פיקסירט אין אַ געזעץ. אָפּט באַקומען זיי גאָר קיין אויסדרוק נישט אין געזעץ, נאָר זיי עקזיסטירן און ווירקן אפילו באַ פאָרמעלער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע.

אָנגעצויגן איז עס אויך, ווען לאַסאַל רעדט וועגן די קויציע-סומעס און שטעמפּל-שטייער פון די צייטונגען און וויל דערין זען אַ באַווייז, אַז „די בורזשואַזיע פירט דורך די הערשאַפט פון איר פּריווילעגיע און פון איר עלעמענט — דעם קאַפּיטאַל — נאָך שטרענגער, ווי דער אַדל האָט דאָס געטאָן אין מיטלאַלטער מיט זיין „עלעמענט“ — מיטן ערד-באַזיץ“. די צייטונגס-קויציעס און דער שטעמפּל-שטייער זענען אין פּרייסן כּלל נישט געווען קיין רעגירונגס-מיטלען פון דער בורזשואַזיע, נאָר פון דער האַלב-פעאָדאַלער ביוראָקראַטישער רעאַקציע. לאַסאַל האָט באַדאַרפט נאָר ווענדן זיין בליק אויף ענגלאַנד, וווּ די בורזשואַזיע האָט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה פון אַנטוויקלונג, וואָלט ער זיך לייכט איבערצייגט, אַז די פּרעסע קאָן זיין אַ „פּריווילעגיע פון גרויסן קאַפּיטאַל“, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין פּרייסן, אָן די קליינלעכע מיטלען פון אַן אָפּגעשטאַנענעם

רעגירונג=סיסטעם. און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר לאַסאַלס יוריסטישן אַרט דענקען, אַז בעת ער וויל אונז געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי די בורזשואַזע הערשאַפט ווירקט אויף דער פרעסע, ווייזט ער אָן נאָר אויף די פאָרמעל=רעכטלעכע איינריכטונגען, די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן איגנאָרירט ער דערביי אינגאַנצן.

די דאָזיקע אידעאָלאָגיע ברענגט לאַסאַלן דערצו, אַז ער זינגט דיפיראַמבען דער מלוכה און דער „מלוכה=אידעע". דער „פערטער שטאַנד" האָט נאָר אַ גאַנץ אַנדערע, אַ פאַרשיידענע פאָרשטעלונג וועגן מאָראַלישן צוועק פון דער מלוכה, איידער די בורזשואַזיע".

פאַר דער מלוכה=אידעע פון דער בורזשואַזיע נעמט לאַסאַל אָן די שיטה פון דער ליבעראַלער פריי=האַנדל=שול, לויט וועלכער די איינציקע אויפגאַבע פון דער מלוכה איז — שיצן די פערזענלעכע פרייהייט פונם יחיד און זיין אייגנטום. דאָס איז אָבער מער נישט ווי אַ „נאַכט=שמירה=אידעע". די געשיכטע איז דאָך „אַ קאַמף מיט דער נאַטור, מיט דער עלנד, אומוויסנהייט, אָרעמקייט און מאַכטלאָזיקייט און דעריבער אויך מיט דער אורפרייהייט, פון וועלכער מיר האָבן גענאָסן, בעת די מענטשהייט האָט זיך געפונען אין אָנהויב פון איר געשיכטע. די אַלץ גרעסערע נצחונות איבער דער דאָזיקער מאַכטלאָזיקייט — דאָס איז די אַנטוויקלונג פון דער פרייהייט, וועלכע די געשיכטע שטעלט מיט זיך פאָר". די אמתע אויפגאַבע פון דער מלוכה קאָן דעריבער זיין נאָר מיטהעלפן און משלים צו זיין אָט די דאָזיקע אַנטוויקלונגס=פרייהייט פון דעם מענטשן. די מלוכה איז אַ „פאַרייניקונג פון יחידים אין אַ מאָראַלישן כלל", איר צוועק איז צו „געבן דעם יחיד די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַזוינע צילן, אַזאַ שטופע פון לעבן וועלכע ער וואָלט אַלס יחיד קיינמאָל נישט געקאָנט דערגרייכן, אים פעיק מאַכן צו קריגן אַזאַ סכום פון בילדונג, מאַכט און פרייהייט, צו וועלכע ער וואָלט מיט זיינע אייגענע כחות נישט געקאָנט קומען". די מלוכה דאַרף אַלזאָ „ערציען און אַנטוויקלען די מענטשהייט אין דער ריכטונג פון פרייהייט". אַז דאָס איז די „אמתע און העכערע אויפגאַבע פון דער מלוכה", זעט מען דערפון, וואָס אפילו „ביז איצט האָט די מלוכה אויך מער אָדער ווייניקער אויסגעפילט אָט די אויפגאַבע, אומבאַוווסט, אָן אַ רצון דערצו, אָדער קעגן דעם רצון פון אירע פירער".

דער אַרבעטער־שטאַנד, און בכלל די אונטערשטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, „פילן מיט זייער טיפן אינסטינקט, אַז דוקא דערין באַשטייט דער זינען פון דער מלוכה", שוין צוליב דעם הילפלאָזן מצב, אין וועלכן זיי געפינען זיך אַלס יחידים. די מלוכה, וואָס וואָלט געשאַפן געוואָרן בײַ דער הערשאַפט פון דער אידעע פונם אַרבעטער־שטאַנד, וואָלט „מיט דער העכסטער קלאָרקייט און פולסטן באַוווסטזיין" זיך באַצויגן צו איר ווירקלעכער אויפגאַבע און זי וואָלט דעריבער „געבראַכט אַזאַ סכום פון גליק, בילדונג, ווילשטאַנד און פרייהייט און אַזאַ אויפשווונג פון גייסט, פון וועלכע די וועלט־געשיכטע האָט ביז איצט נישט געוווסט".

ווי שיין די דאָזיקע שילדערונג איז נישט, האָט זי אָבער איין גרויסן חסרון. דער מחבר רעדט טאַקע וועגן היסטאָרישע אומענדע־רונגען פון דער מלוכה, אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, ווי די מלוכה וואָלט לויט איר עצם געווען אַ זאַך איינמאָל פאַר אַלע מאָל געגעבן, ווי זי וואָלט פון אָנהויב אָן געהאַט איר אייגענעם באַשטימטן צוועק, איר „אידעע", נאָר צייטווייליק האָט מען פון דער „אידעע" נישט געוווסט, אָדער מען האָט זי נישט גענוג געוווסט, און דערום איגנאָרירט, און ס'איז נויטיק בלויז אַן אויפקלערונג מכח דעם ענין. ס'באַקומט זיך, אַז דער מלוכה־באַגריף איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אייביקער. אין דעם זינען ציטירט לאַסאַל אויך אַ געוויסע שטעל פון בעקס אַ פעסט־רעדע, ווו דער באַרימטער אַלטערטום־קענער טרעט אויף „קעגן דער מלוכה־אידעע פונם ליבעראַליזם" אין נאָמען פון דער „אַנטיקער בילדונג"; די לעצטע איז, לויט בעקן, געוואָרן דער „יסוד פון דייטשן גייסט", און פון דאַנען דרינגט שוין ממילא אַרויס דער געדאַנק, אַז די מלוכה דאַרף „שטרעבן צו פאַרקערפערן אין זיך און צו פאַרווירקלעכן די גאַנצע טוגנט פון דער מענטשהייט". דאָס וואָס לאַסאַל טרעט אַרויס קעגן דער ליבעראַלער שיטה פון לאָזן אַלץ גיין ווי ס'גייט זיך — איז אודאי באַרעכטיקט, אָבער זיין אַרגומענטאַציע טרעפט, ליידער, נישט אין ציל. די מלוכה פון אַל־טערטום האָט עקזיסטירט בײַ גאַנץ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע באַדינ־גונגען, איידער די איצטיקע, און די אידעען פון יענער צייט וועגן מלוכה פאַסן זיך אַזוי ווייניק פאַר אונזער צייט, פונקט ווי די אַמאָ־ליקע אידעען וועגן אַרבעט, געלט, אָדער פאַמיליע. די אַלטע אידעען קאָנען זיין בלויז מאַטעריאַל פאַר פאַרגלייכונגס־פאָרשונגען, זיי קאָנען

אָבער באַין אופן נישט איבערגעטראָגן ווערן אין אונזער תּקופה. אויב די מלוכה=אידעע פונם ליבעראַליזם טראָגט אין זיך, — לויט בעקן, — די געפאַר פון אַ „מאָדערנער באַרבאַריי", וואָלט אָבער דאָס אָנווענדן צו דער היינטיקער געזעלשאַפט די אַלטע מלוכה=אידעען געוויס געבראַכט צו אַ מאָדערנער מלוכה=שקלאַפעריי. און דאָס וואָס לאַסאַל זאָגט וועגן דער היסטאָרישער ווירקונג פון דער מלוכה איז אויך נישט אינגאַנצן ריכטיק. די ווירקונג פון דער מלוכה אין פאַרשיידענע צייטן איז כּלל נישט געווען איינע און די זעלבע. אַ גרויסער קולטור=פּראָגרעס איז פאָרגעקומען נאָך איידער די מלוכה איז אַנטשטאַנען, און דערנאָך זענען אויך פיל וויכטיקע קולטור=אויפגאַבן אויסגעפירט געוואָרן אָן דער מלוכה אָדער קעגן איר. די מלוכה האָט בלי ספק מייסטנס מיטגעהאָלפן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, אָבער נישט ווייניק פאַלן זענען באַקאַנט, ווען זי איז גראָד געווען אַן אבן=נגף אויפן וועג פון פּראָגרעס.

נאַטירלעך, לאַסאַל האָט נישט געדענקט אַזוי אומהיסטאָריש, ער זאָל װעלן אומפאַרענדערט אויפשטעלן דעם אַלטערטום=באַגריף וועגן מלוכה — אפילו בעק איז געווען ווייט פון אַזאַ געדאַנק — אָבער זיין פאַראַלגעמיינערטער מלוכה=באַגריף האָט געקאָנט געבן פּלאַץ פאַר פיל מיספאַרשטענדענישן. לאַסאַל אַליין, מיט זיינע דעמאָקראַטיש=סאָציאַליסטישע אנשויונגען, האָט נישט געקלערט אפילו וועגן נעמען אונטער זיין שוץ די איצטיקע מלוכה, אָבער שפּעטער האָבן די אַדוואָקאַטן פון דער היינטיקער אָרדענונג היפּש אויסגענוצט לאַסאַלס מלוכה=קולט פאַר זייערע צוועקן. דאָס איז שוין איבערהויפּט דער אומגליק פון אַלע טעאָריעס, וועלכע זענען געבויט אויף דעצידירטע באַגריפן, אַז ווי רעוואָלוציאָנער זיי זאָלן נישט זיין פאַרטראַכט, איז אַלע מאָל פאַראַן די געפאַר, אַז זיי קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַרעכטיקונגס=טעאָריע פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָדער פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט. לאַסאַלס מלוכה=אידעע איז געווען די בריק, וועלכע האָט מיט אַ צייט שפּעטער צונויפגעפירט צוזאַמען אים, דעם רעפּובליקאַנער, מיט די קעמפער פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, אים, דעם רעוואָלוציאָנער, מיט די פאַרביסנסטע ר"אַקציאָנערן. דער פילאָזאָפישער אבסאָלוטיזם האָט אַלע מאָל אַזאַ אָדער, וועלכער איז אים מקרב צום פּאָליטישן אבסאָלוטיזם.

אויף אַזאַ אופן קאָן מען זאָגן, אַז שוין אין דעם פאָרטראַג,

באַ אַלע זיינע גלענצנדיקע אייגנשאַפטן, זענען אין פּאַטענץ פּאַרזאַ די אַלע פעלער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אין דער לאַסאַליאַנישער באַוועגונג.

צום סוף פון פאָרטראַג רופט לאַסאַל די אַרבעטער דורכצודרינגען זיך מיטן געדאַנק וועגן דער גרויסער היסטאָרישער מיסיע פון זייער קלאַס און אין הסכם דערמיט צו ריכטן זיך אין זייער גאַנצער האַלטונג. „עס קליידן אייך נישט מער נישט די מיאוסע זינדיקייט פון אונטערדריקטע, נישט די פוסטע צייט-פאַרברענגערײַ פון געדאַנקענלאָזע, און נישט דער אומשולדיקער לייכטזין פון נישטיקע. איר זייט דער פעלז, אויף וועלכן ס'דאַרף געבויט ווערן דער היכל פון דער געגנוואַרט!"

ווי געזאָגט, האָט לאַסאַל אויף דעם פאָרטראַג געלאָזט אָפּדרוקן. און ווי פאָרזיכטיק לאַסאַל איז נישט געווען אינם פאָרטראַג, ווי ער האָט נישט געזען אויסצומיידן יעדן אוממיטלבאַרן פּאָליטישן אויספיר, דאָך איז די פּאָליציי, וועלכע האָט צו גוט געקענט לאַסאַלס פּאָליטישע אנשויונגען, תיכף געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט. זי האָט באַלד קאָנפיסקירט אין דרוקעריי די גאַנצע אויפלאַגע פון דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן און האָט פאַרפירט קעגן לאַסאַלן אַ שטראָף-פּראָצעס. די בראָשור איז קאָנפיסקירט געוואָרן סוף יוני, און דעם 4 נאָוועמבער 1862 האָט דער מלוכה-פּראָקוראָר פאָן שעלינג — דעם פילאָזאָף שעלינגס אַ זון — אָנגעקלאָגט לאַסאַלן אין בערלינער שטאָט-געריכט פאַר „אויפרייצן די באַזיצלאָזע קלאַסן צו האַס און פאַראַכטונג קעגן די פאַרמעגלעכע". דעם 17 נאָוועמבער האָט דאָס שטאָט-געריכט די אָנקלאַגע באַוויליקט, און דעם 16 יאַנואַר 1863 איז דער פּראָצעס באַטראַכט געוואָרן אין דער ערשטער אינסטאַנץ. לאַסאַל האָט געפירט די פאַרטיידיקונג מייסטערהאַפט, האָט ממש מבטל געמאַכט אי דעם פּראָקוראָר אי דעם פאָרזיצער פון געריכט — אָבער דאָך האָט דאָס געריכט אים פאַרמשפּט צו פיר חדשים טורמע. לאַסאַל האָט דערלאַנגט אַן אַפּעלאַציע און האָט זיך לפחות דערשלאָגן, אַז דאָס קאַמער-געריכט האָט אָנשטאָט טורמע אַרויפגעלייגט אויף אים אַ לערך קליינע געלט-שטראָף. די קאָנפיסקאַציע איז אָבער געבליבן אין קראַפט—האָט לאַסאַל באַשטעלט אַ נייע אויפלאַגע, אין צירוך שוין, באַ מייער און צעלער.

אינם זעלבן פאַרלאַג — מייער און צעלער — זענען אַרויס לאַסאַלס דריי בראָשורן וועגן דעם פּראָצעס אין זיין ערשטער אינ-

סטאַנץ. די ערשטע בראָשור האָט אַנטהאַלטן אין זיך לאַסאַלס רעדע אין געריכט (אונטער אַ ספּעציעל קעפּל: „די וויסנשאַפט און די אַרבעטער״); די צווייטע איז געווען אַ סטענאָגראַפישער באַריכט פון די מינדלעכע פאַרהאַנדלונגען בעתן פּראָצעס; אין דער דריטער איז געגעבן אַן אויספירלעכע קריטיק פון ערשטן פסק און אויך די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קאַמער־געריכט — אונטערן קעפּל: „די אומדירעקטע שטייערן און די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן״ — אַ פולע געשיכטע און קריטיק פון דעם מין שטייערן. אין דער ערשטער רעדע האָבן מיר פאַר זיך אַן אויסערגעווײנלעך געשיקטע און ווירקונגספולע אַרגומענטאַציע דערפון, אַז דער פונקט פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכער לויטעט: „די וויסנשאַפט און איר שטודירונג זענען פריי״ פאַרלירט יעדן זינען, אויב מען קאָן נישט פריי באַקענען די ברייטע פאָלקסשיכטן מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע שיטות און טעאָריעס, און אַז דוקא דער אַרבעטער־קלאַס איז צוליב זיין סאָציאַלער לאַגע דער נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון דער וויסנשאַפט אין איר קאַמף פאַר איר אייגענער פרייהייט. די צווייטע רעדע, וועגן די אומדירעקטע שטייערן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע עקאָנאָמישע אָפּהאַנדלונג, מיט זייער פיל געשיכטלעכן און סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, וועלכע מען קאָן נאָך איצט מיט נוצן לייענען; דאָס איז איינער פון די שווערסטע באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן דעם סיסטעם פון אומדירעקטע שטייערן, וואָס ס׳איז ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן. אין דער ערשטער רעדע ווערט נאָך אונטערגעשטרייכט די געמיינזאַמקייט פונם קאַמף צוזאַמען מיט די ליבעראַלן קעגן די רעאַקציאָנערע קרעפטן, אין דער צווייטער, פאַרקערט, טרעט שוין לאַסאַל אַרויס אַמשאַרפסטן קעגן פּאָליטישן ליבעראַליזם. אַן אויספירלעכערע אָפּשאַצונג פון די רעדעס קאָן דער לעזער געפינען אין מיינע איינלייטונגען צו זיי. דאָ מוזן מיר בעסער וואַרפן נאָך אַ בליק אויף דער צייט גופא, ווען דער פאָרטראַג איז געהאַלטן געוואָרן, אויפן פרילינג פון 1862.

לכתחלה האָט דער פאָרטראַג גופא קיין איבעריקן רושם נישט געמאַכט. אמת, מיט זיין אינערלעכן המצית האָט ער זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער גייסטיקער שפייז, מיט וועלכער די פּראָגרעסיסטישע רעדנער האָבן געקאָרמעט די דעמאָלטיקע בערלינער אַרבעטערשאַפט, אָבער זיין אויסערלעכע פּאָליטישע טענדענץ האָט זיך ווייניק וואָס אויסגעצייכנט. די פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע רעדנער האָבן אויך נישט געקאַרגט קיין ראַדיקאַלע ווענדונגען און אָנפאַלן אויף די

אומדירעקטע שטייערן, און זיי האָבן אויך שפּעקולירט אויף אַ נייער אויפֿלאַגע פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1848. פֿאַרקערט, זייערע רעדעס זענען נאָך אַלע מאָל געווען איבערפֿולט מיט אָנפֿאַלן אויף דער רעגירונג, און האָבן דעריבער אויסגעזען ראַדיקאַלער, ווי לאַסאַלס פֿאָרטראַג, געהאַלטן כמעט אין אַ שטרענג אַקאַדעמישן טאָן. דער אָפּאָזיציאָנעל געשטימטער פֿיליסטער קריגט געוויינלעך התפּעלות פֿון הויכער מליצה. לאַסאַלס פֿאָרטראַג האָט דערום אויף דער מערהייט צוהערער, סיי אַרבעטער סיי בירגער, נאָך נישט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אויסערגעוויינלעכן ראַדיקאַליזם.

די „פֿילאָזאָפֿישע געזעלשאַפֿט“ פֿון בערלין, ווו לאַסאַל איז אויך געווען אַ מיטגליד, האָט אפֿילו געפֿונען פֿאַר מעגלעך איבערצוגעבן לאַסאַלן האַלטן די פֿעסט־רעדע אין דעם פֿייער־טאָג, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט דעם 19 מאַי צום הונדערטיאָריקן געבורטס־טאָג פֿון פֿיכטע. און פֿאַר די פֿירער פֿון דער געזעלשאַפֿט איז, נאַטירלעך, נישט געווען קיין סוד לאַסאַלס סאָציאַלער און פּאָליטישער ראַדיקאַליזם. די בורזשואַזיע אינגאַנצן איז געווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט, האָט דאָס געווירקט אויך אויף די מענער פֿון דער וויסנשאַפֿט.

מיט זעקס חדשים צוריק האָט לאַסאַל אין די „דעמאָקראַטישע שטודיען“ פּראָקלאַמירט פֿיכטען, אַלס דעם אַפּאָסטאָל פֿון דער דייטשער רעפּובליק, אים איבערגעבן איצט צו האַלטן די פֿעסט־רעדע לכּבֿוד פֿיכטעס אָנדענקען האָט געהייסן פֿאַקטיש אָנערקענען זיין אָפּשאַצונג פֿון יענער שריפֿט. און לאַסאַל האָט טאַקע נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, ווידער איבערצוחזרן דאָס שוין איינמאָל געזאָגטע, נאָר אין אַן אַנדער פֿאָרם.

די רעדע האָט געהייסן: „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון פֿיכטע און די באַדייטונג פֿונם דייטשישן פֿאָלקס־גייסט“. די רעדע איז אַ גלענצנדע, אויף וויפֿיל זי שטעלט פֿעסט פֿיכטעס אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער דייטשישער פֿילאָזאָפֿיע. בכלל אָבער פֿאַלט דאָ לאַסאַל ווידער אַריין אין דער אַלט העגעליאַנישער אידעאָלאָגיע. דער דייטשישער פֿאָלקס־גייסט ווערט דאָ אויפֿגעפֿאַסט ווי אַ ריין מעטאַפֿיזישע אידעע, און זיין באַדייטונג באַשטייט דערין, וואָס די דייטשן האָבן די וועלט־היסטאָרישע אויפֿגאַבע „נישט בלויז אַ רעאַלע ווירקלעכקייט“ צו שאַפֿן אויפֿן יסוד פֿון „ריינעם גייסט“, נאָר אויך צו שאַפֿן איצט די „מלוכה פֿון זיין עקזיסטענץ, די טעריטאָריע פֿונם גייסט“. „אַזוי ווי דאָס

גאַנצע „זיין“ ווערט דאָ רעדוצירט פֿונם ריינעם גייסט, אָן אַ שום צומיש פון געשיכטלעכעס אָדער נאַטור-געוויקסיקעס, מוז עס זיין אַן אָפּבילד פון ריינעם געדאַנק און טראָגט אין זיך די נויטיקייט צו קריסטאַליזירן זיך אַלס די העכסטע און פולקאָמסטע גייסט-מדרגה פון פרייהייט, ווי פיכטע האָט עס נביאות געזאָגט“. דאָס וואָס פיכטע האָט פילאָזאָפיש פאָרמולירט אין דער איינזאַמקייט פון זיין מחשבה, איז איצט, לויט זייך אויסדרוק טאַקע, שוין „אַ רעליגיע געוואָרן“, און פילט אָן יעדער איידל דייטשיש האַרץ „אונטער דעם פּאָפּולערן דאָגמאַטישן נאָמען פון דייטשישער איינהייט“.

דערקלערן די שטרעבונג צו דייטשער איינהייט אַלס פּראָדוקט פון „ריינעם גייסט, אָן אַ שום צומיש פון עפּעס געשיכטלעכעס“ — האָט געהייסן פּאַקטיש פאַרלויפן דעם וועג אפילו דער אידעאָלאָגיע פונם ליבעראַליזם. און דעריבער טאַקע, ווייזט אויס, האָט דער פאָרטראַג, ווי קונציק און קאָנסעקווענט ער איז נישט געווען געבויט, נישט געמאַכט קיין איינדרוק אויפן פאַרזאַמלטן עולם. ווי איינקע צייטונגען האָבן דעמאָלט מיט בייז-צופרידנקייט באַריכטעט, האָבן די צוהערער ביסלעכווייז גענומען פאַרלאָזן דעם רעדנער-זאַל „כדי זיך אַריבערכאַפּן אין צימער פון געשמאַקפולן בופעט“, די צייטונגען האָבן אָבער פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די צוהערער זענען געווען נישט בלויז מיטגלידער פון דער פילאָזאָפישער געזעלשאַפט, נאָר אין דער גרעסטער מערהייט סתם געסט, ד. ה. פאַרשוינען, וועלכע גייען אויף אַזוינע פאַרזאַמלונגען בכלל נאָר ווייל דאָס פאַרלאַנגט דער „גוטער טאָן“.

לאַסאַל האָט די רעדע אויך אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער בראָשור, און האָט זי צוזאַמען מיט זיין „יוליאַן שמידט“ און מיטן פאָרטראַג „וועגן עצם פון קאָנסטיטוציע“ איבערגעשיקט מאַרקסן, דורך לאָטאר בוכער. דעם 9 יוני שרייבט ער מארקסן, אז אים האָט זיך פארוואָלט „אָנצוהויבן אביסל פראקטיש-פּאָליטישע אגיטאציע“. „דעם קאָנסטיטוציע, פאָרטראג האָב איך געהאלטן אין פיר פאריינען. א חוץ דעם האָב איך אָנגעשריבן א לענגערן פאָרטראג וועגן ארבעטער-שטאנד און האָב אים געלייענט אין אן ארבעטער-פאריין“. „איך האָב באשלאָסן דעם פאָרטראג אָפּצודרוקן, און ווי גאָר ער וועט פאַרטיק זיין, שיק איך דיר אים ארויס“. ווייטער שרייבט ער אין דעם בריוו, אז א דאנק דעם, וואָס די לעצטע דריי יאָר איז ער שטארק באשעפ-

טיקט מיט אנדערע זאכן איז די נאציאָנאַל־עקאָנאָמישע מאטעריע בא אים אין קאָפּ אזוי ווי „פארשטיינערט געוואָרן”. „ערשט ווען „אלץ וועט ווידער פליסיק ווערן”, וועט ער זיך נעמען לייענען א צווייטן מאָל מארקס בוך „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע”, און דערנאָך באלד מסתמא צו באשמועסן דאָס ווערק און צו אויספירן זיין אייגענע עקאָנאָמישע אַרבעט „וועלכע וועט געוויס זייער לאנג דויערן”. אָבער אלנפאלס, מוז דאָס פּראָגראם אָפּגעלייגט ווערן אויף א פּאָר חדשים, ווייל זומער קאָן ער בשום אופן נישט פארבלייבן אין בערלין. אין יולי וועט ער פאָרן אין דער שווייץ, אָדער פריער קיין לאָנדאָן און פון דאָרטן אין דער שווייץ.

אזוי איז טאקע געווען, אָבער פאָרן פאָרן האָט לאסאל נאָך אמאָל געשריבן צו מארקסן בזה הלשון:

„ליבער מארקס! דער איבערברענגער פון דעם בריוו איז קאַפּיטאן שווייגערט, וועלכער האָט געדינט מיט ערפאָלג בא גאריבאלדין און דערנאָך בא מיין פריינט רוסטאָוו. ער איז דער ערלעכסטער און צופארלעסיקסטער בחור אין דער וועלט. עס איז א מענטש פון טאַט. ער שטייט אין דער שפיץ פון די שוץ־פאריינען, וועלכע ער האָט אָרגאניזירט אין קאָבורג, און פאָרט איצט קיין לאָנדאָן כדי צו שאפן מיטלען פאר 3000 שטיק געווער, וועלכע ער דאַרף האָבן פאר די פאריינען. איך פארשפּאָר דיר זאָגן, ווי דאָס איז נויטיק. זיי דעריבער אזוי גוט, און פארבינד אים מיט די אלע, פון וועלכע ער קאָן באקומען געלט־מיטלען אָדער אנדער הילף פאר זיין זאך. טו דאָס מעגלעכסטע.

די ווארשיינלעכקייט, איך זאָל קומען קיין לאָנדאָן, ווערט אלץ גרעסער.

דיין פ. לאסאל.

בערלין, 19.6.62

די דערמאָנטע קאָבורגער „שוץ־פאריינען” האָבן געהערט צום לאָגער פון „נאציאָנאַל־פאריין”, וועלכער האָט געהאַט זיין צענטער אין קאָבורג. רוסטאָוו אַפּנים האָט געוואָלט זיי מאַכן גרייט אויף דעם פאַל, ווען גאריבאלדי זאָל ווידער וועלן אָנהויבן אַן אַקציע. לאַסאַלס אינטערעס צו דעם ענין, ווי זיין אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז „אַ מענטש פון טאַט”, באַשטעטיקן נאָך אַמאָל דאָס, וואָס מיר האָבן שוין פריער געזאָגט וועגן לאַסאַלס רעוואָלוציע־פּלענער.

די לעצטע בריוו לאַסאַלס צו מאַרקסן, וועלכע מיר האָבן, זע־
נען צוויי קורצע בריוולעך פון לאָנדאָן גופא, און זיי רעדן בלויז
וועגן פאַרשיידענע באַזוכן און וועגן אַ געמיינזאַם געפּלאַנטן אויספלוג.
עס וואָלט אָבער געווען פאַלש דערפון צו דרינגען, אַז בעתן באַזוך
אין לאָנדאָן האָבן לאַסאַל און מאַרקס איינגערייסן צווישן זיך. אַזאַ
איינרייסן איז קיינמאָל גאָרנישט פאָרגעקומען. אָבער דאָס מאַכט ניט
אויס. פון מאַרקסן אַליין ווייסן מיר, אַז בעת די מינדלעכע ויכוחים
אין לאָנדאָן, האָט ער לאַסאַלן קלאָר געמאַכט די גרינטלעכע פאַר־
שיידנהייט פון זייערעביידנס שטאַנדפונקטן און האָט זיך קאַטעגאָ־
ריש ארויסגעזאָגט קעגן לאַסאַלס פּלענער. און פון הערבסט אין
1862, ווען לאַסאַל האָט זיך אומגעקערט קיין בערלין, האָט די קאָ־
רעספּאָדענץ צווישן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט. דעמאָלט איז לאַסאַל
זיך נאָך נענטער צונויפגעגאַנגען מיט בוכערן, און דער האָט אים שפּע־
טער פאַרבונדן אויך מיט ראָדבערטוסן.

סוף זומער פון 1862 האָט זיך אויף אַ ווײַלע געקאָנט אויסווייזן,
אַז די פּרייסישע רעגירונג וויל פאַרנעמען אַ נאָכגיביקערע פּאָזיציע
בנוגע צו דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. אַ שטיק צייט האָבן זיך געפירט
אונטערהאַנדלונגען, ביז דער קעניג האָט פּלוצים ניט געמאָלדן דעם
פּאַרלאַמענט אין אַ גאַנץ האַרטער פאָרם, אַז ער קלייבט זיך ניט גיין
אויף קיינע הנחות אין דער פראַגע פון פאַרקלענערן דעם טערמין
פון מיליטער־דינסט, און ער איז אויך ניט נוטה צו געבן וועלכע
ס'ניט איז קאָמפּענסאַציע דערפאַר, וואָס די אַרמיי־אָרגאַניזאַציע איז
דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנטי־קאָנסטיטוציאָנעלן אופן. דערויף האָט
דער פּאַרלאַמענט רעאַגירט דערמיט, וואָס ער האָט מיט 308 שטימען
קעגן 11 אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג צו איינשליסן די קאָסטן פון דער
אַרמיי־אָרגאַניזירונג אין אַלגעמיינעם הוצאָה־ביודזשעט. כדי צו ברעכן
דעם ווידערשטאַנד פון דער מערהייט, האָט דער קעניג באַשטימט
אַלס שעף פון מיניסטעריום אָנשטאָט היידטן אָטאָ ביסמאַרקן, וועלכער
איז געווען פּרייסישער געזאַנדטער אין פּאַריז און איז גראָד צו דער
צייט געווען אין בערלין. אַגב, די פריערדיקע האַרטע מעלדונג פון
קעניג איז שוין אויך געמאַכט געוואָרן אין הסכם מיט ביסמאַרקן.

ביסמאַרק, וועלכער איז נאָך אין 1847 אין „פאַראייניקטן לאַנד־
טאָג" און אין 1849 אין דער פּרייסישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אַרויס־
געטראָטן ווי אַ פעאָדאַל־יונקערישער מליץ־יושר, איז פאַר דער צייט

אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ „מאָדערנער שטאַטסמאַן". ער האָט אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די יונקערלעכע אידעאָלאָגיע, כּדי מיט נאָך מער אייפֿער זיך איבערגעבן די אינטערעסן פֿונעם „איינגעפֿונדעוועטן ערדבאַזיץ"; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם אַרכאַישן אַבסאָלוטיזם, כּדי דורכדעם שאַפֿן פֿאַרן קעניג נאָך אַ מער פּריווילעגירטע לאַגע, אַזוי אַז די פֿאָלקס-פֿאַרטרעטונג זאָל אויף זיך אַליין איבערנעמען דאָס אַחריות — אָבער ניט מער ווי דאָס — פֿאַר די באַדערפֿענישן און פֿאַר דער פּאָליטיק פֿון דער מאָנאַרכיע. קורץ, ער האָט גוט אויסגעלערנט דעם באָנאַפּאַרטיסטישן רעגירונגס-סדר, וועלכער האַלט פֿונעם כּלל צו רעדן וועגן דעמאָקראַטיע און מיינען רעגירונגס-געוואַלט, צו דעקלאַמירן וועגן דאַגהנען פֿאַרן וווּיל פֿון די אָרעמע און פּלאַנעווען בעת מעשה אַ שטייער-אָנפֿאַל אויף די קעשענעס פֿון די אַרבעטער. פֿון דער צאַרישער דיפּלאָמאַטיע האָט ער זיך אָפּגעלערנט ווי צו רעגירן אַבסאָלוטיסטיש און הינטערוויילעכס צו פֿירן געשעפֿטן מיט רעוואָלוציאָנערן, און פֿון דער באָנאַפּאַרטישער האָט ער איבערגענומען די קונסט אַלע מאָל צו באַשולדיקן דעם קעגנער פּונקט אין דעם פֿאַרברעכן, וועלכן ער אַליין קלייבט זיך צו באַגיין. און חוץ דעם האָט ער זיך גוט איינגעניבט אין דער רגילות פֿון אַלע געניטע דיפּלאָמאַטן צו פֿאַרבלענדן דעם עולם מיט אויפֿריכטיקייט היינט, כּדי אויף מאָרגן נאָך מיט מער ערפֿאָלג באַנוצן די שפּראַך אויף צו פֿאַרמאַסקירן דעם אמת.

מיט אָט דעם מין „אויפֿריכטיקייט" איז עס ביסמאַרק אַרויסגעטראָטן פֿאַר דער פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג. אָבער קיין אמונה האָט זיין דייטש פּראָגראַם ניט אַרויסגערופֿן. פֿאַרקערט, זיין ערקלערונג אין דער ביודזשעט-קאָמיסיע, אַז די דייטשע פֿראַגע וועט געלייזט ווערן דורך „בלוט און אייזן", האָט נאָך מער גערייצט דעם ווילן צו ווידערשטאַנד. די פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג איז געבליבן באַ איר פֿריערדיקן באַשלוס, ניט איינגיין אויף גאָרנישט, ביז די רעגירונג וועט ניט אָנערקענען אירע געזעצלעכע רעכט. דאַן האָט ביסמאַרק צייטווייליק אָפּגעשטעלט די זיצונגען פֿון פּאַרלאַמענט, און האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט די געפֿאָדערטע מיטלען נעמען ווו זי וועט זיי נאָר געפֿינען.

שטאַרק זיכער איז ביסמאַרקס לאַגע פֿונדעסטוועגן ניט געווען. אמת, ער האָט געהאַט הינטער זיך די גאַנצע אָרגאַניזירטע מאַכט,

בעת דער פּאַרלאַמענט האָט מער ניט געהאַט אויף זיין זייט, ווי די „געזעלשאַפטלעכע מיינונג"; ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אויף די פּרייסישע ביקסן וועט ער זיך ניט קאָנען „זעצן". אויף גרויסע ערפאָלגן אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק, כּדי דורך דעם געווינען פאַר זיך די אַמאָליקע „גאָטער", ד. ה. די האַלב־ליבעראַלע קליין־דייטשן, האָט ער דערווייל אויך ניט געקאָנט האָפן. ער האָט דעריבער געמוזט פּרווון זוכן ערגעץ אַנדערשוואו פאַרבינדעטע קעגן דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי.

פּונקט אַרום דער צייט, הארבסט 1862, האָט מען אין די אַרבעטער־קרייזן פון בערלין אָנגעהויבן ערנסט צו רעדן מכּוח צונויפרופן אַן אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־קאָנגרעס, וועלכער זאָל באַטראַכטן די ספּעציעלע פראַגן פון אַרבעטער־לעבן; אויף די אַסיפות מכּוח דער פראַגע האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן איינער אַן אַרבעטס־לאָזער, מיטן נאָמען אייכלער, וועלכער איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי פאַר איר נישטיקע פּאָליטיק און האָט אויך שאַרף געקריטיקירט די שולצעשע גענאָסנשאַפטן, וועלכע ברענגען דעם אַרבעטער קיין שום נוצן ניט. די „זעלבסט־הילף", אַרום וועלכער די ליבעראַלן האָבן געמאַכט אַזאַ טומל, קאָן גאָרניט געבן, העלפן די אַרבעטער קאָן נאָר די מלוכה. אייכלער האָט פאַרזיכערט, אַז דער בעל־הבית האָט אים צערעכנט דערפאַר וואָס ער האָט אַגיטירט קעגן דער שולצעשער זעלבסטהילף. ער האָט באַקומען מיטלען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין לייפּציק, ווו דער געדאַנק וועגן רופן אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־קאָנגרעס און גרינדען אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך לעבהאַפט באַהאַנדלט אינם דאָרטיקן אַרבעטער־פאַריין „פאָרווערטס". אייכלער האָט געוואָלט פועלן ביים לייפּציקער צענטראַל־קאָמיטעט, אַז דער קאָנגרעס זאָל צונויפגערופן ווערן אין בערלין; ווען מען האָט זיך געבומען געניער אים אויספרעגן פאַרוואָס־פאַרוועו, האָט ער אין היץ פון ויכּוח זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער ערקלערונג, אַז ער ווייס גענוי, אַז די פּרייסישע רעגירונג האָט דעם גוטן ווילן צו קומען די אַרבעטער צו הילף, דער עיקר באַ דער גרינדונג פון פּראָדוציר־פאַריינען; ער קאָן אַפילו מיטטיילן, אַז ביסמאַרק איז גרייט צו געבן 30 טויזנט טאָלער אויף צו אָרגאַניזירן אַ פּראָדוציר־פאַריין פון מאַשינען־בוי — די מאַשין־אַרבעטער זענען געווען דעמאָלט און אַ צייט נאָך דערנאָך, דער הויפּט־

באַזיס פון די פּראָגרעסיסטן אין בערלין! נאַטירלעך, דאַרפן די אַר־בעטער איינרייסן מיט דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, וועלכע איז דאָך די פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע, דעם הויפּט־שונא פון די אַרבעטער.

אייכלער איז גלייך דורכגעפאַלן. די לייפּציקער קאָנגרעס־אי־ניציאַטאָרן האָבן טאַקע געווען קנאַפּע חסידים פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, זיי האָבן אָבער נאָך ווייניקער געהאַט חשק צו אַטאַקירן די פּראָגרעסיסטן צוליב דער רעגירונג. אייכלער האָט געמוזט אָפּפאָרן מיט גאָרניש, און אין בערלין גופא האָט ער אויך ווייניק וואָס אויפגעטאָן. ווען מען האָט זיך געפּרוווט חידושן און אים אָפּפרעגן, ווי אַזוי לעבט ער עס אַזוי רייך בײַ זיין לאַגע פון אַן „אַרבעטס־לאָזן", האָט ער געמאַכט סודותדיקע ערקלערונגען, אַז עפּעס אַ רייכע פּאָרנעמע דאַמע העלפט אים אויס — און אַזוי ווי אַ שיינער יונג איז ער געווען, האָט זיך עס כמעט ווי געלייגט אויפן שכל. מיט אַמאָל איז אייכלער פאַרשוואונדן געוואָרן — און שפּעטער שוין איז ער ווי־דער אַרויסגעשווימען אַלס אַ פּרייסישער פּאָליציי־באַאַמטער.

אין 16 יאָר אַרום, דעם 16 סעפּטעמבער 1878, האָט בעבעל אויף אַ זיצונג פון רייכסטאַג דערמאָנט ביסמאַרקן — דעם דעמאָלטיקן פּירשט — וועגן אייכלערס „מיסיע"; ביסמאַרק האָט אויסגענוצט בעבעלס אַ טעות אין דער דאַטע — ער האָט אָנגעגעבן סעפּטעמבער, אָנשטאָט אָקטאָ־בער, אַלס די צייט, ווען אייכלער איז געווען אין לייפּציק — כדי אַרויסצומאַכן זיך פון דעם ענין. ביסמאַרקן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיט דעם קונצשטיק צוניש געמאַכט דעם איינדרוק פון בעבעלס אַרויסטרעטונג, און ער האָט שוין נישט מורא געהאַט נאָכצוגעבן, אַז אייכלער האָט זיך טאַקע שפּעטער געהאַט „געווענדט צו מיר נאָך באַלוינונג פאַר שליחותן, וועלכע ער האָט פאַר מיר נישט „געטאָן" און אַז „ערשט איצט דערמאָן איך מיר ווירקלעך, אַז דער הער אייכלער האָט געדינט אין פּאָליציי און פלעגט צושטעלן באַריכטן" (פאַרגלייך די פאַרעפנטלעכטע אָפיציעלע סטענאָגראַמע פון דער באַראַטונג וועגן סאָציאַליסטן־געזעץ אונטערן קעפּל: „די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פאַר דעם דייטשן רייכסטאַג" 1878 ז. 85). אַנדערש גערעדט, די דערמאָנטע פּאָרנעמע דאַמע איז געווען נישט וועד אַנדערש, ווי די בערלינער פּאָליציי.

דעמזעלבן האַרבסט 1862, גאָכדעם ווי ביסמאַרק האָט דעם 13 אָקטאָבער פאַרמאַכט דעם לאַנדטאַג, האָט לאַסאַל געהאַלטן זיין צווייטן

פָּאָרטראַג וועגן קאָנסטיִטוציע, אונטערן נאָמען: „וואָס ווייטער”? ער
הויבט אָן דערפֿון, אַז דיִ געשעעניִשן האָבן פֿולשטענדיִק באַשטעטיִקט
דיִ אויספֿיִרונגען פון זיין ערשטן פֿאָרטראַג. דיִ „קרייץ-צייטונג”, דער
קריִגס-מיִניִסטער פאָן ראָאָן און דער איִציִקער פרעמיער פאָן ביִס-
מאַרק האָבן מודה געווען, אַז דיִ קאָנסטיִטוציע-פראַגן זענען מאַכט-
פראַגן. און טאַקע שטיִצנדיִק זיִך אויף איִר מאַכט, האָט די רעגיִרונג
זיִך אויסגעלאַכט פון דיִ באַשלוסן פון דער פאָלקס-פאַרטרעטונג. דיִ
פראַגע איִז דעריִבער ניִשט, וויִ צו ראַטעווען דיִ עקזיִסטענץ פון דער
קאָנסטיִטוציע פון 1850, איִן וועלכער דאָס פאָלק, אגב, איִז גאָר
קנאַפּ פאַריִנטערעסיִרט, נאָר דיִ פראַגע איִז פּשוט, וויִ אַזוי דער-
שלאָגט מען זיִך באַשטיִמטע ביודזשעט-רעכט פאַר דער פאָלקס-פֿאַר-
טרעטונג, ווייל „דעריִן און נאָר דעריִן באַשטייט דער עצם פֿון אַן
אמת קאָנסטיִטוציאָנעלער רעגיִרונג”. זאָל מען אויסנוצן דעם מיִטל פון
אָפּזאָגן איִן שטייערן? ניין, ענטפערט לאַסאַל. דאָס קאָן וויִרקן אַגב
האָבן אַ פּעולה נאָר איִן דיִ הענט פון אַזאַ פאָלק, וויִ דאָס ענגליִשע,
וועלכעס האָט אויף זיין זייט אַ סך מיִטלען פון דער אָרגאַניִזיִרטער
מאכט. דאָס האָט אַ זיִנען נאָר אַלס אַ מיִטל אַרויסצורופן אַן אַלגע-
מיינעם אויפשטאַנד. אָבער „דערפון טראַכט מסתמא קיינער ניִשט באַ
דיִ איִצטיִקע אומשטאַנדן”. דער אייניִציִקער מיִטל דעריִבער איִז —
נאָר אויפֿדעקן און קלאָר מאַכן דיִ אמתע לאַגע. דער לאַנדטאַג דאַרף
באַלד וויִ ער וועט זיִך וויִדער צונויפקומען „אַרויסזאָגן דאָס, וואָס
ס'איִז”. דאָס איִז דער „געוואַלטיִקסטער פּאָליִטיִשער מיִטל”. דער לאַנד-
טאַג דאַרף מאַכן פאַר דער רעגיִרונג אוממעגלעך צו איינהאַלטן דעם
שיין פון כּלומרשטן קאָנסטיִטוציאָנאַליִזם. וויִ דער לאַנדטאַג וועט זיִך
נאָר צונויפקומען, דאַרף ער גלייך אָננעמען אַ באַשלוס, אַז כּל זמן
דיִ רעגיִרונג איִז איינגעשפּאַרט איִן איִר עובר זיין אויף דער קאָנסטיִטו-
ציע, וויִל ער איִר ניִשט בייהיִלפיִק זיין מיִט זיין אַרבעט, וויִל ער
ניִשט אונטערהאַלטן דיִ איִלוזיע פֿון אַ קאָנסטיִטוציאָנעלן צושטאַנד,
און רייסט דעריִבער איִבער זיינע זיִצונגען „אויף אַן אומבאַשטיִמטע
צייט, אַזוי לאַנג, ביִז דיִ רעגיִרונג וועט ניִשט דערווייזן, אַז דיִ אָפּ-
געוואָרפענע אויסגאַבן וועלן מער ניִשט געמאַכט”. מיִט אַזאַ באַשלוס
ווערט דיִ רעגיִרונג גלייך באַזיִגט. פאַנאַנדערלאָזן דעם לאַנדטאַג האָט
פאַר איִר קיין זיִנען ניִשט, ווייל דיִ נייע דעפּוטאַטן וואָלטן וויִדער
געוועלט געוואָרן מיִט דיִזעלבע לאָזונגען. אָן דעם לאַנדטאַג קאָן זיִ

אָבער אויך נישט רעגירן. איר קרעדיט, איר חשיבות און איר מאַכטשטעלונג אין אויסלאַנד וואָלטן דערפון אַזוי שטאַרק געליטן, אַז זי וואָלט פריער אָדער שפעטער געמוזט נאָכגעבן. קיין אַנדער אויסוועג פון דעם קאָנפליקט איז נישטאָ. דורכדעם וואָס דער לאַנדטאַג וועט אָפּהאַלטן זיצונגען און וועט אָפּזאָגן דער רעגירונג אין געוויסע אָדער אפילו אין אַלע אויסגאַבן וועט ער נאָר פירן דערצו, אַז אי דאָס פאָלק אי די רעגירונג וועלן זיך ביסלעכוויז צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז מען קאָן נישט־פאָלגן די באַשלוסן פון לאַנדטאַג. נאָך ערגער וואָלט געווען, ווען דער לאַנדטאַג זאָל איינגיין אויף וועלכן ס'נישט איז קאָמפּראָמיס אין דער פראַגע, אפילו ווען די רעגירונג זאָל דערפאַר מסכים זיין אויף אַ צוויי־יאָריקן טערמין פון מיליטערדינסט. ניין, אין דער גרונט־פראַגע פון דער קאָנסטיטוציע קאָנען נישט זיין קיינע הנחות. וואָס עקשנותדיקער די רעגירונג האַלט זיך איצט, אַלץ גרעסער וועט זיין איר פאַלן דערנאָך, ווען זי וועט זיך מוזן אונטערגעבן. „ערשט דאַן וועט זי אין אַ גרעסערער מאָס אָנערקענען, אַז די געזעלשאַפטלעכע מאַכט פון דער באַפעלקערונג איז העכער פון איר אייגענער מאַכט, ווען זי וועט מוזן זיך בויגן פאַרן רצון פון פאָלק און פון דער פאָלקס־פאַרטרעטונג". אין יענעם מאָמענט אָבער „קיין מחילה, קיין שלום־שליסן, מיינע הערן". קיין שום נייער קאָמפּראָמיס מיטן אַלטן אַבסאָלוטיזם, נאָר „גענומען פעסט אין די הענט, מיט דער קני אויף דער ברוסט".

ווי מיר זעען, נעמט לאַסאַל אָן אין דעם פאָרטראַג זייער אַ פרידלעכן טאָן בנוגע די פּראָגרעסיסטן. „צוליב דער אייניקייט" איז ער גרייט צו פאַרגעסן אַלע שווערע חטאים, וואָס ער האָט זיי אויסגעוואַרפן. ער פאלט אָן נאָר אויף דער „פאָלקס־צייטונג" מיט איר חברותא, וועלכע האלטן זיך בא א פאָליטיק פון ארויסזאָגן דאָס, וואָס ס'איז בפירוש נישטאָ. די דאָזיקע „גייסט־קבצנים", מיט זייערע פאַרזוכן פאָרצושטעלן די רעגירונג ווי א קאָנסטיטוציאָנעלע, טראָגן א גרויסן טייל פון דער אחריות פארן איצטיקן צושטאנד. אָבער, „לאָמיר, מיינע הערן, פארגעסן אָן דער פארגאנגענהייט"!

עס איז שווער צו זאָגן, צי לאַסאַל איז טאַקע איבעווייניק אין הארצן געווען אזוי פרידלעך געשטימט און האָט געגלויבט, אָז די פּראָגרעסיסטן וועלן איינגיין אויף זיין פאָרשלאַג,

צי זיין שלום־טאָן איז נאָר געווען א רעדנערישער מאנעוור, כדי שפּעטער האָבן די מעגלעכקייט נאָך שארפער אָנצופאלן אויף זיי. אז לאסאל איז נישט געווען קעגן א צייטווייליקן בונד מיט די פּראגרעסיסטן, האבן מיר שוין פריער געזען. זיינע פּערזענלעכע באציונגען אין די קרייזן האבן אים געשטויסן צו אזא צוזאמענבונד, און פון פּרינציפּיעלן שטאנדפּונקט האט מען בא דער דעמאלטיקער לאגע אויך גארנישט געקאנט איינווענדן קעגן אזא טאקטיק. עס איז אבער געווען זייער צווייפלהאפט, צי די פּראגרעסיסטן וועלן זיך לאזן דערויף, אז לאסאל זאל באקומען דעם איינפלוס אויף זייער טאקטיק, צו וועלכן ער האט געשטרעבט.

## VI

## לאַסאַל און דער לייפּציגער אַרבעטער־קאָמיטעט.

## די אָפענע תשובה, איר פּאָליטישער טייל.

די פּראָגרעסיסטן האָבן לאסאַלס שלום־תנאים נישט אָנגענומען, ד. ה. זיי זענען נישט איינגעגאַנגען אויף דער קאַמף־טאַקטיק, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט. און פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי אפשר נישט גאָר אומגערעכט געווען. לאסאַלס טאַקטיק וואָלט געווען צוגעפּאַסט, ווען מען אַנטשליסט זיך אויף דאָס עקסטרעמסטע און מען האָט בורעה אַרויסצורופן מצד דער רעגירונג אַ מלוכה־איבערקערעניש — ווייל באַ דער טאקטיק וואָלט די רעגירונג קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט — כדי צו ענטפערן אויף איר מיט אַ רעוואָלוציע. אַזוי ווייט זענען אָבער די פּראָגרעסיסטן נישט געגאַנגען — און זיי האָבן ליבער אויסגעקליבן די טאַקטיק פון פאַרשלעפּן די זאַך. און באמת: אָן אַ רעוואָלוציע אין דער פּערספּעקטיוו וואָלט דער פריי־וויליקער אָפּזאָג פון דער לאַנדטאַג־טריבונע געווען נישט מער, ווי יענער באַרימטער „פּאַסיווער ווידערשטאַנד", פון וועלכן לאַסאל אַליין האָט חוזק געמאַכט. מיטן שטענדיקן אָפּוואַרפן די רעגירונגס־ביודזשעטן האָט מען נאָך מער געקאָנט „אַרויסזאָגן דאָס וואָס ס'איז", און נאָך מער וועקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, איידער דורכן פאַרלאָזן גאָר דעם לאַנדטאַג; פאַרקערט, דאָס לעצטע וואָלט געקאָנט דינען דער רעגירונג פאַר אַ פאָרמעל „גערעכטן" אויסרייד צו באַגיין זיך אָן דער קאָנסטיטוציע. די טאַקטיק פון די פּראָגרעסיסטן איז אָבער דער עיקר

באַשטאַנען דערין, אַז די רעגירונג זאָל אַלע מאָל פיגורירן אַלס די פאַרטרעטערין פון געוואַלט קעגן רעכט. „די פירער פון די פראָגרעסיסטן – זאָגט ב. בעקער מיט רעכט – זענען געווען מייסטנס מענטשן פונם ריכטער- און אַדוואָקאַטן-שטאַנד, זיי זענען געווינט צו אַלץ צוגיין פון דער יוריסטיש-אַדוואָקאַטישער זייט, און דעם סכסוך צווישן דער לאַנדטאַג-מערהייט מיט דער רעגירונג האָבן זיי אויך אויפגעפאַסט ווי אַ לאַנגן רעכטס-פראָצעס“.

די פראָגרעסיסטן האָבן פון דאָס ניי גענומען פאָרוואַרפן לאַסאַלן, וואָס ער שטעלט אויך, באַגלייך מיט דער רעגירונג, מאַכט העכער פון רעכט. דאַן האָט לאַסאַל פאַרעפנטלעכט – און נישט באַלד נאָך דער ערשטער קאָנסטיטוציע-בראָשור, ווי בעקער שרייבט – זיין „מאַכט און רעכט“, ווו ער ערקלערט דער פראָגרעסיווער פאַרטיי אַן אָפענע מלחמה. לאַסאַלן איז נישט געווען שווער אין עטלעכע ווערטער אויפצווייזן די גאַנצע לעכערלעכקייט פון די פאָרוורפן, און דערביי ברענגען אַ פעקל ביישפילן, ווי דער אָפגאָט פון די פראָגרעסיסטן, שווערין, וואָס מיט זיין ערקלערונג, אַז אין פרייסן איז „רעכט העכער פאַר מאַכט“ האָבן זיי אַזוי שטאָלצירט, האָט אַליין זיך באַטייליקט אין אַ גאַנצן טוץ רעכטס-ברוכן, ווו מאַכט האָט געשפילט די אַנטשיידנדיקע ראָל. „קיין מענטש אין דער פרייסישער מלוכה – רופט לאַסאַל אויס – האָט נישט דאָס רעכט צו רעדן וועגן „רעכט“, אַחוץ דער דעמאָקראַטיע. ווייל נאָר זי, די אַלטע און אמתע דעמאָקראַטיע, האָט זיך שטענדיק פעסטגעהאַלטן אין רעכט און האָט זיך קיינמאָל נישט דערנידעריקט צו קאָמפראָמיסן מיט דער מאַכט“. „נאָר די דעמאָקראַטיע באַזיצט דאָס רעכט – און זי אַליין וועט אויך די מאַכט האָבן!“

די דאָזיקע קריג-מעלדונג האָט לאַסאַל, אין פאָרם פון אַן ערקלערונג, געשיקט אין דער בערלינער ראַדיקאַלער צייטונג „רעפאָרם“ (נאָך אין יוני 1862 האָט לאַסאַל די צייטונג פאַרטיידיקט פאַר מאַרקסן) – די לעצטע האָט אָבער די ערקלערונג נישט געוואָלט דרוקן. דעם זעלבן אָפזאָג האָט ער באַקומען אויך פון דער „פאָסישער צייטונג“, וועלכע האָט נישט געוואָלט זי דרוקן אפילו ווי אַ באַצאָלטן אַנאָנס. דאַן האָט לאַסאַל דעם אויפזאַץ אָפגעדרוקט אין ציריך, ווי אַן „אָפענעם בריוו“. אַז דערמיט, וואָס ער קלייבט אויס ציריך אַלס פאַרלאַג-

אָרט באַשטעטיקט ער אייגנטלעך די „צענזור-מורא“ פון דער „פאָסישער צייטונג“ — דאָס האָט לאַסאַלן ווייניק וואָס געקימערט.

*　　*

צווישן דעם ערשיינען פונם פאָרטראַג „וואָס ווייטער“? (דעצעמבער 1862) און פון דעם „אָפענעם בריוו“ (פעברואַר 1863) זענען אריבער אינגאַנצן צוויי חדשים. אַביסל פריער נאָך (ענדע אָקטאָבער 1862) זענען קיין בערלין געקומען צוויי מיטגלידער פון לייפציקער אַרבעטער-קאָמיטעט, דער טאַבאַק-אַרבעטער פ. וו. פריטשע און דער שוסטער יוליוס וואָלטייך. זיי האָבן קאָנפעריִרט מיט אייניקע אָנגעזעענע מיטגלידער פון בערלינער אַרבעטער-קאָמיטעט, ווי אויך מיט שולצע-דעליטשן און מיט אַנדערע פירער פון די פראָגרעסיסטן — און דעם 2 נאָוועמבער זענען זיי בייגעווען אויף אַ גרויסער אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, וווּ ס'איז מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן דעם לייפציקער קאָמיטעט דעם מאַנדאַט אויף צונויפרופן דעם קאָנגרעס. דער באַזוך האָט באַוויזן די לייפציקער דעלעגאַטן, — וועלכע זענען שוין געווען סאָציאַליסטן, — אַז די בערלינער אַרבעטער האַלטן נאָך שטאַרק פון שולצע-דעליטשן, און אַז דער לעצטער אָבער, ווי די איבעריקע פירער פון די פראָגרעסיסטן, וויל זייער ווייניק וויסן פון אַ זעלבשטענדיקער אַרבעטער-באַוועגונג. שפעטערדיקע אָנפראַגן האָבן דעם איינדרוק נאָך פאַרשטאַרקט. אויף דער פראַגע מכח אָנשליסן די אַרבעטער אין „נאַציאָנאַל-פאַריין“ האָבן זיי באַקומען דעם שוין דערמאָנטן קלאַסישן ענטפער, אַז די אַרבעטער קאָנען זיך באַטראַכטן פאַר „ערן-מיטגלידער“ פון פאַריין. אין דער וואַלרעכט-פראַגע איז בײַ די פראָגרעסיסטן אַליין נישט געווען קיין אייניקייט — און זיי האָבן בכלל די פראַגע געהאַלטן פאַר נישט קיין ברענענדיקע. דאָס דריי-קלאַסן-סיסטעם האָט געגעבן צו זאַ אויסגעצייכנטן לאַנדטאַג, אַז מען מעג אָפוואַרטן אַ ביסל מיט דער פראַגע. אַז די אָפּאָזיציאָנעלקייט פונם לאַנדטאַג איז בלויז אַ פראָדוקט פון ספעציעלע צייטווייליקע סיבות — דאָס האָבן די לייט נישט גענומען אין אַכט, אָדער ריכטיקער, ס'איז זיי אויפן געדאַנק גאָר נישט געקומען.

דער יוגנטלעכער בערלינער דעמאָקראַט — שפעטער פראָגרע-

סיסטן-דעפּוטאַט, לודוויג לעווע, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די לייפּציקער דעלעגאַטן אויף לאַסאַלן און אויף זיין פאָרטראַג „דאָס אַרבעטער-פּראָגראַם“ — און זיי האָבן זיך מיט אים פאַרבונדן. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז די פאַרבינדונג האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט לאַסאַלס חרטה אויף זיינע פריערדיקע ווערטער: „לאָמיר לאָזן צורו די פאַרגאַנגענהייט, מיינע הערן!“ בעת ער האָט געשריבן זיין „מאַכט און רעכט“, איז שוין געווען אָפּגערעדט צווישן אים און דעם לייפּציקער קאָמיטעט, אַז דער לעצטער וועט אים אָפיציעל פאָרלייגן אַרויסצוזאָגן זיך וועגן די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג און וועגן דער פראַגע פון אַסאָציאַציעס, און אַז לאַסאַל וועט דערויף ענטפערן מיט אַ ספּעציעל פלוג-בלאַט. די ביז גאָר אינטערעסאַנטע דעמאָלטיקע בריוו פון לאַסאַלן צו די לייפּציקער זענען נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פּראָפ. ה. אָנקען אין גרינבערגס „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון סאָציאַליזם“ (יאָרגאַנג II, העפט 2 און 3). די בריוו ווייזן, אַז ווי לאַסאַל איז נישט געווען צופרידן פון דער פאַרבינדונג מיטן לייפּציקער קאָמיטעט, האָט ער זיך אָבער קיינפאַלס אים נישט „אָנגעוואָרפן“. די לייפּציקער, ד. ה. די פירנדיקע עלעמענטן פון אַרבעטער-פאַריין, האָבן זייער גוט געוווסט, וואָס זיי ווילן. וועגן דעם עצם פון דער אַקציע, וואָס זיי האָבן אונטערגענומען, האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ קלאָרע פאָרשטעלונג; ספקות זענען געווען נאָר מכח דעם פּראָגראַם פון דער אַקציע. אין זיין געשיכטע פון לאַסאַלס אַרבעטער-אַגיטאַציע ווו „דער אמת איז קודם כל“, שרייבט בעקער, אַז די לייפּציקער האָבן געהאַט נאָר דעם „באַוווסטזיין פון זייער אייגענער אומקלאָרקייט“, און דעריבער האָט דער קאָמיטעט אין זיין „אויפרוף צו די דייטשע אַרבעטער“ פון 10 פעברואַר געשריבן, גלייכצייטיק, אי אַז מען דאַרף וואָס גיכער צונויפרופן דעם קאָנגרעס, אי אַז מען דאַרף נישט צו שטאַרק איילן זיך. בעקער איז אָבער נישט גערעכט. דער קאָנגרעס האָט טאַקע געזאָלט גיך צונויפגערופן ווערן, אָבער נישט אַזוי גיך, אַז לאַסאַלס ענטפער זאָל נישט באַווייזן צו האָבן די נויטיקע ווירקונג. אויף דער זעלבער זיצונג, ווען ס'איז אַקצעפּטירט געוואָרן דער דערמאָנטער אויפרוף, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן זיך ווענדן צו לאַסאַלן מיט פאָלגנדיקן בריוו:

„צום ה׳ פערדינאַנד לאַסאַל אין בערלין.

זייער געערטער הער!

אייער בראָשור „וועגן באַזונדערן צוזאַמענהאַנג פֿון איצטיקער היסטאָרישער תּקופֿה מיט דער אידעע פֿון אַרבעטער־שטאַנד“ האָט דאָ אומעטום שטאַרק אויסגענומען באַ די אַרבעטער, און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אין דער אַרבעטער־צייטונג אויך אַרויסגעזאָגט אין אייער גייסט. פֿון דער אַנדערער זייט זענען פֿון פֿאַרשיידענע זייטן אויפֿגעהויבן געוואָרן זייער ערנסטע ספֿקות, צי די אַסאָציאַציעס פֿון שולצע־דעליטש קאָנען ממשותדיק העלפֿן דעם רוב אַרבעטער, וועלכע פֿאַרמאָגן גאָרנישט, צי די אַסאָציאַציעס זענען מסוגל צו ענדערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער אין דער מלוכה, ווי דאָס איז בויטיק. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט אין דער אַרבעטער־צייטונג (נום. 6): ער האַלט זיך באַ דער איבערצייגונג, אַז באַ די איצטיקע אומשטאַנדן קאָן מען דורך אַסאָציאַציעס ווייניק וואָס אויפֿטאָן. — אַזוי ווי אָבער אומעטום נעמט מען אויף דעליטשעס אַסאָציאַציעס, אַלס מאַסגעבנד פֿאַר דעם אַרבעטער־שטאַנד, אונטער וועלכן מיר פֿאַרשטייען דעם געדריקטעסטן קלאַס פֿון פֿאָלק, און אַזוי ווי מיר מיינען, אַז ס׳קאָנען זיין נאָך אַנדערע וועגן און מיטלען, ווי צו דערגרייכן די צילן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג: פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער אין פּאָליטישער, מאַטעריעלער און גייסטיקער הינזיכט — דעריבער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויף זיין זיצונג פֿון 10 פֿעברואַר איינשטימיק באַשלאָסן:

אייך בעטן אַרויסצוזאָגן אייער מיינונג, אין אַ פֿאָרם וועלכע איר וועט אַליין אויסקלייבן, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און וועגן די מיטלען, מיט וועלכע זי דאַרף זיך באַנוצן, ווי אויך ספּעציעל וועגן דעם ווערט פֿון אַסאָציאַציעס פֿאַר די אָרעמסטע קלאַסן פֿון פֿאָלק.

מיר גיבן צו די גרעסטע באַדייטונג אייערע אָנזיכטן, וועלכע זענען אַנטוויקלט אין דער דערמאָנטער בראָשור, און מיר וועלן דעריבער מיטן גרעסטן אינטערעס אויפֿנעמען אויך אייערע ווייטערע מיטטיילונגען. מיר בעטן אייך ערפֿילן אונזער בקשה וואָס פֿריער. עס גייט אונז אום דעם, ווי וויים מעגלעך צו פֿאַרגיכערן די אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט גרוס און האָפֿענונג!

לייפּציג 11 פֿעברואַר 1863.

פאַר דעם צענטראַל=קאָמיטעט אויף צונויפצורופן דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער=קאָנגרעס

אָטאָ דאַמער.״

דער ענטפער אויף דעם בריוו איז געגעבן געוואָרן דעם 11 מערץ 1863, און האָט געהייסן: „אַן אָפענע תשובה צום צענטראַל=קאָמיטעט פאַר צונויפרופן דעם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער=קאָנגרעס אין לייפציק פון פערדינאַנד לאַסאַל״.

אָט די תשובה און איר אויפנעם אין קאָמיטעט און אין אַרבעטער=פאַריין פון לייפציק זענען אייגנטלעך דער אָנהויב פון לאַסאַלס סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע; מיט זיי הויבט זיך אויך אָן די געשיכטע פונם „אַלגעמיינם אַרבעטער=פאַריין״.

* * *

אין דער „אָפענער תשובה״ טרעט לאַסאַל קודם כּל אַרויס קעגן דער מיינונג, לויט וועלכער די אַרבעטער דאַרפן שטיין אָן אַ זייט פון פּאָליטיק. אומגעקערט, די אַרבעטער דאַרפן דורכויס זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. אומגעקערט, די אַרבעטער דאַרפן עס טאָן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן נישט זיין סתם אַ „ווילנלאָזער כאָר און רעזאָנאַנס=באָדן״ פאַר דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. דערביי שטיצט זיך לאַסאַל דער עיקר אויף דער האַלטונג פון די פּראָגרעסיסטן אין דעם קאָנסטיטוציע=קאָנפליקט, און דאָ גראָד זענען זיינע באַווייזן נישט אומעטום גלייך איבערציינגנדיק. אַזוי למשל, וואַרפט לאַסאַל זיי פאָר, וואָס זיי האָבן „נאָר דאָס ביודזשעט=רעכט געמאַכט פאַרן אינהאַלט פון זייער קאַמף״, און פאַרגעסט, אַז ער אַליין האָט ערשט אין זיין פאָרטראַג „וואָס ווייטער״? פאַרטראָטן די מיינונג, אַז דער ביודזשעט איז אייגנטלעך דער וויכטיקסטער אָביעקט פון קאַמף. דאָסגלייכן איז לאַסאַל אומגערעכט, ווען ער פאַררעכנט זיי פאַר אַ פּאָליטישן חטא דאָס, „וואָס זיי זענען, צוליב זייער גלויבן אין דער בכורה פון פּריסן, גרייט צו האַלטן די פּרייסישע רעגירונג פאַרן משיח פון דייטשלאַנדס ווידערגעבורט, בעת אין דער אמתן איז נישטאָ קיין איין דייטשע רעגירונג, אפילו העסען בכלל, וועלכע זאָל שטיין אין פּאָליטישער הינזיכט נידעריקער פון דער פּרייסישער, בעת אין דער אמתן שטייען אַלע רעגירונגען, און אפילו די עסטרייכישע(!!) נישט אויסגעשלאָסן, העכער נאָך פון דער פּרייסישער״. אומגערעכט

איז ער דערפאר, ווייל ער אַליין האָט אויך דערמיט געזינדיקט. אין תּוך אַריין אָבער איז לאַסאַל דאָ, נאַטירלעך, געדעכט. אָרגאַניזירן די אַרבעטער אַלס אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי מיט אַן אייגענעם פּראָגראַם איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט; און אויב פון אַלגעמיין־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט האָט מען אפשר געקאָנט צווייפלען, צי עס לוינט גראָד אין דעם מאָמענט — פון קאַמף מיטן אַבּסאָלוטיזם — אָפּצורייסן די אַרבעטער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, האָט אָבער די לעצטע געגעבן גענוג גרונדן צו שטרעבן צו אַזאַ אָפּשפּאַלטונג. דערצו האָט די זעלבשטענדיקע אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער אַלס אַזעלכע נאָך נישט געדאַרפט באַדייטן די פאַרקלענערונג פון דער אַגרעסיוו־קראַפט פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. אויב אין דער ווירקלעכקייט איז עס גראָד אַזוי פּאָרגעקומען, איז דערינען נישט ווייניק שולדיק די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי אַליין, מיט איר באמת קליינקעפּלדיקער באַציִונג צו אָט דער נייער באַוועגונג, און צום טייל נאָר איז עס געווען אויך די שולד פון דעם פּראָגראַם, וואָס לאַסאַל האָט אָנגעצייכנט פאַר דער באַוועגונג.

מיר האָבן שוין געזען, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם „אַרבעטער־פּראָגראַם", אַז לאַסאַל האָט מיטן באַגריף „מלוכה" פאַרבונדן ריין אַבּסטראַקטע, אידעאַלאָגישע פאָרשטעלונגען. ס'וועט זיין נישט גוזמהדיק צו זאָגן, אַז פאַר לאַסאַלן איז דער מלוכה־באַגריף געווען אַן אמתער קולט. „דעם נר־תּמיד פון יעדער ציוויליזאַציע, די מלוכה, פאַרטיידיק איך צוזאַמען מיט אייך קעגן די מאָדערנע באַרבאַרן" — ס'הייסט, קעגן דער מאַנטשעסטער־פּאַרטיי — אַזוי ווענדעט זיך לאַסאַל אין זיין רעדע „די אומדירעקטע שטייערן" צו די ריכטער פון בערלינער קאַמער־געריכט; און ענלעכע שטעלן געפינען זיך כמעט אין אַלע זיינע רעדעס. אָט דער מלוכה־קולט איז די אַכילעס־שוואַכקייט פון לאַסאַלס שיטה, ער איז די סיבה פון זיינע כלערליי שווערע פעלערן. צוליב זיין אַלט־העגעלשער אידעאָלאָגישער פאָרשטעלונג פון „מלוכה", האָט ער געשטרעבט צו שאַפן באַ די אַרבעטער אַ מין האַלב־מיסטישן דרך־ארץ פאַר דער מלוכה, בעת פאַר זיי איז ערשט געשטאַנען די עלעמענטאַרע אויפגאַבע, ווי אַרום צו באַפרייען זיך גאָר פון דער אַפּיטרופּסות פון דער פּאָליציישער מלוכה. עס קלינגט זייער שיין, ווען לאַסאַל רופט אויס צו די אַרבעטער אין זיין „אָפענער תּשובה": „ווי, איר ווילט דעבאַטירן וועגן

באַוועגונגס־פרייהייט? איך קאָן אייך דערויף ענטפערן נאָר מיט פאָלגנדיקע פערזן פון שילער:

„יאָרנלאַנג באַנוץ איך מיך שוין מיט מיין נאָז צום שמעקן, צי האָב איך אָבער דערויף אַ בפירושדיק רעכט?“ — באַוועגונגס־פרייהייט און באַרופס־פרייהייט זענען זאַכן, איבער וועלכע „מען דעבאַטירט נישט אין קיין געזעצגעבערישן אַנשטאַלט, זיי ווערן שטים און אָן ווערטער דעקרעטירט“. פאַקטיש אָבער, איז די לאַגע פאָרט געווען אַזאַ, אַז אָט די פרייהייטן און צוזאַמען מיט זיי די קאָאַליציאָנס־פרייהייט האָבן נאָך געפעלט, און די אַרבעטער האָבן זיי אומבאַדינגט באַדאַרפט צו האָבן. באַרוף־און באַוועגונגס־פרייהייט האָבן אפשר געקאָנט אויף אַן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַרנעמען אַ צווייטן אָרט, פשוט ווייל די פאָדערונג האָט פאַרטיידיקט דער בירגערלעכער ליבעראַליזם אויך; אָבער אַ דיסקוסיע וועגן די פראַגן איז לחלוטין נישט געווען איבעריק, ווייל אין די אַרבעטער־קרייזן האָט נאָך אויך דאַן געהערשט אַ היפשע אומקלאָרקייט איבער זייער ווירקלעכער באַדייטונג.

לאַסאַל האָט די דאָזיקע פראַגן אָפגערוקט אָן אַ זייט, ווייל ער האָט געהאַלטן פאַר אַ סך וויכטיקער די פאָדערונג פון מלוכה־הילף. ערשטנס, צוליב דער זאַך גופא טאַקע, און צווייטנס, האָט ער געהאַלטן, אַז אָט די פאָדערונג איז דאָס בעסטע מיטל אויפצוהויבן די אַרבעטער פאַר אַ פאָליטישער אַקציע, צו עמאַנציפירן זיי פון דער אַפיטרופסות פון די בירגערלעכע פאַרטייען און אין דער זעלבער צייט צו באַוועגן זיי צום קאַמף פאַר דער דערגרייכונג פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אין יענעם מאָמענט איז פאַר אים דאָס צווייטע געווען וויכטיקער פאַרן ערשטן. און לויט דער ווירקלעכער זאַכלאַגע איז עס טאַקע געווען אַזוי. די פראַגע איז נאָר, צי די מעטאָדן און מיטלען, דורך וועלכע לאַסאַל האָט געוואָלט דערגרייכן דעם ציל, זענען געווען ריכטיקע, אָדער נישט.

כּדי צו איבערצייגן די אַרבעטער אין דער נישטיקייט פון דער זעלבסט־הילף, וואָס די בירגערלעכע ליבעראַלן האָבן געפרעדיקט, האָט לאַסאַל זיך פאַררופן אויפן לוין־געזעץ פון דער קאַפיטאַליסטישער פראָדוקציע, ווי ס׳האָבן אים פאָרמולירט די קלאַסיקער פון פאָליטישער עקאָנאָמיע און באַזונדער שאַרף ריקאַרדאָ. ער האָט געשריבן:

ס'איז „אַן אייזערן און גרויזאַם געזעץ, אַז בײַ דער הערשאַפֿט פֿון נאָכפֿרעג און אָנבאָט האַלט זיך דער דורכשניטלעכער אַרבעט-לוין כּסדר אויף דער הויך בלויז פֿון לעבנס-מינימום, וועלכער איז געוויינלעך נויטיק בײַ דעם אָדער יענעם פֿאָלק פֿאַר דער עקזיסטענץ און פֿאַר דער פֿאָרטזעצונג פֿון מענטשלעכן דור", אויב דער לוין שטײַגט צײַטווײַליק אַריבער די דאָזיקע נאָרמע, הויבן זיך אָן אָפּטערע חתונות, די אַרבעטער-באַפֿעלקערונג פֿאַרגרעסערט זיך און דערמיט אויך דער אָנבאָט, אַזוי אַז דער לוין מוז צוריק ווידער פֿאַלן. לאָזט זיך אָבער דער לוין אַראָפּ נידעריקער פֿון דער אָנגעוויזענער נאָרמע, אַזוי הויבט זיך אָן אַן אויסוואַנדערונג און אַ פֿאַרגרעסערטע שטערבלעכקייט, די אַרבעטער האַלטן זיך אָפּ פֿון חתונה צו האָבן און פֿון צו האָבן קינדער — דער אַרבעט-אָנבאָט ווערט קלענער, און דער לוין מוז זיך צוריק הויבן. אָט אַזוי געפֿינען זיך „די אַרבעטער און דער אַרבעטס-לוין תּמיד בײַם סאַמע גרענעץ פֿון דעם לעבנס-מינימום, וואָס איז דורכויס נויטיק לויט די באַדערפֿעניש פֿון דער צײַט", און דאָס „ענדערט זיך קיינמאָל נישט".

דעריבער איז יעדער פּרוּוו פֿון אַרבעטער-קלאַס צו פֿאַרבעסערן זײַן לאַגע אויפֿן וועג פֿון אינדיווידועלע אָנשטרענגונגען פֿון לכתּחילה אָן פֿאַרמשפּט אויף אומערפֿאָלג. און אַ טעות איז אויך, ווען מען מיינט, אַז מען קאָן די לאַגע פֿאַרבעסערן מיט דער הילף פֿון קאָנסום-פֿאַריינען. כּל זמן די פֿאַריינען זענען געציילטע אין לאַנד, קאָנען זיי ערגעץ העלפֿן דעם אָדער יענעם אַרבעטער. ווי באַלד אָבער זיי וואָלטן געוואָרן אַן אַלגעמיינע ערשיינונג — וואָלטן די אַרבעטער, אַלס פּראָדוצענטן, געמוזט פֿאַרלירן אויפֿן לוין דאָס, וואָס זיי געווינען, אַלס קאָנסומענטן, בײַם אײַנקויף פֿון זייערע געברויכס-פּראָדוקטן. די לאַגע פֿון די אַרבעטער קאָן נאָר דאַן אומאָפּהענגיק ווערן פֿונם דערמאָנטן עקאָנאָמישן געזעץ, ווען אָנשטאָט אַרבעטס-לוין זאָל קומען דער אַרבעטס-פּראָדוקט, ד. ה. ווען דער אַרבעטער-קלאַס זאָל אַליין ווערן דער אונטערנעמער. דאָס קאָן מען אָבער נישט דערגרייכן דורך זעלבסטהילף-אַסאָציאַציעס, ווײַל זיי פֿאַרמאָגן נישט די נויטיקע מיטלען דערצו; ס'רוב האָבן די אַסאַציאַציעס די פּעולה, אַז זיי מאַכן פֿון זייערע מיטגלידער אַ „מיאוסע קאַריקאַטור פֿון אַרבעטער, וואָס באַזיצן די מיטלען פֿון אַרבעטער און דעם גייסט פֿון אונטערנעמער". אויף צו לייזן גרויסע פֿראַגן זענען נויטיק גרויסע מיטלען; די אַסאַציאַציעס

דאַרפֿן אונטערגענומען ווערן אין אַ גאר גרויסן מאַסשטאַב, זיי דאַרפֿן
אָרומכאַפּן די גרויסע פֿאַבריק=אינדוסטריע, און די מיטלען דערויף —
ס'הייסט, דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, אָדער קרעדיט — דאַרף געבן די
מלוכה. דאָס איז כּלל נישט קיין קאָמוניזם אדער סאציאַליזם. „קיין
זאַך איז אַזוי נישט ווייט פון קאָמוניזם אָדער סאציאַליזם ווי די דאזיקע
פֿאָדערונג, בא וועלכער די אַרבעטנדיקע האַלטן איין ווי ביז איצט
זייער אינדיווידועלע פרייהייט, זייער אינדיווידועלן לעבנס=שטייגער
און אינדיווידועלע אַרבעט=באַלוינונג, און זייער באַציונג מיט דער
מלוכה דריקט זיך אויס בלויז אין דעם, וואס די לעצטע ליפֿערט זיי
דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, ד. ה. דעם נויטיקן קרעדיט". און דערויף
איז דאָך די מלוכה טאַקע באַרופֿן, אז זי זאָל מיטהעלפֿן און פֿאַר=
גרינגערן דעם קולטור=פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. „דערויף עקזיס=
טירט זי, תּמיד האָט זי דערצו געדינט, און מוז דינען". און ווער
„איז דען די מלוכה"? לאסאַל ברענגט די ציפֿער פון דער פּרייסישער
הכּנסה=סטאַטיסטיק פֿאַרן יאָר 1851, פון וועלכע מען זעט, אז אין
יענעם יאָר האָבן 89 פּראָצענט פון דער באַפֿעלקערונג געהאט הכּנסה
ווייניקער פון 200 טאָלער און $7^1/_4$ פּראָצ. האָבן געהאט הכּנסה פון
200 ביז 400 טאָלער, אזוי אז גאנצע $96^1/_4$ פּראָצ. פון דער באפֿעל=
קערונג האָבן זיך געפונען אין אן עלנטן געדריקטן מצב. „אַלזאָ, מיינע
הערן, אייך, די נויט=ליידנדיקע קלאַסן, און נישט אונז די העכערע
שטאַנדן, געהער די מלוכה, וואָרים פון אייך באשטייט זי! ווער איז
די מלוכה? האָב איך געפרעגט, און די עטלעכע געבראַכטע ציפֿער
ענטפֿערן קלאָרער, איידער דיקע ביכער: די גרויסע אַסאָציאַציע פון
די אָרעמע קלאסן — אָט דאס איז די מלוכה"! ווי אזוי אָבער געווינט
מען די מלוכה פאר דער דאָזיקער אינטערווענציע? נאָר דורכדעם
אלגעמיינעם און דירעקטן וואַל=רעכט. נאָר ווען די געזעצגעבנדיקע
קערפּערשאַפֿטן פון דייטשלאנד וועלן זיך צונויפשטעלן אויפֿן יסוד פון
אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן — „נאָר דאן וועט איר קאָנען ווירקן
אויף דער מלוכה, אז זי זאָל ערפֿילן איר חוב". דאָס אלגעמיינע און
דירעקטע וואַל=רעכט... „איז נישט נאָר אייער פּאָליטישער פּרינציפּ,
נאָר עס איז אויך אייער סאָציאַלער גרונט=פּרינציפּ, די גרונט=באַדינ=
גונג פון יעדער סאָציאַלער הילף". די ארבעטער דאַרפֿן זיך דעריבער
אָרגאַניזירן אין איין אַלגעמיינעם דייטשן ארבעטער=פֿאַריין, וועלכער
זאָל זיך שטעלן פאר א ציל איינצופֿירן דאָס אלגעמיינע און דירעקטע

וואָל=רעכֿט אין אַלע טיילן פֿון דייטשלאַנד. ווען 89 ביז 96 פּראָצ. באַפֿעלקערונג וועלן באַנעמען די דאָזיקע פֿאָדערונג ווי אַ מאָגן=פֿראַגע, און זי וועט טאַקע מיט אַ מאָגן=וואַרעמקייט זיך פֿאַרשפּרייטן איבערן גוף פֿון דער גאַנצער נאַציע — וועט קיין מאַכט אין דער וועלט נישט קאָנען לאַנג ביישטיין קעגן אַזאַ פֿאָדערונג. „די גאַנצע קונסט פֿון פּראַקטישן ערפֿאָלג באַשטייט דערין, אַז מען זאָל צו יעדער צייט קאָנצענטרירן די גאַנצע קראַפֿט אויף איין פּונקט — אויפֿן וויכטיקסטן פּונקט — און זיך דערביי נישט אומקוקן נישט אויף רעכטס נישט אויף לינקס. קוקט נישט נישט אויף רעכטס נישט אויף לינקס, זייט טויב פֿאַר אַלץ, אַ חוץ אַלגעמיינעם און דירעקטן וואָל=רעכֿט אָדער דאָס, וואָס געפֿינט זיך מיט אים אין אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג און קאָן פֿירן צו אים“.

אָט דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן, גאָר בקיצור, דער געדאַנקען=אינהאַלט פֿון דער „אָפֿענער תּשובֿה“ און פֿון לאַסאַלס אַגיטאַציע בכלל. דאָס דאָזיקע פּראָגראַם האָט, נאַטירלעך, נישט אויסגעשעפּט לאַסאַלס שטרעבונגען, אָבער ער האָט זיך פֿעסט געהאַלטן אָן דעם, אַז די באַוועגונג דאַרף זיך באַשרענקען אויף דעם איינעם לאָזונג: „אַלגעמיין וואָל=רעכט, כּדי צו דערשלאָגן זיך מלוכה=הילף פֿאַר די פּראָדוציר=גענאָסנשאַפֿטן“, אַרויסגייענדיק טאַקע דערפֿון, אַז די קונסט פֿון פּראַקטישן ערפֿאָלג פֿאָדערט, מען זאָל אין יעדן מאָמענט קאָנצענטרירן אַלע כּוחות נאָר אויף איין פּונקט. דאָס מוז מען כּסדר האָבן אין אויג, אויב מען וויל צוגיין מיט אַ ריכטיקן מאַסשטאַב צו לאַסאַלס אַגיטאַטאָרישער טעטיקייט. זי איז געווען אויסגערעכֿנט, לכּחות אין איר אָנהויב, אויף דעם אוממיטלבאַרן פּראַקטישן ערפֿאָלג, לאַסאַל אַליין פֿאַררופֿט זיך אין זיין „אָפֿענער תּשובֿה“ אויסדריקלעך אויף דער אַגיטאַציע און ערפֿאָלג פֿון דער קאָרן=צאָל=ליגע אין ענגלאַנד; און פֿאַר אַ מוסטער האָט ער מסתּמא אויך געהאַלטן די אַגיטאַציע פֿון די ענגלישע טשאַרטיסטן; דאָס לאָזט זיך דרינגען פֿון זיינע שורות וועגן דער „מאָגן=פֿראַגע“, וועלכע דערמאָנען אָן די ווערטער פֿונם טשאַרטיסט סטעפֿען: „דער טשאַרטיזם, מיינע פֿריינט, איז נישט קיין פּאָליטישע פֿראַגע, נאָר אַ מעסער=און גאָפּל=פֿראַגע“.

אויב מיר וועלן זיך איצט פֿרעגן, צי האָט אַזאַ אַגיטאַציע ביים דעמאָלטיקן צושטאַנד אין דייטשלאַנד איבערהויפּט געקאָנט האָבן אויסזיכטן אויף תּיכּפֿדיקן פּראַקטישן ערפֿאָלג, — מיין איך, אַז אויף

אָט דער פראַגע מוז מען אומבאַדינגט ענטפערן: יאָ. און ניט דאָס איז פאַר מיר מאסגעבנד, וואָס ביסמאַרק האָט שפּעטער ווירקלעך איינגעפירט דאָס אַלגעמיינע וואַל=רעכט, כאָטש נאָר צום צפון=דייטשן רייכסטאַג. דאָס וואָלט געמעגט צוליב פאַרשיידענע אומשטאַנדן ניט געשען — לאַסאַלס אויסרעכענונג וואָלט דאָך געבליבן די ריכטיקע. לאַסאַלס קאַלקולאַציע האָט אַנטשפּראָכן דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער סיטואַציע, כאָטש אַפילו דאָס דריי=קלאַסן=וואַל=סיסטעם צום פּרייסישן לאַנדטאַג איז נישט געוואָרן אָפּגעשאַפט. לאַסאַל האָט גאַנץ גענוי געוווסט, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַל=רעכט האָט אַסך קעגנער אין די רייען פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי, ער האָט אָבער אויך געוווסט, אַז אין די רעגירונגס=קרייזן קוקט מען אַלץ מער קרום אויף דעם דריי=קלאַסן=סיסטעם. די רעגירונגס=פּרעסע האָט כמעט אָפן גערעדט וועגן דעם, און דערצו האָט לאַסאַל געהאַט גענויע פאַרבינדונגען און איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע שטרעמונגען אין די הויף=קרייזן. וועט די רעגירונג נישט וועלן נאָכגעבן אינם קאָנסטיטוציע=קאָנפליקט, וועט פאַר איר בלייבן נאָר איין אויסוועג — אויב נישט רעכענען קיין אויסערלעכע מלחמה, וועלכע קאָן זיך ענדיקן שלעכט אויך —: נאָכטאָן נאַפּאָלעאָן דער דריטן; פאַנאַנדערלאָזן דעם לאַנדטאַג און פּראָקלאַמירן אַן אַנדער וואַל=סיסטעם, אַ „דעמאָקראַטישערס". נאָך מער האָט זי געשטויסן אויף דעם וועג דאָס, וואָס אין לאַנד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר דער אָפּשאַפונג פונם דריי=קלאַסן=וואַל=סיסטעם, גאַנץ אומאָפּהענגיק פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. און אַזוי ווי צו דער צייט איז געווען נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון אַ מלחמה, האָט דער וועג אַוודאי געמוזט אויסזען ווי דער בעסטער, כדי אין דעם פאַל נישט צו האָבן קעגן זיך דאָס גאַנצע פאָלק פיינטלעך געשטימט.*)

*) מיר האָבן אויבן געזען, ביים „איטאַליענישן קריג", מיט אַ מין קאַלטן בליק, וואָס פּאַסט זיך גאָר נישט פאַר אַ „גוטן פּאַטריאָט", לאַסאַל האָט באַטראַכט די ווירקונג פון אויסערלעכע קאָמפּליקאַציעס אויף דער אינערער פּאָליטיק. אין דעם פּרט איז אויך זייער אינטערעסאַנט איינע אַ שטעל אין „וואָס ווייטער?", וווּ לאַסאַל אַנט=וויקלט זיינעם אַ פאָרשלאַג, האַלטנדיק, אַז נאָר איינע פון די צוויי לייזונגען איז מעג=

אַלזאָ, פון שטאַנדפּונקט פון אוממיטלבאַרן פּראַקטישן ערפאָלג איז לאסאל בלי ספק געווען גערעכט. ס'איז גרייליך מעגלעך געווען, מען זאָל אויף אַזאַ אופן זיך דערשלאָגן דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט. אַלנפאַלס, די רעגירונג וואָלט די רעפאָרם איינגעפירט, כדי

---

לעך: אָדער מלוכה־איבערקערעניש, אָדער רעוואָלוציע, אַנחייזנדיק, אַז זיין פאָרשלאַג וואָלט שטאַרק אונטערגעגראָבן פּרייסנס אויסערלעכן דיפּלאָמאַטישן מעמד, שרייבט לאַסאַל ווייטער:

„זאָל קיינער פון אייך, מיינע הערן, נישט מיינען, אַז דאָס איז אומפּאַטריאָטיש. דער פּאָליטיקער דאַרף, פּינקט ווי דער נאַטור־פאָרשער, באַטראַכטן אַלץ וואָס עס איז פאַראַן, און אָפּשאַצן אַלע ווירקנדיקע קרעפטן. דער אַנטאַגאָניזם צווישן די באַזונדערע מלוכות, דער קעגנזאַץ, די קנאה, דער קאָנפליקט און די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען — דאָס אַלץ איז אַ ווירקנדיקער כוח און דערום מוז עס, גוט צי שלעכט, גענומען ווערן אין באַטראַכט. אָבער, מיינע הערן, ווי אָפט איז מיר אויסגעקומען באַ היסטאָרישע פאָרשונגען צו איבערצייגן זיך, אַז מיר און די גאַנצע וועלט וואָלטן נאָך איצט געשטאַנען אויף אַ גאָר נידעריקער מדרגה פון באַרבאַריי, ווען נישט די קנאה און דער קעגנזאַץ צווישן די רעגירונגען, וואָס טרייבט און צווינגט זיי צו פאָרשריט אין איבערלעבן לעבן! און, מיינע הערן, די עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד איז גאָרנישט אַזאַ „אידעלע“, אַז די מפּלה פון אירע רעגירונגען זאָל זיין אַ סכנה אויף פאַרן קיום פון דער נאַציע. אויב איר וועט געטריי און מיט איבערן פאַרשטאַנד באַטראַכטן די געשיכטע, וועט איר זען, אַז די קולטור־לייסטונגען פון אונזער פאָלק זענען אַזוי ריזיק גרויס, אַזוי וועג־ווייזעריש און באַלערנדיק פאַר גאַנץ אייראָפּע, אַז יעדע מורא פאַר אונזער ווייטערדיקער עקזיסטענץ איז אויסגעשלאָסן. ווען מיר פאַרמישט ווערן אין אַ גרויסן אויסערלעכן קריג, קאָנען אין אים אפשר אומקומען אונזערע איינצלנע רעגירונגען, די זאַקסישע, פּרייסישע, בייערישע, אָבער פונם אש פון זייער חורבן וועט ווי אַ פעניקס אָן שאָדן זיך דערהויבן דאָס, וואָס איז פאַר אונז אַלעמען דער עיקר — דאָס דייטשע פאָלק!“

אין די שורות איז דאָ זייער פיל אמת, דאָך דאַרף מען צוויי זאַכן נישט פאַרגעסן. ערשטנס, אויב די מלחמה = קנאה צווישן רעגירונגען קאָן זיין און איז אָפט טאַקע געווען אַ פאַקטאָר פון פּראָגרעס, קאָן זי פונדעסטוועגן ווירקן פאַרקערט אויך, און זיין אַ מניעה פאַרן פּראָגרעס, ווי דאָס איז אויך אָפט געווען דער פאַל, ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם היינטיקן מיליטאַריזם מיט זיינע צוויי געזיכטן. צווייטנס, קיין שום אויסערע מלחמה קאָן טאַקע נישט אומברענגען אַ גרויס קולטור־פאָלק — אָבער שאָדן, און זייער גרויסן, קאָן זי אים יאָ ברענגען, אַזוי אַז אַ מלחמה קאָן מען און דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אָבער נישט ספּעקולירן אויף איר. אין דעם דערמאָנטן ביישפּיל טוט לאַסאַל דאָס ערשטע, אָבער די שלום־ווערטער ווי אויך זיינע בריוו ווייזן, אַז ער איז נישט גאָר פריי געווען אויך פון ספּעקולאַציע־טענדענצן אין דער פראַגע. אגב, איז דאָס זייער אַ פאַרשפּרייטע טענדענץ, און דעריבער טאַקע דאַרף זי ענערגיש באַקעמפט ווערן.

ניט נאָכצוגעבן די פראָגרעסיסטן, אָבער דער קאָנסטיטוציע־קאָנפליקט וואָלט דורך דעם אויך באַקומען א שטויס פאָרויס. אין דער אָפּע־נער תשובה לייענען מיר בפירוש: „זייט טויב פאַר אַלץ, אַ חוץ אַלגעמיינעם און דירעקטן וואַל־רעכט, אָדער וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם רעכט אָדער קאָן פירן צו אים". וועט נאר דערגרייכט ווערן דאס אַלגעמיינע וואַל־רעכט, וועט שוין די פראגע פונם קאָנ־סטיטוציע־קאָנפליקט דורכדעם גופא אויך געלייזט ווערן — לאסאל טייטשט עס ניט אויס אויסדריקלעך, אָבער ס'איז קלאָר, אז דאס איז פאר אים א לאגישע פאַר־הנחה. צי זענען אבער געווען באַרעכטיקט אלע האפענונגען — און די דערמאנטע בתוכם — וועלכע לאסאל האט פארבונדן מיטן אלגעמיינעם וואל־רעכט?

ערפארונג אין דעם פרט איז צו לאסאלס צייט געווען נאר אין איין פראנקרייך. און די ערפאַרונג איז גראָד געווען ניט גאר קיין גינסטיקע פאַר לאסאלס געדאנקען־גאַנג. אמת, בעת דער פעברואר־רע־פובליק זענען א דאנק דעם אַלגעמיינעם וואל־רעכט אריין א רייע סאציאַליסטן אין דער פאלקס־פארזאַמלונג, אבער זיי זענען בטל גע־ווארן בששים צווישן די איבעריקע פארטרעטער פון די פארשיידענע בורזשואזע פארטייען; דאס אלגעמיינע וואל־רעכט האט אויף א האָר ניט געשטערט באנאפארטן אין זיין קו ד'עטא (מלוכה־איבערקערעניש), פארקערט ער האט עס נאך אויסגענוצט פאר זיין ציל, און איז אויפגעטראטן אלס „ווידער־אויפשטעלער פון אלגעמיינעם וואל־רעכט". דערביי דארף מען נאך געדענקען, אז די פעברואר־רעפובליק איז גע־ווען א בונד פון פאריזער פראלעטאריאט און איז לכתחילה פראקלא־מירט געווארן אַלס סאציאלע רעפובליק; זי האָט געהאט הינטער זיך א גאנצע תקופה פון אויסגעצייכנטער ברייטער סאציאליסטישער פרא־פאגאנדע, אזוי אז ס'האט זיך געקאנט דאַכטן, אז מיט דער צייט וועט אט די רעפובליק ווירקלעך פארוואנדלט ווערן אין א סאציא־ליסטישע. פארוואס־זשע איז זי עס ניט געווארן? פאַרוואס האט עס אזוי פאסירט, אז זי איז גאר אומגעקומען פון באנאפארטס האַנט?

צום סוף פון זיין „אַרבעטער־פּראָגראַם" זאָגט לאַסאַל, אַז אין דער איבערקערעניש פון 2־טן דעצעמבער 1851 איז אומגעקומען „ניט די רעפובליק", נאָר די בורזשואַזע רעפובליק, וועלכע האָט מיט איר וואַל־געזעץ פון מאי 1850 פאקטיש אפגעשאפט דאס אַל־געמיינע וואַל־רעכט און האט איינגעפירט, כדי אויסצושליסן די אַרבעטער,

אַ פאַרמאַסקירטן צענז; אַ רעפובליק אָבער פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט וואָלט נישט אומגעקומען — „די ברוסט פון די פראַנצויזישע אַרבעטער וואָלט געווען די צוים, וועלכע מען קאָן נישט אַריבערשפרינגען". לאַסאַל חזרט דאָ איבער דאָס שלאָגוואָרט פון די קליינבירגערלעכע רעוואָלוציאָנערן אַ לאַ לעדרי-ראָלען; די פראַגע ווערט דורכדעם נישט פאַרענטפערט, נאָר איבערגערוקט. וואָרים ווי איז געווען אָט דער „אומבאַזיגבאַרער צוים" בעת דער פאַרלאַמענט, געקליבן אויפן גרונד פון אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, האָט אַליין אָט דאָס וואַל-רעכט אָפגעשאַפט? פאַרוואָס האָבן די פאַריזער אַרבעטער דערלאָזט די בורזשואַזיע צו מאַכן אַזאַ „איבערקערעניש"?

וואָלט זיך לאַסאַל געווען פאַרגעבן אַזאַ פראַגע, וואָלט ער לייכט געקומען צום אויספיר, אַז די פעברואַר-רעפובליק, טאַקע אַלס סאָציאַלע רעפובליק, האָט נישט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן דערפאַר, וואָס דער קלאַס, אויף וועלכן זי האָט זיך געשטיצט, איז נאָך נישט געווען גענוג אַנטוויקלט, ד. ה. נישט אַנטוויקלט גענוג אין סאָציאַלן זין פון דעם וואָרט. דער מאָדערנער אינדוסטריעלער פראָלעטאַריאַט איז שוין דעמאָלט געווען, און ער איז שוין געווען גענוג שטאַרק, כדי אויף אַ צייט אומצוּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, אָבער ער האָט נאָך נישט פאַרמאָגט דעם נויטיקן כח, כדי נישט דערלאָזן די אָרדנונג זאָל זיך צוריק אויפהויבן. מיר האָבן דאָ ווידער צו טאָן מיטן זעלבן פעלער פון לאַסאַלס אַרט דענקען. אפילו דאָרט ווו ער באַמיט זיך אויפצודעקן די טיפערע סיבות פון די געשיכטלעכע פאַסירונגען שטערט אים זיין יוריסטישער אופן פון דענקען איינצוזען די סאָציאַלע זייט זייערע, און דאָס עקאָנאָמישע דערבליקט ער אויך ערשט דאַן, ווען עס פיגורירט שוין אין אַ יורידישן לבוש. ווען ער וויל אויפקלערן די אַרבעטער, פון וועלכע עלעמענטן עס שטעלט זיך צונויף די באַפעלקערונג פון דער מלוכה, באַנוצט ער זיך אויסשליסלעך מיט דער סטאַטיסטיק פון דער הכנסה-פאַרטיילונג. דער שטרייט, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרקניפט אַרום אָט דער שטעל פון דער „אָפענער תשובה", האָט גראָד אַ קנאַפן ווערט. אויב אפילו לאַסאַל האָט אַ טעות געהאַט אויף אַ געוויסן פראָצענט אין דער אָדער יענער זייט, האָט עס ווייניק וואָס צו זאָגן בנוגע דעם גרונט-פאַקט, אַז די גרויסע מאַסע באַפעלקערונג לעבט אין דחקות און נויט, און נאָר אַ קליינער מיעוט לעבט אין רחבות: אָט דעם פאַקט האָבן לאַ-

סאלס קעגנער נישט געקאנט פארלייקענען, בא אלע זייערע געקינ=
צלטע סברות און חקירות. א סך וויכטיקער איז דאס, וואס לאסאל
נעמט נישט אין באטראכט, אז אט די 96 אדער 89 פראצענט פון
דער באפעלקערונג, וועלכע בילדן לויט זיין אויסדרוק די „גרויסע
אסאציאציע", וואס הייסט מלוכה, באשטייען אליין פון זייער פארשיי=
דנארטיקע עלעמענטן. ער ווייזט לחלוטין נישט אן, וואסער טייל
בילדן דערפון די קליינע בעלי=מלאכות און די קליין=פויערן, אדער
די לאנד=ארבעטער, וועלכע געפונען זיך נאך מייסטנס אונטער דער
גייסטיקער אפיטרופסות פון זייערע באלעבאטים. העכער א העלפט פון
דער פרייסישער באפעלקערונג איז דעמאלט נאך געווען באשעפטיקט
אין ערד=ארבעט. די גרעסערע שטעט האבן נאך דאן נישט געשפילט
די ראל, וואס זיי שפילן איצט, און פון שטאנדפונקט פון אינדוסט=
ריעלער אנטוויקלונג איז נאך דער גאנצער מזרח געווען א מדבר,
מיט בלויז געציילטע אאזיסן. *)

בא אזא לאגע וואס פאר א שינוים האט דאס אלגעמיינע וואל=
רעכט געקאנט אריינברענגען אינם צוזאמענשטעל פון פארלאמענט?
צי האט דאס געקאנט געבן בעסערע רעזולטאטן, איידער אין פראנק=
רייך אין די יארן 1848 און 1849? זיכער נישט. עס וואלט א געווי=
סע צאל ארבעטער=פארשטייער אריין אין פארלאמענט — און דאס
איז, נאטירלעך, אליין פאר זיך זייער געווונטשן. אבער אפגעזען
דערפון, וואלט דאס אלגעמיינע וואל=רעכט, גראד ווען עס וואלט
געהאט די פעולה, וואס לאסאל האט דערווארט פון אים — ד. ה.
ס'זאל שאפן אזא פאלקס=פארטרעטונג, וועלכע איז „א געטרייע און טריי
בילד פון פאלק, וואס האט זי געוויילט" — געוויס פארערגערט און
נישט פארבעסערט דעם צוזאמענשטעל פון פארלאמענט. ווארים ווי
קלאגנדיק די דעמאלטיקע פאלקס=פארטרעטונג האט נישט אויסגעזען,
איז זי פארט געווען לפחות בירגערלעך=ליבעראל. לאסאל האט פאר=
געסן, אז די ארעמע קלאסן שטעלן טאקע ארויס רעוואלוציאנערע
מחנות בא געוויסע אומשטענדן, אבער זיי זענען נישט אלע און אויס=

*) אויף 3.428.457 באשעפטיקטע אין דער לאנדווירטשאפט אין פרייסן איז דאן
געווען נישט מער ווי 766.180 באשעפטיקטע אין דער פאבריק=אינדוסטריע, שוין צוזאמען
מיט די געשעפטס=פארוואלטער און באאמטע.

נאַם קיין רעוואָלוציאָנערע קלאַסן, ער האָט פאַרגעסן, אַז נאָר אַ קליינער טייל פון די 89 פּראָצענט באַשטייט פון מאָדערנע פּראָלעטאַריער.

עס קומט אַלזאָ אויס, אַז אויב אפילו מען האָט געקאָנט דערגרייכן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט, איז נאָך ווייט נישט געדרונגען, אַז עס וואָלט געמוזט ווען ס'נישט איז פירן צו דעם ציל, פאַר וועלכן עס איז אַליין נאָר אַ מיטל. בײַ דער געגעבענער נידעריקער שטופע פון פאָליטישער און אַנדערער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער מאַסע, קאָן דאָס וואַל-רעכט געבן גראָד אַ היפּוכדיקן רעזולטאַט: עס קאָן גרייכן פאַרגרעסערן די צאָל רעאַקציאָנערן אין פּאַרלאַמענט. נישט אַלע פּראָגרעסיסטן זענען געווען קעגנער אָדער שוואַכע חסידים פון אַלגעמיינעם שטימרעכט צוליב זייערע קלאַסן-אינטערעסן; עס איז געווען צווישן זיי אַ היפּשע צאָל אידעאָלאָגן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו דעם וואַל-רעכט אונטערן איינדרוק פון די פּאַסירונגען אין פראַנקרייך. אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן אויך אַזוי געדענקט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען ראָדבערטוסן, וועלכער האָט טאַקע אין זיין אָפענעם בריוו צום לייפּציקער קאָמיטעט אָנגעוויזן אויפן ביישפּיל מיט פראַנקרייך, ווי אויף אַ באַווייז, אַז דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט „גיט נאָך נישט איבער אויף געוויס די מלוכה-מאַכט דעם אַרבעטער-קלאַס אין די הענט“. מען זאָגט, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט איז נאָר אַ מיטל צום צוועק — מיטלען „קאָן מען אָבער געברויכן פאַר פאַרשיידענע און צומאָל פאַר קעגנזעצלעכע צוועקן“. „צי זייט איר זיכער — פרעגט ער — אַז אין דעם פאַל וועט דאָס מיטל מיט אייזערנער נויטווענדיקייט פירן פונקט צו דעם ציל, וואָס איר האָט זיך געשטעלט? איך גלויב דערין נישט“. פון לאַסאַלס בריוו צו ראָדבערטוסן זעט מען טאַקע, אַז ראָדבערטוס איז נישט צוגעשטאַנען צום אַלגעמיינעם דייטשישן אַרבעטער-פאַריין נישט נאָר מחמת זיין נעגאַטיווער שטעלונג צו די פּראָדוציר-גענאָסנשאַפטן, נאָר נאָך מער, ווייל ער האָט נישט געגלויבט אין דעם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט. וויפיל לאַסאַל האָט אים נישט געבעטן אַריינצוטרעטן אין פאַריין, האָט ער דאָס נישט געקאָנט פועלן בײַ אים. *)

*) לכתחילה איז אין ראָדבערטוס „אָפענעם בריוו“ אַזוי געשטאַנען: „און איך חזר איבער, אַז אויך פון די פּראָדוציר-פאַריינען ערוואַרט איך נישט דאָס מינדסטע פאַר דעם,

מען מעג זיין וואָסער אַ מיינונג וועגן ראָדבערטוסן, אָבער אין דעם פאַל זענען זיינע מאָטיוון זייער קלאָר: צום סוף בריוו עצהט ער די אַרבעטער, זיי זאָלן איינשליסן אין זייער פּראָגראַם די פאָדערונגען פון באַוועגונגס=פרייהייט און באַרוף=פרייהייט, כאָטש לאַסאַל איז גערעכט, אַז אַזעלכע פראַגן דאַרף מען גאָר מער נישט דעבאַטירן, נאָר „כדי צו פאַריאָגן יעדן רעאַקציאָנער, וועלכער וואָלט אייך געקאָנט שאָדן ברענגען".

ראדבערטוס און אַנדערע האָבן אפשר צופיל איבערגעטריבן די געפאַר פון באָנאַפּאַרטיזם, דערפאַר אָבער האָט לאַסאַל שוין צו לייכט זיך באַצויגן צו אָט דער געפאַר. וואַקלעניש, וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן אין דער הינזיכט, זענען פון לכתחלה אָן געווען אין זיין אידעען=גאַנג. אין דעם פרט איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיקע שטעל פון זיין בריוו צו מאַרקסן איבער דעם איטאַליענישן קריג, פון 20=טן יוני 1859. אין דעם בריוו שרייבט ער:

„אין אָנהויב, ווען דער נאַציאָנאַלער געטומל פאַר אַ מלחמה מיט פראַנקרייך איז געווען אַזוי שטאַרק, האָט די „פאָלקסצייטונג" (איר רעדאַקטאָר איז בערנשטיין, פאַר מיר אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער) געשריבן אין אַ טריומפירנדיקן לייט=אַרטיקל: „וויל מען וויסן, וואָס באַדייט אָט דער געשריי פון אַלע פעלקער קעגן פראַנקרייך? וויל מען זיין וועלט=היסטאָרישע באַדייטונג וויסן? דער געשריי באַדייט די באַפרייונג פון דייטשלאַנד פון דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון פראַנקרייך". צי דאַרף איך דערנאָך אויסטייטשן דעם אוררעאַקציאָנערן אינהאַלט פון אָט דעם טריומף=געשריי? איך גלויב, אַז נישט! אַ פּאָפּולערע מלחמה קעגן פראַנקרייך הייסט, אַז אונזערע קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן, אונזערע דעצענטראַליסטן, די פיינט פון יעדער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, געווינען אַ אומגעהייערן קראַפט=צוואַקס אויף אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. די ווירקונג פון אָט דער שטרעמונג וואָלט זיך

---

וואָס מען רופט לעזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע". אויף לאַסאַלס פאַרלאַנג זענען אָבער די דאָזיקע שורות ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון דרוק, ווייל אין בריוו איז שוין דאָס זעלבע געזאָגט פריער, און די שאַרפע פאָרם פון די שורות „קאָן נאָר אָפּשוואַכן דעם מוט פון די אַרבעטער, ווען זיי וועלן דערזען אַזוינע שאַרפע חלוקי=דעות בא זייערע פירער". (לאַסאַלס בריוו צו ראדבערטוסן פון 22 אפּריל 1863).

געלאָזט פילן ביזן אויסברוך פון דער דייטשער רעוואָלוציע, און דערנאָך נאָך אויך. מיר האָבן באמת נישט נויטיק צו פאַרשטאַרקן נאָך אָט דעם געפערלעכסטן שונא אונזערן, דעם דייטשישן קליינביר־גערלעכן אינדיווידואַליזם, דורך אַ בלויזן צוזאַמענשטויס מיט דעם ראָמאַניש־סאָציאַלן גייסט אין זיין קלאַסישער פאָרם, מיט פראַנקרייך".

אַזוי שרייבט לאַסאַל. דער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון „פאָלקסצייטונג" האָט בלי ספק פאַרדינט דעם טיטל, מיט וועלכן לאַ־סאַל באַקרוינט אים, אָבער וויניקער פון אַלץ פאַר דער געבראַכטער באַ לאַסאַלן ציטאַטע. צו יענער צייט האָט אין דער פאָליטישער אַנט־וויקלונג פון פראַנקרייך געהערשט דער באָנאַפּאַרטיזם, בעת די פאַרטיי פון „פאָלקסצייטונג" האָט זיך פאָליטיש אָריענטירט אויף ענגלאַנד. דאָס איז געווען אפשר איינזייטיק, אָבער נישט רעאַקציאָנער, אָדער גאָר אויף אַזוי פיל רעאַקציאָנער, אויף וויפיל דאָס איז געווען איינ־זייטיק. לאַסאַלס אויפפאַסונג איז אָבער אויך געווען נישט וויניקער איינזייטיק: דער מלוכה־צענטראַליזם פון פראַנקרייך איז פאַר אים געווען אַ פּראָדוקט פונם „ראָמאַניש־סאָציאַלן" גייסט, ער האָט אים אַפילו אידענטיפיצירט מיטן גרונט־געדאַנק פון סאָציאַליזם, און פאַר־קערט די רעאַקציאָנערע זייטן פון אָט דעם צענטראַליזם האָט ער נישט גענומען אין אַכט.

ביז אַהער האָבן מיר גערעדט אַלץ וועגן דער פאָליטישער זייט פון לאַסאַלס פּראָגראַם, איצט וועלן מיר איבערגיין צו עקאָנאָמישן אינהאַלט.

# VII

# דער עקאַנאַמישער אינהאַלט פון דער אפענער תשובה

## דאָס אייזערנע לוין-געזעץ און די פּריוואַט-גענאָסנשאַפטן מיט מלוכה־קרעדיט.

דאָס לוין־געזעץ, אויף וועלכן לאַסאַל האָט זיך פאַררופן, און וועלכן ער האָט געגעבן דעם צונאָמען „אייזערנער", האָט אַנטשפּראָ־

כן — ווי איך האָב דאָס דערוויזן שוין אויף אַן אַנדער אָרט*) — אַ באַ־שטימטן פּראָדוקציאָנס־מעטאָד — דער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע — און דעם מיט א.ם פאַרבונדענעם געזעלשאַפט־צושטאַנד; עס איז אָבער שווער צו רעדן וועגן דעם געזעץ, אויב מיר האָבן אין זינען די איצטיקע געזעלשאַפט מיט איר מאָדערנער אינדוסטריע, מיט אַנט־וויקלטע פאַרקער־מיטלען, מיטן שנעלן וועקסל פון קריזיס און בליונג, מיט דער שנעל־וואַקסנדיקער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט א. ד. ג. ווייטער דאָס אייזערנע געזעץ האָט אין זיין יסוד די הנחה, אַז אויפן אַרבעט־מאַרק הערשט דער אבסאָלוט־פרייער אָנבאָט און נאָכ־פרעג — די הנחה פאַלט אָבער איצט, ווען די אַרבעטער טרעטן אויף קעגן די אונטערנעמער אַלס אָרגאַניזירטער קלאַס, און די מלוכה, ד. ה. די געזעצגעבונג, האט אויך עפּעס וואס צו זאגן באַם רעגולירן די אַרבעט־פאַרהעלטענישן. אויב אַלזאָ די ליבעראַלן האָבן פאָרגע־האַלטן לאַסאַלן, אַז זיין לוין־געזעץ איז שוין פאַרעלטערט, זענען זיי ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. אָבער טאַקע נאָר „ניט אינ־גאַנצן". וויל אָט די ליבעראַלע לייט האָבן אַליין געמאַכט נאָך אַ סך שווערערע טעותן, ווי לאַסאַל.

לאַסאַל האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויפן אייזערנעם כאַראַק־טער פונם לוין־געזעץ, וויל אים האָט זיך געדאַכט, אַז דערמיט דער־לאַנגט ער דעם שטאַרקסטן קלאַפּ דער היינטיקער אָרדנונג, וויבאַלד ער דערוויזט, אַז באַ קיינע אומשטענדן באַקומט ניט דער אַרבע־טער די גאַנצע הכנסה פון זיין אַרבעט, דעם פולן ווערט פון די פּראָדוקטן, וואס ער ארבעט אויס. ער האט צוגעגעבן דער פראַגע אַ יורידיש־רעכטלעכן כאַראַקטער, און אין דער אגיטאַציע האט דאס טאקע געהאַט זייער אַ גרויסע פעולה. אבער אין עצם גענומען, האט ער דערמיט לחלוטין ניט געטראָפן אין שורש פון דער זאַך. דעם פולן ווערט פון זיין אַרבעט האט דער ארבעטער באַ די פריערדיקע פּראָדוקציאָנס־פארמען אויך ניט באקומען; און אויב ס'איז טאַקע אַן „אייזערנער" געזעץ, אז דער לוין קאן ניט פאַלן אויף לאנג נידע־

---

*) „ניע צייט", יאָרגאַנג 1891 — 1890: „צו דער פראגע פון אייזערנעם לוין־געזעץ". די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג האָב איך שפּעטער איינגעשלאָסן אין בוך „צו דער טעאָריע פון לוין־געזעץ און אַנדערע פראַגן" (ערשטער טייל פון זאמל־בוך „צו דער טעאָריע און געשיכטע פון סאָציאַליזם", בערלין, פערד. דימלער.)

ריקער פון אַ געוויסן מינימום, און דער מינימום גופא — ווי לאסאל
גיט בפירוש צו — האט אַ טענדענץ צו הויבן זיך (אמת לאַנגזאַם,
אָבער דאָך פאַרגרעסערט ער זיך) — טאָ פֿון וואַנען זשע איז געדרונ=
גען טאַקע, אַז די מלוכה איז מחויב זיך אַריינצומישן, ווי לאסאל
וויל דאָס.

ערשט שפּעטער האט לאסאל, — און כמעט ווי אגב אורחא —
אָנגעוויזן גראָד אויף די וויכטיקסטע זייטן פֿון אָט דער פראגע.
וויכטיק איז נישט בלויז דאָס, וואס דער ארבעטער באַקומט נאר אַ
טייל פֿונם אויסגעאַרבעטן דורך אים פּראָדוקט; אַ סך וויכטיקער איז,
וואָס די עקזיסטענץ פֿונם ארבעטער אפילו בײַ דעם פאַרקלענערטן
לוין איז אויך נישט געזיכערט: ער איז כסדר אָפּהענגיק פֿונם אומ=
אויפהערלעכן וועקסל פון דער סיטואַציע אויפן וועלט=מאַרק, פון די
שטענדיקע אומענדערונגען אין דער אינדוסטריע און אין די אָפּזאַץ=
פֿאַרהעלטענישן; עס באַשטייט אַ גוואַלטיקער קעגנזאַץ צווישן כאַראַק=
טער פון דער פּראָדוקציע, וואס ווערט אַלץ מער פאַרגעזעלשאַפט=
לעכט, און צווישן איר פאַרוואַלטונג, וואָס בלייבט אנארכיש; און
דערבײַ ווערט פֿאַרן ארבעטער, דעם יחיד, אַלץ שווערער צו ראַנג=
לען זיך מיט דער טאָפּעלער אָפּהענגיקייט: אי פונם אונטערנעמער
אי פון די אַנטוויקלונגס=שפּרונגען פֿון דער אינדוסטריע; עס דראָט
אים כסדר די סכנה איבע־געוואָרפן צו ווערן פון איין אַרבעט=געביט
אין אַ צווייטן, אַ ערגערן, אָדער גאר צו פֿאַרבלייבן אָן אַרבעט; אָט
דאס אַלץ מאַכט די לאַגע פֿונם אַרבעטער=קלאַס אַזוי אומדערטרעגלעך
אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, און דערמיט אונטערשיידט זיך
דער מצב צום שלעכטן פון אַלע פריער געוועזענע פּראָדוקציאָנס=פאָר=
מען. די לפנימדיקע פרייהייט מאַכט נאר שווערער נאָך די אָפּהענגי=
קייט פונם אַרבעטער. אָט די אָפּהענגיקייט דריקט ווירקלעך מיט אַ
אייזערנעם כח אויפן אַרבעטער=קלאַס, און מיטן וווקס פונם קאַפּיטאַ=
ליזם ווערט דער דאזיקער דרוק אַלץ שטארקער. פֿארקערט, די הויך
פון די לוינען איז היינט זייער פֿארשיידן אין פארשיידענע אינדוסטריע=
צווייגן: אין די איינע האָבן מיר פֿאַר זיך ממש הונגער=לוינען, אין
די אנדערע אָבער טרעפֿן מיר לוינען, וועלכע זיכערן אַ געוויסן
וווילשטאנד; דער גראַד פון עקספּלואטאציע איז איצט דעריבער אויך
זייער נישט גלייך, אמאָל איז ער העכער און אמאל איז ער נידערי=
קער, איידער אין די פריערדיקע פּראָדוקציאָנס=עפּאָכן. סײַ דער

לוין, סיי דער גראַד פון עקספּלואַטאַציע הענגען איצט אָפּ פון זייער פיל פאַקטאָרן, און זיי זענען צומאָל ניט גלייך אפילו אין איין און דערזעלבער אינדוסטריע. סטאַבול איז נאָר די טענדענץ פון קאַפּיטאַל שטענדיק צו פאַרגרעסערן די מאָס פון עקספּלואַטאַציע, שטענדיק אויסצופּרעסן פון דעם אַרבעטער אויף דעם אָדער יענעם אופן וואָס מער אַרבעט.

לאַסאַל האָט זיך טועה געווען בנוגע דער הויפּט־סיבה פון די ליידן פון אַרבעטער־קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ זאַך, וואָס איז גאָר ניט דער כאַראַקטער־צייכן פונם איצטיקן פּראָדוקציאָנס־סדר—ווייל, ווי געזאָגט, האָט דער אַרבעטער קיינמאָל ניט באַקומען דעם גאַנצן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט—און דעריבער איז שוין ממילא זיין הילף־מיטל אויך אַרויסגעקומען אַ פאַרפעלטער: עס ווערט איגנאָרירט, אָדער עס ווערט אַלנפאַלס ניט דערשאַצט די קראַפט און פאַרנעם פון די געזעצן פון דער איצטיקער סחורה־פּראָדוקציע און זייער ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע ווירקונג אויפן גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן. דאָ מוזן מיר נאָכאַמאָל בענוגע אונטערשיידן צווישן ציל און מיטל בא לאַסאַלן. זיין ציל איז, נאַטירלעך, געווען אָפּצושאַפן די סחורה־פּראָדוקציע, דער וועג זיינער האָט אָבער לחלוטין ניט געפירט צו אָט דעם ציל. זיין ציל איז טאַקע געווען די אָרגאַניזירטע שול־פּראָדוקציע, אַלס מיטל האָט ער אָבער אַרויסגערוקט די אינדיווידועלע אַסאָציאַציע, וועלכע האָט זיך אונטערגעשיידט פון די שולצעשע אַסאָציאַציעס כמעט נאָר דערמיט, וואָס זי האָט געזאָלט פאַרזאָרגט ווערן מיט מלוכה־קרעדיט, מיט מלוכה־מיטלען. דאָס ווייטערדיקע אַלץ, די פאַרבינדונג צווישן די איינצלנע אַסאָציאַציעס א. א. וו. ווערט געלאָזן פאַר די אַסאָציאַציעס גופא, הענגט־אָפּ פון זייער פרייען ווילן—קיין שום באַדינגונגען ווערן פאַר זיי אין דעם פּרט ניט געשטעלט. די ראָל פון דער מלוכה באַשטייט נאָר דערין, וואָס זי דאַרף געבן קרעדיט די אַרבעטער, וואָס ווילן בילדן אַן אַסאָציאַציע.

אין יעדער אינדוסטריע וואָלטן די אַסאָציאַציעס, כּל־זמן זיי געמען נאָך ניט אַרום דעם גאַנצן אינדוסטריע־צווייג איינגאַנצן, געמוזט קאָנקורירן מיט די עקזיסטירנדיקע פּריוואַטע אונטערנעמונגען, און זיי וואָלטן אין זייער טעטיקייט געמוזט זיך ריכטן לויט די תּנאים פון אָט דער קאָנקורענץ. דאָס מוז אָבער אומפאַרמיידלעך

פִירן דערצו, אַז אינם אַסאָציאַציאָנס=וועזן זאָל באַקומען די אויבערהאַנט דער סעפּאַראַטער אינטערעס, יעדע אַסאָציאַציע מוז אָנהויבן שטרעבן צו וואָס אַ גרעסערן ריוח, מעג דאָס זיין אַפילו צום שאָדן פון אַנדערע אַסאָציאַציעס אָדער פון אַנדערע אַרבעט=קאַטעגאָריעס. מיטן קרעדיט פון דער מלוכה אָדער אָן אים, אַלץ איינס בלייבן די אַסאָציאַציעס פּריוואַטע אונטערנעמונגען פון קלענערע אָדער גרעסערע גרופּעס אַרבעטער. אינדיווידועלע נטיות און זכיות, אינדיווידועלע ערפאָלג=שאַנסן מוזן באַ זיי שפּילן די גרעסטע ראָל, און די פראַגע וועגן ריוח און היזק מוז פאַר זיי האָבן דיזעלבע באַדייטונג, וואָס פאַר יעדער אַנדערער פּריוואַט=אונטערנעמונג. לאַסאַל האָט דאָס אַלץ אפשר פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט געגלויבט—שטיצנדיק זיך דערויף, וואָס אין יאָר 1848 איז אין פּאַריז געווען אזאַ שטאַרקער דראַנג צו פּראָדוציר=אַסאָציאַציעס—אַז די אַרבעטער פון די אָדער יענע אינדוסטריע=צווייגן וועלן, ווייניקסטנס אין יעדן אָרט באַזונדער, תיכף אַלע ווי איינער צושטיין צו איין גרויסער אַסאָציאַציע; און שפּעטער האָט ער אין זיין „באַסטיאַ=שולץ" זיך נאָך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז די מלוכה דאַרף אין יעדער שטאָט „געבן קרעדיט נאָר פאַר איין אַסאָציאַציע אין יעדן פאַך, און דער איינטריט אין איר דאַרף בלייבן פריי פאַר אַלע אַרבעטער". אָבער אַפילו אַזעלכע איינהייטלעכע אַסאָציאַציעס, אָרגאַניזירטע אין די גרעניצן פון דער שטאָט, ווערן נאָך אויך נישט פריי פון קאָנקורענץ אין די ראַמען פון גאַנצן לאַנד. כדי צו ווערן זיך קעגן דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ האָבן די אַסאָציאַציעס געזאָלט בילדן אַסעקוראַנץ=און קרעדיט=פאַרבאַנדן—ס'איז אָבער קלאָר ווי דער טאָג, אַז די דאָזיקע אַסעקוראַנץ קאָן נישט האָבן קיין ממשות, אויב נישט צו פאַרשטיין אונטער איר פאַקטיש די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירונג און די נאַציאָנאַלע מאָנאָפּאָליזירונג פון דער גאַנצער אינדוסטריע. וואָרום אין קעגנפאַל מוז די אַסעקוראַנץ=געזעלשאַפט גאָר גיך אויסגעריסן ווערן דורך דער איבערפּראָדוקציע. און א איבערפּראָדוקציע איז אומפאַרמיידלעך, ווײַבאַלד די מלוכה איז מחויב צו „האַלטן פריי" דעם איינטריט אין דער אַסאָציאַציע פאַר אַלע אַרבעטער פון געגעבענעם פאַך. לאסאַל האָט זיך דאָ פאַרפּלאָנטערט אין אַ גרויסן ווידערשפּרוך, געפירט פון זיין סאָציאַליסטישן געוויסן. אין דער אמת'ן „פרייער איינטריט" באַדייט, אַז יעדער אַרבעטער קאָן זיך מעלדן און

מוז אָנגענומען ווערן. אין דער „אָפענער תשובה" האָט לאַזאַל פאָרגעשטעלט די זאַך אַזוי, אַז די אַסאָציאַציעס בלייבן לגמרי אומאָפּהייגיק פון דער מלוכה. די לעצטע האָט נאָר דאָס רעכט פון קאָנטראָל, כדי צו וואָרענען אירע מיטלען, און פון באַשטעטיקן די סטאַטוטן. די דערמאָנטע פאַרפליכטונג — דער פרייער איינטריט — פאַרוואַנדלט אָבער די אַסאָציאַציעס אין עפענטלעכע, ד. ה. פאַקטיש אין מלוכה-אינסטיטוציעס. אָט דער אינערלעכער ווידערשפרוך אַליין וואָלט געמוזט פירן די אַסאָציאַציעס צו זַ אומפאַרמיידלעכן חורבן.

די לאַסאַלעשע אַסאָציאַציעס באַהאַלטן אין זיך חוץ דעם נאָך אַ סתירה. כל זמן די אַסאָציאַציעס נעמען אַרום נאָר אַ טייל פון אַלע באַשעפטיקטע אין דעם אָדער יענעם פאַך, פאַלן זיי אַרונטער אונטער די צוואַנג-געזעצן פון קאָנקורענץ, בפרט נאָך, אַז לאַסאַל האָט קודם כל געהאַט אין אויג די פאַכן פון גרויסער פאַבריק-פּראָדוקציע, וועלכע מוזן אָנקומען צום גרויסן וועלט-מאַרק. מיט קאָנקורענץ איז אָבער תמיד פאַרבונדן געשעפטלעכע ריזיקע; דער אונטערנעמער, — אַלץ איינס צי דאָס איז אַ יחיד, צי אַ אַקציאָן-חברה, צי אַן אַסאָציאַציע — מוז זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט, אַז זיין סחורה קאָן אויף אַ צייט אַרויסגעוואָרפן ווערן פון מאַרק, ד. ה. זי קאָן צייטווייליק ווערן אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעך נישט נויטיקער אַרבעט. קאָנקורענץ און איבערפּראָדוקציע, קאָנקורענץ און סטאַגנאַציע, קאָנקורענץ און באַנקראָט גייען אין היינטיקער געזעלשאַפט בסדר האַנט באַ האַנט. באַהערשן די פּראָדוקציע קאָנען די פּראָדוצירער נאָר דאַן, ווען זיי זיינען מבטל די קאָנקורענץ צווישן זיך, ווען ס'ווערט איינגעפירט די מאָנאָפּאָל-סיסטעם. בעת אָבער די קאָנקורענץ ערפילט די וויכטיקע מיסיע, וואָס זי שיצט די קאָנסומענטן פון צו הויכע פרייזן און מאַכט דאָס פּראָדוקציע-קאָסטן אַלץ ביליגער, פירט פאַרקערט די מאָנאָפּאָל-סיסטעם דערצו, אַז די קאָנסומענטן זאָלן וואָס טייערערע פרייזן צאָלן לטובת די מאָנאָפּאָליסטן, און זי שוואַכט-אָפּ אויך דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק, בפרט ווען די אַרבעטער זיינען אַליין אויך די מאָנאָפּאָל-באַלעבאַטים. אַלזאָ, אויב אפילו זיך פאָרשטעלן, אַז די אַסאָציאַציעס וואָלט זיך איינגעגעבן אָפּצושאַפן די ריזיקע אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג — וואָלטן דערפון שטאַרק געליטן די קאָנסומענטן, וועלכע זיינען אַלעמאָל אַ גרויסער רוב לגבי די באַטרעפנדיקע פאַך-פּראָדוצירער. צווישן די

אינטערעסן פֿון די אַסאָציאַציעס און די אינטערעסן פֿונם כּלל וואָלט אַנטשטאַנען אַן אומלייזבאַרער אַנטאַגאָניזם.

אין אַ סאָציאַליסטישער געמיינשאַפֿט קען מען דאָס, נאַטירלעך, לייכט אויסמיידן — אָבער אַזאַ געמיינשאַפֿט מאַכט נישט דעם אוממעגלעך פֿון סובסידירטע פּראָדוצירפֿאַראייניגן צו דער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פֿון דער פּראָדוקציע, נאָר די פּראָדוקציע ווערט פֿון לכתּחילה אָן אָרגאַניזירט אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכן יסוד, מעג דערביי אַפֿילו אויסגענוצט ווערן די אַסאָציאַציע אַלס פֿאָרם. פֿאַרקערט, אין די ראַמען פֿון קאַפּיטאַליסטישן סדר מוז די אַסאָציאַציע אַליין אויך אָננעמען אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. צווישן די לאַסאַלעשע פּראָדוצירפֿאַראייניגן און די שולצעשע וואָלט געווען אַ חילוק נאָר אין דער כּמות, אין זייער גרויס, אָבער נישט אין זייער איכות.

באַ דער זעלבער מיינונג האָט זיך געהאַלטן אויף ראָדבערטוס. ער איז צו אַ גרויסער עקאָנאָמיסט געווען, אום נישט צו באַמערקן די שוואַכע זייטן פֿון לאַסאַלס אַסאָציאַציעס. מיר האָבן שוין אויבן געזען, פֿונם ציטירטן בריוו פֿון לאַסאַלן צו ראָדבערטוסן, ווי שאַרף דער לעצטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די אַסאָציאַציעס. פֿון די ווייטערדיקע בריוו לאַסאַלס צו ראָדבערטוסן קען מען זיך געבוי קלאָר מאַכן, אין וואָס איז באַשטאַנען די הויפּט־טענה פֿון לעצטן. אָבער נאָך דייטלעכער זעט מען דאָס אַרויס אין די בריוו פֿון ראָדבערטוס צו רודאָלף מייער — און ס'איז נישט איבעריק צו ברייגען דאָ אייניקע שטעלן פֿון זיי.

דעם 6־טן סעפּטעמבער 1871 שרייבט ראָדבערטוס:

„...ווייטער קאָן מען באַווייזן, אַז דאָס קאָלעקטיוו־אייגנטום פֿון אַגראַר־געמיינדעס און פּראָדוציר־פֿאַראיינען, צו וועלכן ס'שטרעבן איצט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז אַ סך ערגער און פֿירט צו אַ סך אוממעגלעכקייטן, איידער דאָס הייניטיקע אינדיווידועלע ערד־און קאַפּיטאַל־אייגנטום. די אַרבעטער גייען דאָ נאָך לאַסאַלן. איך האָב אים אָבער אין אַ בריוו אָנגעוויזן, אַז אַזאַ אייגנטום מוז פֿירן צו גרויסע אַבסורדן און אוממעגלעכקייטן און (וואָס אים איז באַזונדערס אומאָנגענעם געווען) אַז ער איז אַפֿילו נישט אַליין דער מחבר פֿון דער אידייע, זי איז גענומען באַ פּרודאָנען". *)

*) פּרודאָן אַליין האָט די אידייע פֿון פּראָדוציר־אַסאָציאַציעס „אַנטליען" באַ לואי־בלאַנען, ריכטיקער, ער האָט לואי בלאַנס פּלאַן איבערגעאַרבעט אויף זיין אייגענעם אופֿן.

און אין א בריוו פון 24=טן מאי 1872:

„איך האב נאך א דריטן מאטיוו, אן אלגעמיינעם, קעגן דאזיקן אופן פון לוין (ס'רעדט זיך וועגן אנטייל אין ריוח). אזא לוין מוז אדער בלייבן א מין גראטיפיקאציע, ווי זעטעגאסט ווייזט מיט רעכט אן; מיט „טרינקגעלט" קאן מען אבער נישט לעזן די סאציאלע פראגע — אדער פון אים מוז ארויסוואקסן דאס רעכט צו באטייליקן זיך אויך אין דער אנפירונג מיט דער אונטערנעמונג, און דאן ווערט ער פארוואנדלט פשוט אין א שותפות איגנטום איבער א איינצעלנער אונטערנעמונג. אזא שותפות=אייגנטום ליגט אבער נישט אויפן וועג פון דער סאציאלער אנטוויקלונג. באווייזן דאס וואלט מיך צו ווייט פארפירט. לאסאלן אליין האב איך שוין אזוי ווייט געבראכט אין אונזער קארעספאנדענץ, אז אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו שרייבט ער מיר: „אבער ווער זאגט אייך דען, אז איך וויל, אז דער באטריב=קאפיטאל זאל געהערן דער אסאציאציע! (Sic) עס הויבט זיך נישט אן! דאס שותפות=אייגנטום פון די ארבעטער איבער די איינצעלנע אונטערנעמונגען וואלט געווען א סך אן ערגערע פארם פון אייגנטום, איידער דאס אינדיווידועלע ערד=און קאפיטאל=אייגנטום, איידער אפילו דאס אייגנטום פון א קאפיטאליסטן=אסאציאציע"...

אין די פארעפנטליכטע בריוו פון לאסאלן צו ראדבערטוסן געפינען מיר אין ערגיץ נישט קיין ענלעכע שטעל. מען קאן אבער נישט צולאזן, ראדבערטוס זאל זיך אזוי באשטימט ארויסזאגן, נישט האבנדיק פאר זיך דעם בוכשטעבלעכן טעקסט. מעגלעך, אז ער האט דערנאך גראד דעם בריוו פארלארן. און ס'איז נישט שווער צו גלויבן, לאסאל זאל זיך האבן פראקטיש אזוי אויסגעדריקט. אין אלע זיינע רעדעס האט לאסאל דער עיקר צו טון מיט די צינזן, וועלכע די אסאציאציעס וועלן דארפן צאלן דער מלוכה פאר די אויסגעבארגטע קאפיטאלן. אזוי אז פון דעם געבראכטן זאץ קאן מען נאך נישט דרינגען, אז לאסאל איז מסכים מיט ראדבערטוסן. פארקערט, איז א אנדער בריוו צו ראדבערטוסן, פון 26=טן מאי 1863, געפינען מיר א שטעל, וועלכע באטייט כמעט אן א כונה, נאטירלעך — די

---

לאסאלס פארשלאג שטעלט מיט זיך פאר א געוויסע פארייניקונג פון זייערע ביידענס פלענער: זיין מלוכה=הילף שטאמט פון לואי בלאן, צוזאמען מיט פרודאנען רוקט ער אבער ארויס די זעלבשטענדיקייט פון דער אסאציאציע.

אומבאַדינגטע פאַראורטיילונג פון די פראָדוצירֿ-אסאָציאַציעס. אין דעם בריוו שרייבט לאסאל:

„אומגעקערט, ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ווען דער באָדן, דער קאַפּיטאַל און דער אַרבעטס-פראָדוקט געהערן דעם אַרבעטער,״ *) קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן לאָזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע. דער זעלבער רעזולטאט לערך וועט זיך אלזא באקומען, ווען דער ארבעטער וועט באָדן און קאפּיטאל באקומען נאר אויף נוצן זיי, און דער פראָדוקט פון דער ארבעט וועט אים איינגאַנצן געהערן. אין די לאַנד-אַסאָציאציעס וועט דעם ארבעטער אנקומען אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער איידער דער באַטרעף פון זיין ארבעט-פראדוקט; אין די אינדוסטריעלע אסאציאציעס וועט ער בדרך כלל באקומען מער. דאס אלץ ווייס איך גוט, און ווען איך וועל שרייבן מיין עקאָנאָמיש ווערק, וועל איך דאס גענוי אַרומריידן״.

אַזוי ווי ראדבערטוס האָט אָדער ניט גוט פארשטאנען דעם זינען פון די זאַצן אדער ער האט געוואלט צושפּארן לאסאלן צו אַ וואנט, דריקט זיך לאסאל אויס אינם צווייטן נעכסטן בריוו נאך דייטלעכער. ער שרייבט (איך לאָז דאָ אַרויס אַ צווישן-זאַץ, וועלכער זאָגט גאָרניט):

„מיין אויסדרוק: אין די לאַנד אסאציאציעס וועט דער אַרבע-טער באַקומען אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער פון זיין אַרבעט-פראָדוקט איז יעדנפאַלס אין באַצוג אויפן „מער״ ניט שווער צו פאַרשטיין. איך זע ניט איין, פאַרוואָס דער זאַץ קאן ארויסרופן שוועריקייטן. די אסאציאַציעס אויף די בעסערע אדער באקוועמערע שטחים ערד וואָלטן דאָך געהאַט פון דער ערד אַ רענטע, פונקט ווי איצט דער פריוואַט-באַזיצער. בכן, קומט אויס, אז זיי וואלטן באקומען מער, ווי דעם באַטרעף פון זייער אַרבעט-פראָדוקט.

שוין דאָס אַליין, וואס איינער באקומט מער, איידער עס מאַכט אויס דער פראָדוקט פון זיין אַרבעט, באַטייט, אז אַ צווייטער באקומט ווייניקער, איידער אים קומט, איידער ער וואָלט באַקומען בא אַ

*) אין דער אויסגאַבע פון לאסאלס בריוו דורך פראָפ. אד. וואגנער לויטעט דאָס אָרט „געהערן ניט״. ווי מען זעט פונם ווייטערדיקן טעקסט איז דא דער „ניט״ פשוט אַ דרוקפעלער. בא רודאָלף מייער איז דער בריוו אויך אָפּגעדרוקט אָן דעם „ניט״. (פארגל. א. א. O. S. 463).

יושרדיקער פארטיילונג פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, ווי מיר אַלע שטעלן זיך דאָס פאר (פּונקט אַזוי ווי דאָס איז לויט די אָנגענומענע אידייען פון אייער דריטן סאָציאַלן בריוו.)

געניר: וואָס הייסט מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעטס־פּראָדוקט (אין זינען פון ענדגילטיגער לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע, אַלזאָ אין זינען פון דער „אידייע", וועלכע איך האָב כסדר אין אויג אַלס נאָרם און פאַרגלייך־מאָס באַם „אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער")? צי איז דאָס דער סכום פּראָדוקטן, וואָס איך פּערזענלעך אַרבעט גראָד אויס באַ געוויסע באַדינגונגען, בעת אַ צווייטער באַ מער גינסטיקע תנאים קאָן מיט דער זעלבער אַרבעט שאַפן אַ גרעסערן סכום און אַ דריטער באַ ערגערע תנאים אַ קלענערן סכום? ניין דאָך! מיין אַרבעטס־פּראָדוקט דאָס איז מיין חלק אין דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, און ער ווערט באַשטימט דורך דער פאַרהעלטעניש, וועלכע איז פאַראַן צווישן מיין אַרבעט און צווישן סכום אַרבעט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אין הסכם מיטן שלוס פון אייער דריטן סאָציאַלן בריוו קאָנט איר דאָס באַין אופן נישט באַשטרייטן.

קומט אַלזאָ טאַקע אויס, אַז כל זמן די אַרבעטער פון איין אַסאָציאַציע געניסן פון ערד־רענטע, באַקומען די אַרבעטער פון די אַנדערע אַסאָציאַציעס, וואו קיין רענטע־פּראָפיט איז נישטאָ, ווייניקער, איידער עס טרעפט אָן דער פּראָדוקט פון זייער אַרבעט".

קיין שום מיספאַרשטענדעניש איז דאָ מער נישט מעגלעך. די „אידייע", וועלכע לאסאל דערמאָנט, איז דער קאָמוניזם, וועלכער גייט תמיד אַרויס נישט פונם אינדיווידועלן אַרבעט־רעזולטאַט פונם יחיד אָדער פון אַ גרופּע, נאָר פונם גאַנצן סכום פּראָדוקטן, וואָס ס'אַרבעט אויס דער כלל. לאסאל האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון פון דעם, אַז כל זמן די פאַרטיילונג קומט פאָר לויטן אינדיווידועלן פּרינציפּ, מוז איין טייל באַקומען מער און איין טייל ווייניקער, ווי ס'וואָלט געוועזן באַ אַ גערעכטיקער פאַרטיילונג, ד. ה. ער האָט געוואוסט, אַז די אַסאָציאַציעס מוזן די ערשטע צייט אַרויסרופן אַ נייע אומגלייכקייט. און טאַקע צוליב דעם, פאַרזיכערט לאסאל, האָט ער ביים באַגרינדן זיין פאָרשלאַג אויסגעמיטן דעם אויסדרוק „לאָזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע" — „נישט איבער פּראַקטישער פחדנות און נישט צוליב פאָרזיכטיקייט, נאָר צוליב די אָנגעוויזענע טעאָרעטישע טעמים".

אינם זעלבן בריוו אַנטוויקלט לאַסאַל דעם געדאַנק, אַז די אומגלייכהייט אין די דאָרפישע אַסאָציאַציעס קאָן מען באַזייטיקן דורך אַ דעפערענציאַלן שטייער, וועלכער „זאָל די גאַנצע באָדן-רענטע אָפּגעבן אין די הענט פון דער מלוכה און לאָזן פאַר די אַרבעטער נאָר דעם ווירקלעך גלייכמעסיקן אַרבעט-פּראָדוקט“, פאַרשטייענדיק די רענטע אין זינען פון ריקאַרדאָ׳ס טעאָריע*). דער באָדן-שטייער וואָלט געווען אַ אָפּצאָל דערפאַר, וואָס די אַרבעטער האָבן אין זייער רשות די ערד, און די אַסאָציאַציעס אַליין, ווי לאַסאַל מיינט, וואָלטן געווען שטאַרק צופרידן פון דעם שטייער „שוין אויס געפיל בלויז פון גערעכטיקייט און פון קנאה“. די מלוכה ווידער וואָלט אַזוי אַרום געהאַט די נויטיקע מיטלען אויף צו שטיצן דעם שול-וועזן, די וויסנשאַפט און קונסט און אויף אַלע אַנדערע עפנטלעכע הצטרכותן. וואָס איז שייך צו די אינדוסטריעלע אַסאָציאַציעס, איז דאָרט קאָן מען אָפּשאַפן די אומגלייכהייט דורך דעם, וואָס ווי נאָר די אַסאָציאַציעס פון אַ געוויסן פאַך האָבן זיך שוין פאַראייניקט אין איין גרויסער אַסאָציאַציע, אַזוי ווערט אָפּגעשטעלט דער פּריוואַטער האַנדל מיט די אויסגעאַרבעטע סחורות און זיי ווערן פאַרקויפט נאָר אין ספּעציעל אָרגאַניזירטע מלוכה-קראָמען. „וועט דען אויף אַזאַ אופן נישט אָפּשטאַרבן דאָס, וואָס מיר רופן איצט אָן איבערפּראָדוקציע אָדער האַנדלס-קריזיס?“

דעם געדאַנק צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די באָדן-רענטע**) איז אין תוך זייער אַ ראַציאָנעלער, ד. ה. ער אַנטהאַלט נישט אין זיך קיין שום ווידערשפּרוך. איך האַלט אַפילו פאַר נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויף אַ געוויסער שטופע פון אַנטוויקלונג זאָל דער געדאַנק ערגיץ וואו פאַרווירקלעכט ווערן. פאַרקערט, די אידייע צו סינדיצירן די אַסאָציאַציעס איז נישט מער ווי אַ פרומער וואונטש: די סינדיצירונג

*) ד. ה. דעם עודף פון דער ערד-הכנסה, וועלכע איז דער מינימום פאַר באַאַרבעטן אַ געוויסן שטח ערד; וויל נידעריקער פון אַזאַ מינימום לוינט דאָך בכלל נישט אַריינצולייגן אַרבעט אין באָדן.

**) מען דאַרף דאָס נישט צונויפמישן מיט די פאָרשלאָגן פון הענרי זשאָרזש פלישיים א. א. וו. חייל באַ לאַסאַלן איז דאָס פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פאַרווירקלעכונג פון די אַסאָציאַציעס. אָן די לעצטע, מיינט לאַסאַל ווי מיר האָבן שוין העכער געזען, קאָן קיין שטייער-רעפאָרם צו גאָרנישט פירן צוליב דעם אייזערנעם לוין-געזעץ.

קאן זיך יא איינגעבן און קאן זיך נישט איינגעבן, ווי באלד דאס הענגט אפ פונם גוטן רצון פון יעדער איינציקער אסאציאציע. און ווען אפילו די סינדיצירונג גיט זיך שוין איין, איז דאס נאך אויך נישט קיין מניעה, אז די מיטגלידער פון די באזונדערע אסאציאציעס זאלן נישט באקומען מער אדער ווייניקער, איידער ס'קומט זיי פאר זייער ווירקלעכער ארבעט. דער קעגנזאץ צווישן אסאציאציע-אינטערעסן און כלל-אינטערעסן בלייבט אין זיין פולער קראפט.

לאמיר נאכאמאל אויסהערן ראדבערטוסן. אין א בריוו צו רודאלף מייערן פון 16 אויגוסט 1872 רעדט ער וועגן אן ארטיקל אין „נייעם סאציאל דעמאקראט", וואו ס'ווערט דערוויזן, אז לאסאל געהערט צו דער „וויטגייענדיקסטער ריכטונג אין סאציאליזם" — ער געפינט, אז דאס איז טאקע אזוי, און זאגט דערביי:

„ריכטיק איז אבער אויך, אז לכתחילה האט לאסאל, און מיט אים דער „נייער סאציאלדעמאקראט", געשטרעבט צו דער זעלבער פראדוציר-אסאציאציע ווי שולצע-דעליטש; ער האט אויך געמיינט, אז דער ריוח פונם קאפיטאל דארף געהערן די ארבעטער, מיט דעם חילוק נאר, וואס שולצע דעליטש האט געוואלט, די אסאציאציעס זאלן זיך אליין פארזארגן מיט קאפיטאל און לאסאל האט געפאדערט, די מלוכה, — די היינטיקע מלוכה טאקע — זאל זיי געבן דעם קאפיטאל (צי בתור הלואה צי בתור מתנה איז נישט גאר קלאר). אבער ווי באלד די אסאציאציע באקומט דעם ריוח, איז דער קאפיטאל פאקטיש איר אייגנטום. היינט ווי פארט זיך עס די „וויטגייענדיקסטע ריכטונג" מיט אזעלכע אסאציאציעס?".

דערנאך שטעלט זיך ראדבערטוס אפ אויף דער פראגע, צי קאן די פראדוציר-אסאציאציע שפילן די ראל פון א „פראוויזארישער אינסטיטוציע", און נאך איינציקע אלגעמיינע באמערקונגען שרייבט ער ווייטער אזוי:

„די אסאציאציע, צו וועלכער לאסאל און דער „סאציאל דעמאקראט" שטרעבן פאקטיש, קאן אפילו נישט דינען אלס איבערגאנגס-צושטאנד צו יענעם „וויטגייענדיקסטן" ציל; לויט די געזעצן פון דער מענשלעכער נאטור, מוז אזא אסאציאציע פירן נישט צו אלגעמיינער ברידערלעכקייט, נאר פארקערט צו די שארפסטע פארמען פון קארפאראטיוון אייגנטום; און דאס לעצטע וואלט נאך טויזנט מאל מער פארהאסט געוועזן פון דער גאנצער געזעלשאפט, איידער

דאס אינצטיקע פריוואט-אייגנטום. קארפאראציע-אייגנטום אדער קא-לעקטיוו-אייגנטום (כמעט איינס און דאס זעלבע) קאן קיינמאל נישט זיין די איבערגאנגס-פארם צו אלגעמיינעם מלוכה-אייגנטום; גיכער איז שוין דאס אינדיווידועלע אייגנטום דער איבערגאנג פון קארפא-ראטיוון צו מלוכה-אייגנטום. און דא שטעקט דער פלאנטער הן ביים „סאציאל-דעמאקראט" הן בא לאסאלן: זיי פארבינדן אן אסאציאציע מיט פראפיט און פאלגלעך מיט קאפיטאל-אייגנטום מיט יענעם ווייס-גייענדיקסטן ציל. קיינמאל איז נאך נישט געשען אזא שפאנען פערד פון יענער זייט וואגן, ווי דאס איז דער פאל בא די בערלינער סאציאל-דעמאקראטן (און בא לאסאלן, אויף וויפיל ער שטרעבט אויך צו יענעם „ווייטגייענדיקסטן"-ציל) — און דאס ווייסט מארקס זייער גוט". (בריוו א. א. וו. פון ראדבערטוס-יאגעצאוו.)

איך האב בכיון אזוי אויספירלעך געבראכט אט דעם בריוו, ווייל ראדבערטוס איז געווען כמעט דער סאמע אביעקטיווסטער קעג-נער לאסאלס, דערצו האט ער אין זיין אויפפאסונג פון מלוכה געהאט זער פיל באריר-פונקטן מיט לאסאלן, און חוץ דעם האט קיינער אזוי פיל נישט דעבאטירט איבער דער פראגע ווי ראדבערטוס. גאר אביעקטיוו איז זיין אורטייל אויך נישט, ווייל, ווי באקאנט, האט ער געהאט זיין אייגענע טעאריע, „ווי צו לייזן די סאציאלע פרא-גע", די טעאריע וועגן נארמאלן ארבעטס-טאג און פארהעלטניסמעסיקן ארבעטס-לוין. אבער די שוואכע זייט פון לאסאלס אסאציאציע האט ער אין גרונד ריכטיק אנגעטאפט, זיין משל מיט די פערד איז זייער צוגעטראפן. לאסאל האט געשטרעבט צו דער פארגעזעלשאפטליכונג פון דער פראדוקציע און פון די פראדוקציאנס-מיטלען, נאר אזוי ווי ער האט געהאלטן פאר פריצייטיג דאס צו זאגן דעם „המון" — המון זיינען פאר אים געווען אלע געדאנקענלאזע פון אלע פארטייען — דעם געדאנק אליין האט ער אבער געוואלט ווארפן אין די מאסן, האט ער אים צוגעגעבן א ווייניקער געפערלעכע פארם פון א פראדוציר-אסאציאציע מיט מלוכה-קרעדיט.

דא איז לאסאל באגאנגען דעם זעלבן פעלער, אין וועלכן ער האט אמאל געזען די טראגישע שולד פון פראנץ פאן זיקענגען, ער האט „געכיטרעוועט" מיט דער „אידייע, לויט זיין אייגענעם אויס-דרוק, און האט דערביי מער גענארט די פריינט, ווי די פיינט. אבער ער האט דאס אויך געטון מיט גוטע כונות, ווי זיקענגען אין דער

דראַמע. לאַסאַל, אמת, האָט נישט איינמאָל איבערגעחזרט, אַז ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע אַסאָציאַציעס, אויב ראָדבערטוס זאָל אים נאָר אָנווייזן נאָך אַזאַ לייכט און גוט מיטל צום זעלבן צוועק, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז לאַסאַל האָט געהאַט ספקות בנוגע דער ריכטיקייט פון זיין אייגענעם מיטל. אַזוינע ערקלערונגען מאַכט מען געוויינטלעך דוקא, ווייל מען איז איבערצייגט אינם אייגענעם אמת. אַז בײַ לאַסאַלן איז דאָס פונקט אַזוי געווען, קאָן מען קלאָר זען פון זיין פאָלגנדיקער לעצטער ערקלערונג קעגן ראָדבערטוסן: „קורץ, איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי זעט מען עס נישט, אַז די אַסאָציאַציע, האָבנדיק אַלס אויסגאַנגס-פונקט די מלוכה, איז דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונגס-זוים, וועלכער פירט צו אַלעם איבעריקן", ס'איז דעריבער לעכערלעך צו מאַכן לאַסאַלן דעם פאָרוואורף, אַז ער האָט רעקאָמענדירט די אַרבעטער עפּיס אַזוינס, אין וואָס ער אַליין האָט נישט אינגאַנצן געגלויבט — דאָס וואָלט באמת געווען אַ סך אַ שווערערער חטא, איידער אַ טעאָרעטישער טעות.

לאַסאַל האָט געגלויבט, אַז זיין מיטל — די אַסאָציאַציע מיט מלוכה-קרעדיט — אַנטהאַלט שוין אין זיך אין די וויכטיקסטע שטריכן דעם ציל גופא — די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט; אים האָט זיך געדוכט — און דערויף האָט ער זייער פיל אַכט געלייגט — אַז זיין „מיטל איז דורכגעדרונגען דורך און מיטן מהות פונם ציל".

און פאַקטיש איז דאָך טאַקע די אַסאָציאַציע אַ שטיק פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן פרינציפּ; די פאָדערונג פון מלוכה-הילף איז אַ פרוב אויסצונוצן דעם מלוכה-אַפּאַראַט פאַר דער עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון אַרבעטער-קלאַס, און אין דער זעלבער צייט אויך אַ מיטל ווי ווייט מעגלעך איינצוהיטן דעם בונד מיטן גאַנצן כלל, וואָס ס'האָט לחלוטין געפעלט בײַ שולצע-דעליטשן. ביז דעם פונקט קאָן מען לאַסאַלן גאָרנישט פאָרוואַרפן, פאַרקערט, ער ווייזט דאָ אַרויס אין אַ הויכער מאָס איינהייטלעכקייט פון געדאַנק. מיר ווייסן שוין, ווי לאַסאַל האָט בכלל געקוקט אויף דער מלוכה; זי איז פאַר אים געווען נישט קיין צייטווייליקער פּאָליטישער אויסדרוק פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, נאָר די פערקערפערונג פון אַ עטישן באַגריף, וועלכער איז פון צייטווייליקע היסטאָרישע ווירקונגען, אפשר געניזוקט געוואָרן, אָבער זיין אייביקער „אמתער מהות" קאָן קיינמאָל נישט בטל ווערן. בײַ אַזאַ אויפפאַסונג איז קיין חידוש נישט, אַז די

פאָדערונג פון מלוכה=הילף איז פאַר לאַסאַלן נישט בלויז קיין פּראַקטישער אויפּטו, נאָר זי באַקומט פאַר אים אַ זעלבשטענדיקער סאָציאַליסטיש=פּרינציפּיעלע באַדייטונג. *) דאָסגלייכן, געפינט זיך די פאָדערונג פון פּראָדוציר=אַסאָציאַציעס אין דער אייגנסטער אידייען=פאַרבינדונג מיט דער טעאָריע פון אייזערנעם לוין=געזעץ. זי באַזירט אויף די זעלבע עקאָנאָמישע הנחות. אַלץ איז דאָ, וואָלט איך געזאָגט, פון איין גוס.

אָבער דאָס וואָס לאַסאַל האָט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון זיין מיטל פאַרענטפערט אים נאָך נישט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי נעפּלהאַפט פאָרמולירט זיין ציל. גראָד ער, וואָס האָט אין „פראַנץ פאָן זיקינגען" אַזוי טרעפלעך באַוויזן, אַ מין געפאַר ס'שטעקט דערין, ווען „מען וויל בסוד האַלטן פון אַנדערע די אמתע און לעצטע צילן פון דער באַוועגונג (אגב, דורכדעם אָפּט פון זיך אַליין אויך)", ער וואָס האָט דאָס דאָזיקע בסוד=האַלטן גערעכנט פאַר דעם „מאָראַלישן חטא" פון זיקינגענען, צוליב וועלכן ער האָט געמוזט אומקומען, און אויך פאַר אַ סימן פון קנאַפּן גלויבן אין דער מאַכט פון דער געפריידיקטער אידייע, פאַר אַן „אָפּלייגונג פון אייגענעם פּרינציפּ", פאַר אַ סימן פון „האַלב=געבראָכנקייט" — גראָד ער האָט די באַוועגונג פאַרבונדן בלויז מיט אַ מיטל, און נישט מיטןווירקלעכן ציל. דאָס איז קיין תירוץ נישט, אַז דעם „המון" האָט מען נישט געקאָנט זאָגן אָט דעם צוועק, אָדער אַז מען האָט נאָך די מאַסן נישט געקאָנט געווינען פאַר אַזאַ ציל. אויב ס'איז אוממעגלעך צו פאַראינטערעסירן די מאַסע מיטן ציל פון דער באַוועגונג, איז די באַוועגונג בכלל אויף אַ פאַלשן וועג, און דאָס מיטל קאָן נישט פירן צום ציל, ווען עס זאָל אַפילו דערגרייכט ווערן. האָט מען צו טון מיט אַן אַרבעטערשאַפט, וועלכע פאַרשטייט נישט איר אייגענע וועלט=געשיכטלעכע מיסיע, קאָן דאָס אַלגעמיינע וואַל=רעכט מער שאַדן ברענגען, איידער נוצן, און די פּראָדוציר=אַסאָציאַציעס מיט מלוכה=קרעדיט מוזן בלויז פאַרשטאַרקן די מלוכה=מאַכט, שאַפנדיק פאַר איר נייע פּרעטאָריאַנער. אויב אָבער די אַרבעטערשאַפט איז געווען גענוג אַנטוויקלט אויף

---

*) מיט דער אויפפאַסונג דערקלערט זיך אויך, פאַרוואָס לאַסאַל האָט, למשל, אין זיין לייפּציקער רעדע פאָרגעהאַלטן די אַזוי גערופענע מאַנטשעסטעריסטן, דאָס וואָס זיי זיינען גרייט, ווען זיי זאָלן נאָר קענען, „אויפצולייזן די מלוכה אין דער געזעלשאַפט". אין דער אמתן, איז בײַ די מאַנטשעסטעריסטן געגאַן די רייד נאָר וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה.

תופס צו זיין דעם ציל פון דער באַוועגונג, דאַן איז מען מחויב אָפּן צו פאָרמולירן אָט דעם ציל. מען דאַרף כּלל ניִשט פאַרשטעלן דעם ציל אַזוי, אַז ער דאַרף תּיכּף רעאַליזירט ווערן אין לעבן, אָבער די געפירטע דאַרפן וויסן פונקט ווי דער פירער, פאַר וועלכן ציל דאָס מיטל ווערט געברויכט און אַז דאָס איז ניִשט מער ווי אַ מיטל. דאָס דאַרף גאָר ניִשט ברענגען די מאַסן צו קיין שום אַנטוישונג, ניִשט מער אַלנפאַלס ווי דער קאַמף אַרום מיטל אַליין קאָן דאָס גורם זיין.

לאַסאַל ווייזן אַליין דערויף אָן, ווי גוט עס ווירקט דער אינ-סטינקט באַ די הערשנדיקע קלאַסן, ווען עס האַנדלט זיך אום זייער עקזיסטענץ. „יחידים, זאָגט ער מיט רעכט, קאָן מען אָפּנאַרן, קיין קלאַסן קיינמאָל ניִשט".

דאָס אַלץ קאָן אויסזען אַביסעל דאָקטרינעריש, ווען מען איז ניִשט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אין לאַסאַלס צייט און נאָך איִם. צו דער געשיכטע וועל איך טאַקע איצט איבערגיין.

## VIII

## די גרינדונג און פירונג פונם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער-פאַריין.

אונזער אַרבעט וואָלט זיך צו שטאַרק צעוואַקסן, ווען מיר זאָלן זיך אַריינלאָזן אין די פּרטים פון דער לאַסאַלעשער אַגיטאַציע. מיר וועלן זיך דעריבער באַגנוגענען נאָר מיט די הויפּט-שטריכן פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

די „אָפענע תּשובֿה" האָט צום אָנהויב נאָר טיילווייז געהאַט די ווירקונג, וועלכע לאַסאַל האָט פון איר דערוואַרט, כאָטש ער האָט מיט רעכט געקאָנט שרייבן צו גוסטאַוו לעווי אין דיסלדאָרף און צו אַנדערע: „די גאַנצע אָפּהאַנדלונג לייענט זיך מיט אַזאַ לייכטקייט, אַז דעם אַרבעטער מוז באַלד פאָרקומען, גלייך ווי ער וואָלט שוין דאָס אַלץ יאָרנלאַנג געוואוסט!" די אָפּהאַנדלונג איז ווירקלעך געווען אין פרט פון אַגיטאַציע אַ מייסטער-ווערק, געשריבן זאַכלעך אָבער ניִשט טרוקן. מיט אַ פיינעם סטיל אָבער ניִשט מליצה'דיק, מיט אינער-לעכער וואַרימקייט און צוגלייך מיט שאַרפער לאָגיק. אָבער—די אַרבעטער האָבן איבערהויפּט זי גאָר ניִשט געלייענט; צו די אַרבעטער

איז זי בכּלל אָנגעקומען נאָר דאָרט, וואו דער באָדן איז געווען פון פריער צוגעגרייט. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבן העכער געזען, אין לייפּציק, אין פראַנקפורטביים מאַין, אין אייניקע גרעסערע שטעט און אינדוסטריע-פונקטן ביים רהיין און אין האַמבורג. אַביסל האָבן אין די ערטער געווירקט די צוריקגעקומענע פּאָליטישע עמיגראַנטן מיט זייער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, און אויסער דעם האָבן דאָ צו ביסלעך ווידער אויפגעלעבט די טראַדיציעס פון דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געפירט בעת דער 48-טער רעוואָלוציע און נאָך איר. דער גרויסער רוב אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּאָליטישער באַוועגונג, זיינען אַ צייט לאַנג געבליבן גאָר טויב צו דעם רוף, און האָבן געקוקט אויף לאַסאַלן ווי אויף אַלע אַנדערע פירער פון די פּראָגרעסיסטן — ד. ה. ווי אויף אַ שליח-ציבור פון דער רעאַקציע.

וואָס אנבאַלאַנגט דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי אין פּרייסן און אויסער פּרייסן, האָט די „אָפענע תשובה“ אַרויסגערופן אין אירע רייען אַן אמתן שטורם — אַ שטורם פון אויפרעגונג און פון ליידנשאַפטלעכער פאַרביטערטקייט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַזוי גרויס, געקוקט אויף זיך ווי אויף ריטער פון די באַדראַטע פאָלקס-רעכט, און מיט אַמאָל גאָר אַזאַ אַנפאַל פון לינקס, מיט אַ באַהויפּטונג, אַז זיי האָבן קיין רעכט ניט אויף דעם ריטער-טיטל, אַז זיי פאַרדינען נישט דעם צוטרוי, מיט וועלכן די מאַסן באַשענקען זיי, און אַז אַלע, ווער נאָר ס'מיינט ערנסט מיט דער פרייהייט, בפרט די אַרבעטער, דאַרפן זיך צו זיי מיטן רוקן אויסקערן. אַזאַ באַשולדיקונג קאָן קיין קעמפענדיקע פּאַרטיי נישט פאַרטראָגן, בפרט ווען זי געפינט זיך אין אַזאַ מצב, ווי דעמאָלט די פּראָגרעסיסטישע פּאַרטיי. די פיינטלעכע באַציאונגען צווישן איר און דער פּרייסישער רעגירונג זיינען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז אַ געוואַלט-לאָזונג פון דעם סכסוך האָט אויסגעזען כמעט ווי אומפאַרמיידלעך, אַלנפאַלס האָט מען באַדאַרפט גרייט זיין אויף אַלץ. ביז איצט האָט די פּאַרטיי געקאָנט מיט אַ ביטול-טאָן אָפּענטפערן אויף אַלע אָנפאַלן פון די רעגירונגס-אָרגאַנען און טענהן, אַז הינטער איר שטייט דאָס גאַנצע פּאָליטיש אויפגעקלערטע פאָלק; אָט די זיכערקייט האָט איר געגעבן מוט צוריידן מיט דער רעגירונג אַלץ שאַרפערע ווערטער. מאַכן אַ רעוואָלוציע האָבן די פּראָגרעסיסטן טאַקע ווייניק וואָס

חשק געהאַט, אבער דראען, שרעקן, — דאס האבן זיי נישט געקאַרגט.*)
און פונקט אין אזא מאמענט דערהערן פארוואורפן מצד אַ מענשן, וועלכער איז אַליין אַ דעמאקראַט און אַ קעגנער פון דער רעגירונג, פון אים באַשולדיקט ווערן אין פאלקס-פאראט, און צוזען, ווי ער רופט די אַרבעטער און וויל זיי זאַמלען אונטער גאָר אַ נייער פאָן — ווי האָבן זיי דאס טאַקע געזאָלט רואיק פאַרטראָגן!?
דער פשוטער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג האָט געטריבן די פראגרעסיסטן צו טון אַלץ, כדי צו באַקעמפן לאַסאַלס אַגיטאַציע. דאָס איז נאַטירלעכער און געזעצלעכער זעלבשוץ — קריטיקירן קאָן מען נאר דעם אופן, דעם „ווי" פון זייער שוץ. און דא מוז מען זאָגן, אַז דער אופן פאַרדינט נישט קיין אנדער ביי-נאמען, ווי: קלאגעדיקער. דאס וואס זיי האבן זיך באַמיט צו פארשטעלן לאַסאַלן, אַלס אַ דינער פון דער רעאַקציע איז נאָך דער קלענסטער חטא זייערער אין דעם ענין. ווייל דאס קאן מען דאך נישט לייקענען, אַז לאַסאַלס „אָפענע תשובה" איז אין אנהויב געווען ווי וואַסער אויף דער מיל פון דער פרייסישער רעגירונג. זיי האבן זיך אָבער דערמיט נישט באַגרענעצט, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען צו קאָנצענטרירן זיך אויף די פונקטן, וואו זייער פאזיציע איז געווען גענוג שטאַרק; זיי האָבן זיך געכאַפּט פונקט צו יענע אָנגריפן, וועלכע לאַסאַל האָט געמאַכט אויף זייערע שוואַכע זייטן — און דערביי האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַזאַ גייסטיקע אָנמאַכט און אומבאַהאָלפנקייט, וועלכע איז אימשטאַנד אַרויסצורופן נאָר אַ געפיל פון רחמנות; און דערצו זיינען זייערע אָנפאַלן געווען צוגעזאַלצן מיט אַ היפשער דאָזע פון זעלבסבאַרימעריי. קעגן לאַסאַלס איינזייטיקער מלוכה-אידייע זיינען זיי

*) איך געדענק נאָך זער גוט יענע עפּאָכע, כאָטש איך בין דעמאָלט געווען נאָך אַ שול-יינגל; מיינע ערשטע פּאָליטישע איינדריקן דאטירן פון יענער צייט: אין קלאַס, אויפ'ן טורן-פּלאַץ — אומעטום האָבן מיר פּאָליטיזירט, און נאַטירלעך האָבן מיר, קינדער, איבערגעחזרט אויף אונזער שטייגער דאָס, וואס מיר פלעגן הערן אין דערהיים. מיינע שול-חברים האָבן געהערט צו די בירגערלעכע קלאַסן, מיינע חברים באַם שפּילן זיך צום פּראָלעטאַריאַט — אָבער אַז די אַ יענע זענען געווען גלייך איבערצייגט, אַז אַ רעוואָלוציע „מוז קימען", ווארום „מיין טאַטע האָט דאָס אויך געזאָגט". יעדער וואָרט פון די פּראָגרעסיסטישע פירער, וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ רמז אויף רעוואָלוציע, איז באַלד מיט שמחה פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן פון מויל צו מויל, דאָס זעלבע פלעגט זיין מיט די הוזק-פערזן וועגן קעניג און זיינע מיניסטאָרן.

אַרויסגעטראָטן מיט אַ אומגעלומפּערטן אָפּלייקענען, פון וועלכע ס׳איז ניט סאָציאַל־פּאָליטישע אויפגאַבן באַ דער מלוכה, און קעגן זיין אייזערנעם לוין־געזעץ, וועלכער באַזירט אמת אויף אייניקע נישט גאָר ריכטיקע הנחות, זענען זיי אַרויס מיט אַ פלאַכן ביז גאָר לויבגעזאַנג פאַר דער בורזשואַזי־קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ־געזעלשאַפט? זייער בלינדער האַס האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן די גאַנצעווירקלעכקייט און אַלץ וואָס זיי אַליין האָבן פריער געשריבן וועגן די שעדלעכע ווירקונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — אַזוי ווייט, אַז זייערע אומזיניקע טענות האָבן נאָר געקאָנט באַשטעטיקן אפילו לאַסאַלס איבערגעטריבענע מיינונגען. פון קליינבירגערלעכע קעגנער פון קאַפּיטאַליזם זענען זיי — שולצע און קאמפּאַניע — איבערנאַכט מגולגל געוואָרן אין הייסע אָנהענגער זיינע. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן בלויז די אויסצוגן, וואָס מיר האָבן געבראַכט (זייט 18 א. וו.) פון שולצעס ווערק פון יאָר 1858 מיט די אויספירונגען, צו וועלכע ער קומט אין זיין „קאַפּיטל פאַר אַ דייטשישן אַרבעטער־אני־מאמין" — אַ חיבור פון זעקס פאָרטראַגן, פון וועלכע די לעצטע זענען אויסן צו מבטל מאַכן לאסאלן אין די אויגן פון די בערלינער אַרבעטער. דאָרט באַווייזט שולצע, אַז איינע פון די גרעסטע מעלות פון די זעלבסהילף־אסאָציאציעס איז דאָס, וואָס זיי קאָנען אַראָפּדריקן דעם פּראָפיט פון די אונטערנעמער, און דאָ טענה׳ט ער שוין, אַז „פאַר דער וויסנשאַפט עקזיסטירט גאָרנישט קיין אונטערנעמער־ריוח" און ממילא אויך נישט קיין שום קעגנזאַץ צווישן אַרבעט־לוין און אונטערנעמערפּראָפיט. די וויסנשאַפט האָט צו טון נור מיט „אַ) אונטערנעמערלוין און ב) קאַפּיטאַל־ריוח" (פאַרגלייך שולצע דעליטש, קאַפּיטל ז. 153). כדי פאַרטיק צו ווערן מיט אַזאַ מין וויסנשאַפט האָט מען פאַרשפּאָרט צו זיין אַפילו אַ לאַסאַל.

אָבער נישט געקוקט אויף לאַסאַלס גייסטיקער הויך און אויף זיין גלענצנדן סטיל, האָט ער דאָך אין זיין קאַמף מיט די פּראָגרעסיסטן נישט געהאַט דעם ערפאָלג, אויף וועלכן ער האָט גערעכנט. לאַסאַל האָט געוואָלט האָפן — אין זיין דערמאָנטן בריוו צו לעווי — אַז זיין „אָפענע תשובה" וועט מאַכן דעם זעלביקן רושם וואָס לוטערס טעזיסן בשעתם—די האָפענונג איז דערווייל אפילו טיילווייז נישט מקוים געוואָרן. אין מאַי 1863 האָט לאַסאַל אין פראַנקפורט זיך באַטייליקט אינם „אַרבעטער־טאָג פון מאַינגאַאוס" און האט דארט

געהאַלטן אַ פֿיר־שעהדיקע רעדע, און נאכדעם, דעם 19 מאַי, האט
ער אויף אַ פאלקס=פֿאַרזאַמלונג דורכגעפֿירט אַ רעזאלוציע, אין וועל=
כער די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך מתחייב געווען מיטווירקן צו דער
גרינדונג פֿון אַ „אַלגעמיינעם דייטשן ארבעטער=פֿאַריין”; און באַלד
נאָכדעם, דעם 23 מאַי 1863, איז אין לייפּציק פּראָקלאַמירט געוואָרן
די גרינדונג פֿונם דאָזיקן פֿאַריין, אין דער אנוועזנהייט פֿון דעלע=
גאַטן פֿון 11 שטעט (האַמבורג, הארבורג, קעלן, דיסלדאָרף, מיינץ,
עלבערפֿעלד, בארמאן, זאלינגען, לייפּציק, דרעזדען און פֿראַנקפֿורט
באַם מיין), די סטאַטוטן פֿונם פֿאַריין האָט לאַסאַל אויסגעאַרבעט צו=
זאַמען מיט זיין פֿריינט, דעם פּראָגרעסיסטן־דעפּוטאַט ציגלער. לויט
די סטאַטוטן איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַ שטרענג צענטראַליסטישע.
דאָס דערקלערט זיך ווי מיטן כאַראַקטער פֿון די דייטשע פֿאַריין־גע=
זעצן אַזוי אויך דערמיט, וואָס לכתחילה האָט מען אין זינען געהאַט
צו גרינדן אויך אַן אַלגעמיינעם פֿאַרבאַנד פֿאַר ארבעטער־פֿאַרזיכערונג.
דערנאָך איז דער פּלאַן אָפּגעפֿאַלן, לאַסאַל האָט אָבער איינגעהאַלטן
די יעניגע תּקנות פֿון די סטאַטוטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ דירעקטע
שייכות צו אים, היינו די פּערזענלעכע אָנפֿירנדיקע מאַכט און די
כמעט דיקטאטאָרישע פֿולמאַכטן פֿונם פּרעזידענט, וועלכער ווערט גלייך
געוויילט אויף גאַנצע פֿינף יאָר און קאן די גאַנצע צייט נישט ווערן
אָפּגערופֿן. שוין אויף דער ערשטער קאָנסטיטואירנדיקער פֿאַרזאַמלונג
האָבן זיך געוויזן איניקע סימנים פֿון אָפּאָזיציע קעגן אַזאַ פּרעזי=
דענטן=מאַכט, זי האָט אָבער גאָרנישט געקאנט מאַכן מיט לאַסאַלן,
וועלכער האָט אויסדריקלעך פֿאַרלאַנגט, אַז די סטאטוטן זאָלן אָנגע=
נומען ווערן אָן שום שינויים. מיט אלע שטימען קעגן איינעם (יאָרק
פֿון הארבורג) איז לאסאל אויסגעוויילט געוואָרן אלס פּרעזידענט, מיטן
רעכט אליין צו באשטימען זיך, ווען און אויף ווילאנג ער וועט וועלן,
א וויצע=פּרעזידענט,— נאָך א קורצן ישוב הדעת האָט ער די וואַל אָנ=
גענומען. אויף אַזאַ אופֿן איז ער געוואָרן דער אנערקענטער פֿירער
פֿון דער נייער באוועגונג. די באוועגונג אליין האָט אָבער נאָך א
לענגערע צייט געהאט זייער א קליינע אנהענגערשאפֿט. אין דריי חדשים
אַרום נאָך דער גרינדונג האָט די צאל מיטגלידער פֿונם „אלגעמיי=
נעם דייטשן ארבעטער־פֿאריין” קוים אנגעטראָפֿן 900. אליין פֿאַר זיך
איז דאָס אלס התחלה גאר נישט געווען אַזוי שלעכט, לאסאל האָט
אָבער געהאָפֿט אויף גאר אנדערע צאלן. אים האָט ווייניק געשמעקט

צו זיין אַ אָנפירער פון א פּראָפּאַגאַנדע־חברה, אים האָט זיך געוואָלט זיין א פירער פון א מאַסן־באַוועגונג, די מאַסן זענען אָבער דערווייל געבליבן ווייט פון דער באַוועגונג.

לאַסאַל האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע אַרבעטס־קראַפט, צייטנווייז האָט ער געקאָנט אַרבעטן ווי אַ ריז; ס'האָט אים אָבער געפעלט די פעיקייט צו מעטאָדישער, סאָלידער, דויערנדיקער שאַפונגס־אַרבעט. ס'זענען קוים פאַריבער זעקס וואָכן, זינט דער פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן, ווי דער נייער פּרעזידענט האָט שוין אונטערגענומען אַן אָפּרו־רייזע אויף עטלעכע חדשים — צוערשט אין דער שווייץ, דערנאָך צום נאָרד־ים. ער האָט געפירט אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ, ער האָט זיך געפלייסט צו געווינען פאַרן פאַריין וואָס מער אנגעזעענע פּערזאָנען — און דערין איז ער גראָד געווען צומאָל נישט קיין גרויסער מדקדק — אָבער דעם וויכטיקסטן געביט, די אַגיטאַציע צווישן די מאַסן, האָט ער פאַרנאַכלעסיקט. און וואָס נאָך מער פליאהדיק איז, ער האָט גאָר נישט געטון דערפאַר, אַז דער פאַריין זאָל לפּחות האָבן זיין אייגענע וואָכנבלאַט, כאָטש מיטלען האָט ער געהאַט גענוג דערויף. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט סובסידירט דעם „נאָרדשטערן", אַרויסגעגעבן אין האַמבורג דורך דעם אַלטן ליבעראַל ברון, און די „צייטגייסט", וועלכע ס'האָט אַרויסגעגעבן אין לייפּציק אייבער אַ ד"ר עד. לעווענטאַל. די צייטונגען פלעגן אָפּאָטעמען נאָך יעדער סובסידיע אויף אַ קורצע צייט, און דערנאָך פלעגן זיי זיך ווידער געפינען אין אַ פּערמאַנענטן גסיסה־צושטאַנד.

ווייט פון פאַריין איז געבליבן נישט נאָר די מאַסע, נאָר אויך דער רוב ליבעראַלע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן פון די בירגערלעכע קרייזן, צו וועלכע לאַסאַל האָט זיך געווענדעט מיט דער איינלאַדונג צוצושטיין צום פאַריין. אַ טייל פון אָט דעם עולם, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פריער, איז געווען שטאַרק פיליסטערהאַפט אָדער אויפן וועג צו דעם, אַ צווייטער טייל האָט זיך אָפּגעהאַלטן מחמת פּערזענלעכן אומצוטרוי צו לאַסאַלן, און אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז נישט דער פּאַסיקער מאָמענט צו אַטאַקירן איצט פון לינקס די פּראָגרעסיסטן. און אפילו די איינציקע, וואָס זענען יאָ אַריינגעטראָטן אין פאַריין, זענען פאַרבליבן אינגאַנצן פּאַסיוו צו זיין אינערלעכן לעבן. עס זענען אָבער געווען אַנדערע

מיטגלידער אין פאריין, באזונדער די וואס האבן געהערט צו די רייען פון ארבעטער-קלאס, וועלכע האבן יא אנגעפירט אן אגיטאציע; אזוי, למשל, האט דער סעקרעטאר פון פאריין יוליוס וואלטייך אנטוויקלט א פיבערהאפטע טעטיקייט כדי צו ווערבירן מיטגלידער — דער ערפאלג האט אבער לגמרי נישט אנטשפראכן די געמאכטע אנשטרענגונגען. די גרויסע מאסע ארבעטער איז געווען נישט אנטוויקלט און האט זיך פארהאלטן גלייכגילטיק צום פאריין; און אויסער דעם האט די נאציאנאלע באוועגונג אין צוזאמענהאנג מיטן קאנסטיטוציע-שטרייט אין פרייסן שטארק פארכאפט די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט — און קעגן דער מניעה איז דאן געווען כמעט אוממעגלעך עפעס אויפצוטון. די לאגע איז געווען אזא, אז אין א סך פונקטן האט מען שוין ערנסט באהאנדלט די פראגע, צי זאל מען זיך נישט פרווון צוציען מיטגלידער דורך אנדערע נישט פאליטישע מיטלען, ווי דורך דער גרינדונג פון הילף-קאסעס א. ד. גל.

לאסאל אליין איז שוין איין מאמענט נוטה געווען איינצוגיין דערויף, די פראגע זאל געשטעלט ווערן אויף דיסקוסיע (פארגלייך זיין בריוו פון 29-טן אויגוסט 1863 צום סעקרעטאר פון פאריין, ציטירט בא ב. בעקער, געשיכטע פון דער ארבעטער-אגיטאציע א. א. וו. ז. 83) — ער האט זיך אבער באלד אפגעזאגט פון דעם, ווייל ער האט פארשטאנען, אז דאס וואלט געביטן דעם גאנצן כאראקטער פון פאריין. דער פאריין וואלט אנגעווארן דאן זיין פאליטישן אינהאלט, און נאר דער לעצטער האט געהאט א ווערט אין לאסאלס אויגן.

נאך אין קורארט האט לאסאל אנגעווארפן די הויפט-געדאנקען פון א רעדע, מיט וועלכער ער האט געהאט בדעה אנצוהויבן ווידער זיין אגיטאציע נאכן אורלויב, און צום אלעם ערשטן אינם ריין-געביט, וואו דער באדן האט אים געשיינט צו זיין מער צוגעגרייט. דאס איז די רעדע: „די פייערונגען, די פרעסע און דער פראנקפורטער פארלאמענט“.

די דאזיקע רעדע דארף אנערקענט ווערן אלס א קער-פונקט אין לאסאלס אגיטאציע. פון 20-טן ביזן 29-טן סעפטעמבער האט ער די רעדע געהאלטן אין בארמען, זאלינגען און אין דיסלדארף. עס איז שווער פעסטצושטעלן, ווער און וואס האט באאיינפלוסט לאסאלן אין משך פון דעם זומער, מען קאן בלויז מיט א געוויסן גרונד רעדן אין דעם פרט וועגן דער גרעפין האצפעלד און אירע מקורבים.

ס'איז לייכט זיך פארצושטעלן, אז האצפעלד האט מער געטרוימט צו זען לאסאלן באקרוינט מיט ערפאלג, ווי ער זעלבסט אפילו; פאר איר האט זיך דער אינטערעס צום סאציאליזם פולשטענדיק געדעקט מיט איר אינטערעס צו לאסאלן — דורך אים איז זי דאך בכלל ערשט געקומען צום סאציאליזם. און אירע געפילן צו לאסאלן האבן זיכער גורם געווען דאס, וואס זי האט אים צוגערעדט צו שריט, וועלכע האבן געקאנט, אפשר באפרידיקן זיין פערזענלעכן ערגייץ, אבער זיי זענען עלול געווען אין העכסטן גראד צו קאמפראמיטירן די באוועגונג. פאר איר איז לאסאל און באוועגונג געווען כמעט ווי איין באגריף, זי האט אלץ געזען און אויפגעפאסט נאר אין שיין פון זיינע אינטערעסן. איבערגעגעבענע פריינט פון דעם מין האבן געווינלעך זער א צווייפלהאפטן ווערט. ווען זיי זענען נאך דערצו א דאנק זייער ערציונג, סאציאלן מעמד א. א. וו, נישט פריי פון קלאסן-פאראורטיילן און האבן קיין אייגענעם זעלבשטענדיקן ווירקונגס-קרייז, ווערט זייער איבערגעגעבנהייט צומאל געפערלעך ווי סם. האבן זיי וועם ליב, באפעסטיקן זיי אים אין אלע זיינע פעלערן און שוואכקייטן, זיי רייצן כסדר זיין עמפינדלעכקייט און ציען זיין אויפמערקזאמקייט אויף יעדעס אמתע און כלומרשטע אונרעכט, וואס ווערט באגאנגען קעגן אים; זיי דורשטן אין די פאלן נאך נקמה א סך מער ווי דער באליידיקטער זעלבסט, זיי העצן און אינטריגירן — אלץ, נאטירלעך, מיט די בעסטע כונות, און פאקטיש צום גרעסטן שאדן פון דעם, פאר וועמען זיי זארגן אזוי טריי.

האצפעלד איז געווען א קלוגע און איז געווען א סך פראקטישער און ערפארענער, איידער לאסאל, כאטש זי האט נישט געהאט נישט זיין וויסן, נישט זיין ענערגיע. ער האט זיך זער גערעכנט מיט אירע מיינונגען, אויב זיי האבן זיך נאר נישט אנגעשטויסן אויף א ווידערשטאנד מצד זיינעליידנשאפטן; אירע אן עצה האט אבער דערפאר דאפלט געווירקט, אויב זי האט זיך געפונען אין איינקלאנג מיט זיין ליידנשאפט. אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו צו דער גרעפין, נישט לאנג פאר זיין טויט, שרייבט ער איר, אז זי איז אייגנטלעך שולדיק דערין, וואס ער האט אנגענומען די וואל פון פרעזידענט אין אלגעמיינעם דייטשן ארבעטער-פאריין. געוויס דארף מען דאס פארשטיין נישט בוכשטעבלעך. לאסאל וואלט מסתמא און איר אויך געווען אנגענומען דעם פאסטן. אבער אין אזוינע פאלן

לאזט מען זיך זער לייכט באַאיינפלוסן פון גוטע פריינט — ס׳דוכט
זיך, די אייגענע פאראנטוואָרטלעכקייט ווערט צוליב דעם פּאַרקלע=
נערט. לאסאל האט געהאט געוויסע ספקות, און די גרעפין האט אים
צוגערעדט און בארויקט — און עס לייגט זיך זייער אויפן שכל, אַז
זי האט עס געטון, האבנדיק אין אויג די געשעענישן, וועלכע האָבן
געזאָלט פּאָרקומען אין גיכן אין פּרייסן. עס איז גענוג צו דערמאנען
די ערקלערונגען, וועלכע לאסאל האט געמאכט אין זיין פארטיידי=
קונגס=רעדע בעת דעם משפט פאַר מלוכה=פאראַט. דארטן זאגט ער,
אז שוין פון ערשטן טאָג אָן, ווען ער האט אָנגעהויבן זיין אַגיטא=
ציע, האט ער געוואוסט, אַז ביסמאַרק גרייט זיך געבן אלגעמיינע
וואַל=רעכט און אז בעת ער האט ארויסגעלאזט זיין „אפענע תשובה”,
איז פאר אים געווען „קלאר, אז מיר שטייען פאר נאָענטע אויסער=
לעכע קאנפליקטן, אזעלכע, וועלכע וועלן מאכן אוממעגלעך זיך נישט
צו רעכענען מיטן פאלק”. אמת, דארט קומט אַזוי אויס, ווי יעדער
איינער וואלט דאס זעלבע געקאנט וויסן, ווען ער וואלט נאר גוט
נאכגעשפּירט דאס לעבן, אבער מיר האבן שוין געזען פון לאסאלס
בריוו צו מאַרקסן, אז אין זיינע פּאליטישע שריט האט ער זיך גע=
לאזט שטארק באַאיינפלוסן דורך דער „אינפארמאציע” וועגן די גע=
שעענישן אין די רעגירונגס=קרייזן, וועלכע ער פלעגט באַקומען פון
„דיפּלאמאטישע קוועלן”.

דער צו לאנגזאַמער וווּקס פונם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבע=
טער=פאריין האָט אויף האצפעלד זיכער געווירקט נאָך מער, ווי אויף
לאַסאַלן. זי האָט זיך געפילט שטאַרק אנטוישט. און אַזוי ווי זי איז
אויסגעוואַקסן אין אַ קרייז, ווו איינטריגע און שטילע דיפּלאָמאטיע
זענען פון תמיד געווען די אָנגענומענסטע מיטלען, האָט זי אויך
דאָס מאָל גענומען זוכן אומוועגן, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען לייכ=
טער דערגרייכן דאָס, וואָס גייט זיך אַזוי שווער איין אין אָפענעם
קאַמף. צוהילף איז איר דערביי געקומען לאסאלס טבע צו זיין בכלל
האַרטנעקיג אין זיינע שטרעבונגען און זיך צו דערשלאָגן צו זיינעם
אַ ציל אום יעדן פּרייז, זיין אומגעהייער טעמפּעראַמענט און זיין הוי=
כער געפיל פון זעלבסווערדע. היינט צו טאג קאן מען נישט זאגן
אויף זיכער, ווי ווייט דעמאלס זענען שוין פארקניפּט געווען יענע
פעדעם, וועלכע האָבן שפּעטער געבראַכט לאַסאַלן אין פּאַלאַץ פון
הער ביסמאַרק; אָבער סיי די ווערטער, וועלכע לאַסאַל האָט אָדרע=

סירט צו זיין פּריינס לעווי, בעת ער האָט געגרייט צום דרוק זיין רעדע „די פייערונגען, די פרעסע א. א. וו.“ אין וועלכע לויטן: „וואָס איך שרייב דאָ, שרייב איך בלויז פאַר אַ פאָר מענטשען אין בערלין“, און טאַקע דער אינהאַלט פון דער רעדע גופא באַווייזט, אַז די פעדעם זענען אלענפאלס פלייסיק געשפינט געווארן. די רעדע איז פול מיט אָנפאלן אויף דער פראגרעסיסטן-פאַרטיי, וואָס זענען טיילווייז זייער גוזמא׳דיק, בעת דעם מיניסטער ביסמאַרק ווערט גאַנץ דייטלעך געחנפעט אין דער רעדע. אויב ביז דאַן האָבן דער דעמאָקראַט און דער סאציאליסט אין לאַסאַלן אַלע מאָל באַהערשט די נטיה צו דעמאגאגיע, האָט איצט די לעצטע אונטערדריקט די ערשטע.

אין יוני 1863 האט די פרייסישע רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזט דעם לאַנדטאג, און האָט גלייך נאכדעם ארויסגעגעבן א רייע פרעסע-פארשריפטן, אויפן סמך פון וועלכע די אויספיר-מאַכט האט געקאנט נאָך צוויי התראות אָפשטעלן אויף א צייט אָדער אויף שטענדיק יעדע צייטונג און יעדן זשורנאל אויב „זיי זענען אַ געפאר פאר דער געזעלשאַפטלעכער רו“. די ליבעראַלע פרעסע, וועלכע האָט זיך מערסטענס געפונען אין די הענט פון פריוואַטע אונטערנעמער, האָט געמאַכט איין אויספיר פון דער געשאַפענער לאַגע: זי האָט אויפגעהערט צו שרייבן איבער פראַגן פון אינערלעכער פאָליטיק. אַזאַ טאַקטיק איז נאַטירלעך גאָר ווייט פון העלדישקייט, אָבער זי האַלטן פאַר אַ מיאוסן פאַרראַט, ווי דאָס האָט געטון לאַסאַל, קאָן מען אויך נישט. לאַסאַל האָט פאַרזען איינס, אַז ביסמאַרקס כונה איז בפירוש געווען צו רואינירן געשעפטלעך די פאַרהאַסטע אָפאָזיציאָנעלע צייטונגען, כדי אויף זייער אָרט אויפצושטעלן אַן אייגענע אָדער אַ נאָענטע פרעסע. דער פרעסע-באַפעל האָט אויסדריקלעך געלויטעט:

„די פאָזיטיווע קעגנווירקונג פון דער קאָנסערוואַטיווער פרעסע קאָן שוין צוליב דעם נישט זיין איבעריק גרויס, ווייל דאָס רוב אָפאָזיציאָנעלע צייטונגען האָבן שוין יאָרנלאַנג צוגעווינט צו זיך דאָס פובליקום און די קאָמערציעלע זייט פון זייערע אונטערנעמונגען איז אַזוי איינגעפונדעוועט און פירט צו אַזאַ פאַרשפרייטונג, וועלכע ס׳איז זייער שווער צו באַקעמפן“.

ווען די ליבעראַלע פרעסע האָט אויסגעמיטן די רעפרעסיעס, האָט זי דערמיט גופא געשטערט דער רעגירונג אויפצושטעלן איר אייגענע פרעסע. דאָס שווייגן האט אין אַ געוויסער מאָס צונישט געמאַכט

דעם הויפטציל פונם פרעסע=באַפעל. און אַפילו דער פּאָליטישער עפעקט איז אויך דורכן שווייגן ביז אַ געוויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן. לאַסאַל אין זיין רעדע מיינט, אַז ווען די ליבעראַלע פרעסע זאָל געווען לאָזן אָנווענדן צו איר די פאַרבאטן, און דער קליינבירגער וואָלט צום פרישטיק נישט געהאַט זיין געוויינטלעכע צייטונג, וואָלט דאָס אַרויסגערופן אַזאַ צאָרן קעגן דעם פרעסע=באַפעל, אַז די רעגירונג וואָלט געמוזט נאָכגעבן. ס'איז נישט אינגאַנצן אַזוי. די אויפגעבראַכקייט איז נישט קלענער געוואָרן דערפון, וואָס דער קליינבירגער האָט זיין צייטונג יאָ באַקומען,— ווייל איר אינהאַלט איז געווען פאַר אים אַ טאָג=טעגלעכע דעמאָנסטראַציע, אַז אויף זיין צייטונג הייגנט אַ שלאָס, און עס פעלט אים זיין געליבטער לייט=אַרטיקל.

און נאָך איינס. דער באַפעל האָט בכלל געקאָנט גילטן נאָר ביז דער לאַנדטאַג וועט זיך ווידער צונויפקומען. ס'האָט זיך אַזוי אַרום געהאַנדלט בלויז וועגן אַ צייטווייליקן צושטאַנד — און די ליבעראַלע פרעסע האָט נישט געהאַט קיין שום גרונד אָנצוטון ביסמאַרקן אַ נחת=רוח און „שטאַרבן מיט ערע“ ווי לאַסאַל האָט זיך אויסגעדריקט.

דער פאַרדרוס פון דער רעגירונג איז געווען זייער גרויס, און ער האָט געפונען זיין אַנטשפּרעכנדיקן אויסדרוק אין די רעגירונגס=בלעטער. לאַסאַל אָבער טייטש דעם פאַרדרוס אויס אויף זיין שטייגער: „אַפילו די רעאַקציאָנערע בלעטער האָבן נישט געקאָנט גענוג זיך אָפּוואונדערן און אויסדרוקן זייער אויפגעבראַכטקייט קעגן אַזאַ אויפפירונג“. און אַלס באַווייז ציטירט ער דעם „בערלינער רעווי“, דעם אָרגאַן פון די רעאַקציאָנערסטע צבוע'קעס.

די רעאַקציאָנערן האָבן שכל געהאַט צו פאַרשלייערן זייערע אָנפאַלן אויף דער ליבעראַלער פרעסע מיט אַ סאָציאַליסטיש מענטעלע; זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי באַקעמפן די ליבעראַלע צייטונגען צוליב זייער קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. און לאַסאַל—אָנשטאָט צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ פעלשונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק און אָפּוואַרפן יעדע סאָלידאַריטעט מיט די פאַרשוינען, אָנשטאָט דעם האָט ער פאַרקערט געהאָלפן די ביסמאַרקיאַנער אין זייער שפּיל, און האָט זייערע בלעכענע מטבעות רעקאָמענדירט די אַרבעטער אַלס עכטעס גאָלד.

געוויס איז דאָס זייער אַ טרויעריקער מצב, וואָס די פרעסע איז היינט צו טאָג אַ געלט=געשעפט, און צוליב דעם אַ גרויסער פאַקטאָר

פון קארופּציע אין עפענטלעכן לעבן. צו דעם קאָן מען אָבער ווייניק וואָס העלפן, כּל־זמן עס עקזיסטירט דאָס קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אייגנטום, און ווייניקער פאַר אַלץ דורך באַגרענצונגס־געזעצן, אַרויס־געגעבן פון דער מלוכה, וועלכע ווערט אַליין אויך געפירט אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן אופן. באַ היינטיקן טאָג איז לעת עתה דער בעסטער מיטל אין דער הינזיכט דוקא די פרייהייט פון דער פּרעסע. פון דעם האָט די רעגירונג, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט הערן אפילו, און לאַסאַל האָט פאַקטיש זי געשטיצט דערין. אמת, ער האָט זיך איינ־געשטעלט פאַר פולער פּרעסע־פרייהייט, אָבער דערביי האָט ער גע־האַלטן, אַז כּדי די פּרעסע זאָל באמת זיין אינערלעך פריי, דאַרף מען באַ איר אָפּנעמען דאָס רעכט פון צו דרוקן אַנאָנסן. דאַמאָלט וועלן די צייטונגען אויפהערן צו זיין אַ גוט געלט־געשעפט, און נאָר די וועלן זיך אָפּגעבן מיט זיי, ווער ס׳וויל באמת קעמפן פאַר די גייסטיקע אינטערעסן פון פאָלק און פאַר זיין אַלגעמיינעם וואוילז.

מען פאַרשפּאָרט לאַנג ברייען, אַז דאָס מיטל וואָלט ניט גע־האַט קיין שום ווירקונג. לאַסאַל האָט באַדאַרפט בלויז אַ קוק געבן וואָס טוט זיך אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך, כּדי זיך איבערצייגן דערין. אין ענגלאַנד זיינען די אַנאָנסן אַלעמאָל געווען און זיינען נאָך עד עתה דער וויכטיקסטער מקור פון הכנסה פאַר דער פּרעסע, און אין פראַנקרייך איז דער פּרעסע אמת ניט פאַרווערט אָנצונעמען אַנאָנסן, אָבער דער מלוכה־שטייער פון זיי איז אַזוי גרויס, אַז די הכנסה איז אַ מינימאַלע. און וואָס זעען מיר? איז די פראַנצויזישע פּרע־סע בעסער איידער די ענגלישע? איז זי ווייניקער פאַרדאָרבן, דינט זי ווייניקער דעם קאַפּיטאַל? אַבסאָלוט ניט. פאַרקערט, דער באָנאַ־פּאַרטיזם האָט נאָך צוליב דעם לייכטער געקאָנט קויפן די פּרעסע, און די פינאַנץ־ספערן האָט זי נאָך מער געקאָנט אויסנוצן, ווי אין ענגלאַנד.

אָבער דאָ אַלנפאַלס האָט לאַסאַל אָנגערירט זייער אַ אינטערע־סאַנטן פאַקט פונם מאָדערנעם עפנטלעכן לעבן. דער מאָמענט איז אפשר געווען ניט קיין פּאַסיקער דערפאַר, און די רפואה, וואָס לאַסאַל האָט פאָרגעלייגט, איז געווען טאַקע ניט קיין געראָטענע, אָבער דער פאַקט אַליין איז געווען זייער ריכטיק אָנגעוויזן: די פּרעסע, צי מיט אַנאָנסן צי אָן זיי, ווערט אַלץ מער אַ קאַפּיטאַליסטישער אינ־סטיטוט, אַ קרעבסוואונד, אויף וועלכער מען מוז ציען די אויפמערק־

זאַמקייט פון די אַרבעטער, כדי זיי זאָלן זיך באַפרייען פון אונטערן איינפלוס פון די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַנען. דאַקעגן איז שוין געווען גאָר אומגעלונגען לאַסאַלס שטעלונג צו די פייערונגען, וועלכע די פּראָגרעסיסטן האָבן איינגעאָרדנט אין יאָר 1863, ביסמאַרקן אויף להכעיס. לאַסאַל האָט זייער גוט געוווּסט, אַז די דאָזיקע פייערונגען זענען געווען נישט מער ווי אַגיטאַציאָנס-פאַרזאַמלונגען, ווי דעמאָנסטראַציעס קעגן דער רעגירונג, פּונקט ווי ענלעכע אַרויסטרעטונגען זענען פאָרגעקומען בײַ גלייכע אומשטענדן אין פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד. און האָט ער געוואָלט קריטיקירן, האָט ער געקאָנט אונטערשטרייכן, אַז די פייערונגען אַליין זענען קנאַפּ-וואָס בכוח אויסצופּועלן, אַז מיט זיי זיך באַנוגענען הייסט פּאַקטיש בלייבן שטיין אויף איין אָרט אינם קאַמף קעגן דער רעגירונג. אָנשטאָט דעם האָט לאַסאַל אָבער פּשוט איבערגעחזרט אַלץ, וואָס די רעגירונג-פּרעסע האָט געשריבן וועגן די פייערונגען, און נאָך מיט מער פאַראַכטונג און ביטול ווי זי. ווער נאָר ס'קען נאָענטער די געשיכטע פון דעם פּרייסישן קאָנסטיטוציע-שטרייט פון 1863, דער קאָן נישט לייקענען אָט די שטעלן פון לאַסאַלס רעדע אָן אַ געפיל פון טיפן פאַרדרוס.

און אומגערעכט איז לאַסאַל אויך אין דריטן טייל פון זיין רעדע, וואו ער קריטיקירט דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט (צענויפגערופן זומער 1863.) ער וואַרפט פאָר די פּראָגרעסיסטן, אַז זיי חנ'דלען זיך צו די דייטשע פירשטן, כדי צו דער'רגז'ענען ביסמאַרקן — מיר האָבן שוין געזען, אין דער „אָפענער תשובה", ווי ער פאַלט אָן אויף דער „דאָגמע פון פּרייסישער איבערהערשאַפט", האַלטנדיק פּרייסן פאַרן רעאַקציאָנערסטן שטאַט—און אַליין דערלויבט ער זיך, טאַקע אין דער אייגענער רעדע, דיזעלבע שפּיל, מיט דעם חילוק נאָר, וואָס ער חנ'דלט זיך צום צווייטן צד, צו ביסמאַרקן. אין דער גאַנצער רעדע איז נישט פאַראַן קיין איין וואָרט קעגן ביסמאַרקן אָדער קעגן דער פּרייסישער רעגירונג, פאַרקערט, זייער אַ סך דירעקטע און אומדירעקטע קאָמפּלימענטן אויף זייער אַדרעס. ביסמאַרק איז פאַר אים „אַ מאַן", די פּראָגרעסיסטן—אַלטע ווייבער, וואָס צו זייערע באַשלוסן אין פאַרלאַמענט „מעג מען זיך באַציִען מיט אַרואיקן שמייכל פון פאַראַכטונג".

אין דער רעדע איז פאַראַן נאָך אַ שטעל, וועלכע ווייזט, ווי לאַסאַל האָט געביטן דעם פראָנט. דער פירער פון נאַציאָנאַל-פאַריין, הער פאָן בעניגסען, האָט געשלאָסן דעם פּאַרלאַמענט מיט פאָלגנדיקע

ווערטער, וועלכע זענען ווערט דאָ ווידער דערמאָנט צו ווערן: „די לייךנשאַפט פון פאָלקס-פּאַרטייען און די עקשנות פון רעגירונגען האָבן שוין נישט איינמאָל געבראַכט צו רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן. דאָס דייטשע פאָלק איז נישט נאָר אייניק אין זיינע פאָדערונגען, נאָר אויך גענוג מעסיק אין זיי; די דייטשע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי וויל נישט און קאָן נישט מאַכן קיין רעוואָלוציע, אָבער זי וועט נישט טראָגן קיין אחריות דערפאַר, אויב נאָך איר וועט קומען אַן אַנדער פּאַרטיי און וועט אָרגאַניזירן אַן איבערקערעניש, זעענדיק אַז קיין רעפאָרמען זענען נישט מעגלעך". ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך זייער אַ „פּוילע" דראָונג, אָבער דאָך אַ דראָונג. „מיר ווילן נישט קיין רעוואָלוציע, גאָט באַהיט, אונזערע הענט זענען ריינגעוואַשן, אָבער ווען איר ווילט נישט נאָכגעבן, וועט די רעוואָלוציע פּאָרט קומען, און דאַן זאָלט איר צו זיך אַליין טענות האָבן". אמת, ס'איז זייער אַ פחדנותדיקער אופן פון דראָען, אויב מען פּילט טאַקע הינטער זיך דאָס גאַנצע פאָלק, אָבער צום באַדויערן איז עס זייער אַ געוויינלעכע מאַניר פון רעדן, אויף אַזוי פיל געוויינלעך, אַז קיין שום אָרט פאַר מיספאַרשטענדנישן איז דאָ דוכט זיך נישטאָ. וואָס טוט אָבער לאַסאַל? ער מאַכט זיך גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט פאַרשטאַנען די דאָזיקע דראָונג, און טוען טוט ער עס נישט כדי צו שטופן די פּראָגרעסיסטן צו אַ מער דרייסטער שפּראַך, נאָר כדי זיי גופא צו דראָען אויף דעם פאַל, ווען ס'וועט יאָ קומען צו אַ רעוואָלוציע אָדער צו אַ מלוכה-איבערקערעניש. ער ברענגט די אויבן ציטירטע ווערטער פון פאָן בעניגסען, און באַגלייט זיי מיט אַזאַ מומכא: „לאָמיר-זשע אַלע אויפהויבן אונזערע הענט און שווערן, אַז ווען עס וועט קומען, אויף דעם אָדער אַנדערן אופן, דער אויפשוונג, וועלען מיר דערמאָנען די פּראָגרעסיסטן און די נאַציאָנאַל-פּאַראיינלייט, אַז זיי האָבן ביזן לעצטן מאָמענט ערקלערט: זיי ווילן נישט קיין שום רעוואָלוציע! הויבט אייערע הענט און שווערט".

און „די גאַנצע פאַרזאַמלונג הויבט אין גרויסער אויפרעגונג אויף די הענט", דערציילט לאַסאַל אַליין אין זיין באַריכט וועגן דער רעדע.

וואָס באַטייט אָבער די דראָונג, אָט דאָס „דערמאָנען"? נישט אַנדערש ווי אַ אָנצוהערעניש, אַז בעת ס'וועט קומען צו אַ געוואַלט-צוזאַמענשטויס, וועט מען די פּראָגרעסיסטן אויב נישט אַטאַקירן איז אַלענפאַלס וועט מען זיי לאָזן „אויף גאָטס באַראַט". אין יענעם מאָ-

מענט האָט אַזאַ דראָונג געקאָנט נאָר שרעקעוודיקער נאָך מאַכן די
פּראָגרעסיסטן, ניִשט טרייבן זיי לינקס.
אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען, אין זאָלינגען, איז עס גע־
קומען צו אַ בלוטיקן קאָנפליקט. עטלעכע פּראָגרעסיסטן האָבן געפּרוווּ
שטערן לאַסאַלן צו ריידן, דאַן זענען די עקזאַלטירטע אָנהייגער זייגע
זיי באַפאַלן מיִט מעסער. ווען דער בורגמייסטער איז געקומען אין אַ
האַלבע שעה אַרום און האט אופן גרונט פון דעם פאַרפאַל אויפגע־
לייזט די פאַרזאַמלונג איז לאַסאַל אין באַגלייטונג פון אַ גרויסן המון
וועלכער האט איִם דעם גאַנצן וועג געמאַכט באַגייסטערטע אוואַציעס
אַוועק צום טעלעגראַף און האט אַוועקגעשיקט צו ביסמאַרקן די באַ־
קאַנטע דעפּעשע: „דער פּראגרעסיסטישער בורגמייסטער איז אקאַרשט
געקומען מיִט 10 באַוואפנטע זשאַנדאַרמען און מיִט איינזיקע פּאָליצי־
סטען מיִט בלויזע שווערטן און האט אַן אַ שום געזעצלעכן גרונט
אויפגעלייזט די פון מיר צונויפגערופענע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג“. די
דעפּעשע ענדיקט זיך מיִט אַ בקשה וועגן „שטרייִנגער, שנעלער און
געזעצלעכער באַפרידיקונג“.
ווען מען זאָל אפילו נעמען אין באַטראַכט אַלע מאמענטן, וועלכע
פאַרענטפערן לאסאלן: זיין פאַרביטערונג קעגן די פּראגרעסיסטן פאַר
זייערע אָפּטע אנגריפן, זיין געדריקטע שטימונג צוליבן לערך קליינעם
ערפאָלג פון זיין אַגיטאַציע, זיין טיפן עקל צו דער שרעקעוודיקער
טאַקטיק פון די פּראָגרעסיסטן און זיין איינזייטיקט אָבער אימער
אויפריכטיקע קעגנערשאַפט צו דער ליבעראַלער עקאָנאָמישער שיטה —
קורץ, ווען מען זאָל זיך איבגאַנצן איבערטראָגן אין זיין דעמאָלטיקן
צושטאַנד, באַווייזט פאַרט די דאָזיקע דעפּעשע, צוזאַמען מיִט דער
פריִער געשילדערטער רעדע, אַז לאַסאַל האט נאך זיין צוריקקומען
קיין דייטשלאַנד אָנגעוואוירן זיין אינערלעכע האפט, ער האָט פאַרלאָרן
אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, זיין אייגענעם שטאַנדפונקט. אַזאַ
דעפּעשע קאן מען ניִשט מוחל זיין קיין קאָנסערוואַטאר, בפרט אַ מענטשן
וועלכער האָט זיך מיִט שטאָלץ אַליין גערופן רעוואָלוציאָנער, און וועל־
כער האָט זיך געוויס נאָך געהאלטן פאַר אַזעלכן לויט זיינע איִנער־
לעכע איבערצייגונגען, אפגעזען פון אַלע אַנדערע מאָטיוון, האָט דאָך
דער פּשוטסטער טאַקט־געפיִל באַדאַרפט אָפּהאַלטן לאַסאַלן פון צו
אַפּעליִרן צו דער מאַכט, פון צו שיקן אַ דעפּעשע, וועלכע שמעקט מיִט
אַ פּאָליטישער מסירה.

און וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן דער דעפעש, וואָלט מען נאָך אפשר געקאָנט זי דערקלערן מיט דער אויפרעגונג, וועלכע עס האָט אַרויסגערופן די אויפלייזונג פון דער פאַרזאַמלונג. לאַסאַל האָט אבער דערנאָך שוין באַ אַ קאַלטן ישוב הדעת, אנגענומען ווייטערדיקע שריט, וועלכע ווידערשפרעכן אינגאַנצן זיינע אייגענע פאָליטישע אנשויאונגען. ס'איז גענוג צו ברענגען איין ביישפיל, וועלכער האָט גראַד אַ שייכות צו די פריער־דערמאנטע געשעענישן.

איינציקע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויף דער זאַלינגענער פאַרזאַמלונג זיך באַנוצט מיט מעסער אינם געשלעג, זענען אין פרילינג פון 1864 פאַרמשפט געוואָרן צו מערערע חדשים טורמע. דעמאָלט איז לאַסאַל געווען דער, וועלכער האָט עטלעכע מאָל ערנסט פאָרגעלייגט, אַז די פאַרמשפטע זאָלן דערלאַנגען דעם פּרייסישן קעניג אַ בקשה וועגן באַגנעדיקונג, און אַז די בקשה זאָל געשטיצט ווערן דורך אַן אַלגעמיינעם אַרבעטער־אַדרעס אויפן זעלבן נאָמען. און דאָס איז דער זעלבער לאַסאַל, וועלכער האָט ערשט מיט איינציקע יאָר צוריק געשריבן מיט הארצוווייטאָק (זע ז. 88 אין דעם בוך) וועגן דעם, אַז דאָס פאָלק אין פּרייסן איז נאָך אַזוי „מאָנאַרכיסטיש געשטימט", דערזעלבער לאַסאַל וואָס האָט אין פראַנקפורט אויסגעשריגן: „איך האָב קיין חשק נישט און קיין באַרוף צו רעדן צו וועמען ס'נישט איז, אויסער דעמאָקראַטן", דער, וועלכער האָט אַלס פירער פון דער נייער באַוועגונג געזאָלט דער ערשטער ווייזן זיינע אָנהענגער אַ מוסטער פון דעמאָקראַטישן שטאָלץ — און ער לייגט דאָס פאַר די אַרבעטער צו ווענדן זיך צום קעניג און בעטן אים אין באַגנעדיקונג! די אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעוויזן טאַקט־פעסטער, אַלס זייער פירער. דעם 20 אַפּריל 1864 מעלדעט דער זאָלינגענער באַפולמעכטיקטער קלינגעס, אַז קיינער האָט נישט פון לאַסאַלס פאָרשלאַג, אַז אַלע הויפט־מיטגלידער פון פאַריין האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאָרשלאַג. „די צוויי היגע פאַרמשפטע געהערן צו דער אַנטשיידנסטער אַרבעטער־פאַרטיי, און ווען זיי זאָלן אפילו דאַרפן אָפּזיצן פיר יאָר, וואָלטן זיי אויך נישט מסכים געווען אויף אַזאַ שריט, ווייל דאָס איז קעגן זייערע איבערצייגונגען, צו זיין וואָס ס'נישט איז שולדיק זיין מאַיעסטעט דעם קעניג".

דער דאָזיקער ווידערשטאַנד האָט אויפגעוועקט אין לאַסאַלן זיין דעמאָקראַטישן געוויסן, און ער האָט אנגעשריבן קלינגעסן, אַז ער

שטאַלצירט מיט דעם, וואָס זיין פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דערביי אָבער איז ער נאָך געבליבן בײַ זיין מיינונג, אַז אַן אַרבעטער־אַדרעס צום קעניג וועגן אַ גבאָד־בקשה קאָן יאָ גרויסע נוצן ברענגען. ער שרייבט וואָרטלעך אַזוי: „ווען דער אַדרעס זאָל זיין אונטערגעשריבן פון עטלעכע טויזנט אַרבעטער, קאָן ער אפשר האָבן גאָר די אומדירעקטע פּעולה — גאַנץ אומאָפּהענגיק פון אונז — אַז אין די רעגירונגס־קרייזן זאָל מען זיך גיכער אַנטשליסן צו פּראָקלאַמירן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט; ווי איר קאָנט זען פון דעם באַגלייטן לייט־אַרטיקל פון דער מיניסטערשער צייטונג, ווערט איצט פּונקט די פראַגע דאָרטן באַהאַנדלט”. דער דאָזיקער אַרגומענט האָט אָבער אויך נישט איבערצייגט די זאַמלינגענער — און אַ דאַנק דעם האָט די באַוועגונג אויסגעמיטן אָט דעם פאַלשן שריט.

ווען לאַסאַל איז געקומען קיין בערלין, אין אָנהויב אָקטאָבער 1863, האָט ער קודם כּל זיך גענומען מיט זיין גאַנצן אימפּעט צו געווינען דעם הויפּט־צענטער פאַר זיינע אידייען. ער האָט אָנגעשריבן אַן אויפרוף „צו די אַרבעטער פון בערלין”, האָט אים געלאָזט אָפּדרוקן אין 16 טויזנט עקזעמפּלאַרן און האָט אים צוטייל אָן געלט פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער. דער אויפרוף איז געווען גוט געשריבן און האָט זייער געלונגען פּאָלעמיזירט מיט דער פּראָגרעסיסטישער פּרעסע („פאָלקסצייטונג” און „רעפאָרם”) פאַר איר געפעלשטע באַריכטן וועגן די רהיין־פאַרזאַמלונגען — דאָך איז דער ערפאָלג זיינער געווען נישט איבעריק גרויס. די ערשטע בערלינער פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין קליינע לאָקאַלן, און אַלע האָבן פון זיי חוזק געמאַכט, און ווען בעת דער ערשטער גרעסערער פאַרזאַמלונג איז געקומען פּאָליציי און האָט לויט אַ פאַראָרדנונג פון פּראָקוראָר אַרעסטירט לאַסאַלן, זענען געווען אַזוינע פאַנטאַזירטע אַרבעטער, וועלכע האָבן באַגעגנט דעם אַרעסט מיט בייפאַל־געשרייען. אַ גרויסע צאָל פון די, וועלכע האָבן זיך געהאַט רעגיסטרירט אין פאַריינען פשוט אויס נייגיר אָדער אונטער דעם איינפלוס פון לאַסאַלס פאָרטראַגן, זענען איצט צוריק אָפּגעפאַלן — און אויב אין דעצעמבער 1863 האָט דער פאַריין שוין געציילט אַריבער 200 מיטגלידער, האָט ער אין פעברואַר 1864, צוריק געהאַט קוים אַ דריי טוץ מיטגלידער, און דאָס מייסטנס נישט קיין אַרבעטער.

אַ חוץ דער אַגיטאַציע איז לאַסאַל געווען שטאַרק באַשעפטיקט

מיט זיינע פראָצעסן און בכלל מיט סכסוכים מיט דער מאַכט. ווייל ביסמאַרקס קאַבינעט איז געווען זייער צופרידן מיט לאַסאַלס אַגיטאַציע, אויף וויפל זי איז געווען געריכטעט קעגן די פראָגרעסיסטן, האָט ער פונדעסטוועגן זייער גוט געוואוסט, אַז לאַסאַל וועט זיך נישט לאָזן אויסנוצן אַלס אַ פשוט ווערקצייג און וועט פאַר זיי קיין מיטהעלפער נישט זיין. דאָס מיניסטעריום איז דערום זייער צופרידן, וואָס די נידעריקערע מאַכט פאַרוואַרפט לאַסאַלן מיט פראָצעסן: אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען אין אַ פאַסיקן מאָמענט אָדער זיך באַפרייען פון דעם אומבאַקוועמען טוער, אָדער אפשר דורך די רעפּרעסיעס אים „איינבייסן" און איבערציען גאָר אויף דער זייט. אַזוי צי אַזוי, נאָר די פראָקוראַטור פון דיסלדאָרף האָט פאַראָרדנט צו קאָנפיסקירן די רעדע „די פייערונגען, די פרעסע א. אַ. וו." און האָט פאַרפירט אַ פראָצעס קעגן לאַסאַלן פאַר עובר זיין אויף די פאַראַגראַפן 100 און 101 פון פרייסישן שטראָף־קאָדעקס (אויפרייצונג און פאַרשפרייטונג פון פאַלשע פאַקטן כדי אַרונטערצורייסן פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט.) לאַסאַל האָט זייער פיל געהאַט צו טון מיטן פראָצעס. אין דער ערשטער אינסטאַנץ איז ער פאַרמשפט געוואָרן צו אַ יאָר טורמע, און אין דער צווייטער אינסטאַנץ איז די שטראָף פאַרקלענערט געוואָרן ביז אַ האַלב יאָר. פאַרן פלוגבלאַט „צו די אַרבעטער פון בערלין" האָט די פראָקוראַטור ווידער אַמאָל אים אָנגעקלאָגט ווי פאַר מלוכה־פאַרראַט און האָט אים אַרעסטירט, אָבער ער איז באַלד אַרויסגענומען געוואָרן אויף ערבות. אין די אָנקלאַגע אין דער באַפעל וועגן אַרעסט זענען אפשר געווען אַ פערזענלעכער נקמה־אַקט מצד דעם פראָקוראָר שעליגג, וועמען לאַסאַל האָט שטאַרק אָנגעגריפן אין זיינער אַ רעדע פאַרן בערלינער שטאָט־געריכט מיט אַ יאָר פאַר דעם. צוערשט איז דער פראָצעס באַטראַכט געוואָרן אין מלוכה־געריכט, דעם 12 מערץ 1864, און דער פראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַרן לאַסאַלן נישט ווייניקער ווי דריי יאָר אַרעסטאַנטן־קאַמער און פינף יאָר פאָליציי־אויפזיכט. דאָס געריכט האָט פונדעסטוועגן די באַשולדיקונג אין מלוכה־פאַרראַט גאָר אָפּגעוואָרפן, און די איבעריקע באַשולדיקונגס־פונקטן האָט ער איבערגעגעבן אין געוויינטלעכן געריכט.

די פאַרטיידיקונגס־רעדע, וואָס לאַסאַל האָט געהאַלטן בעת דעם פראָצעס, איז זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט פאַר דער געשיכטע

פון זיין אַגיטאַציע. נאָר פריער דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן נאָך איין גרויסע סאָציאַל=פּאָליטישע אַרבעט פון לאַסאַלן, וועלכע איז אַרויס פון דרוק סוף יאַנואַר 1864, און וועלכע איז פאַקטיש דאָס וויכטיקסטע פּראָפּאַגאַנדע=ווערק זיינס. מיר האָבן אין זינען דאָס פּאָלעמישע בוך: „הער באַסטיאַ—שולצע פאָן דעליטש, דער עקאָנאָמישער יוליאַן אָדער קאַפּיטאַל און אַרבעט“.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט וועגן די פּאָרטראַגן, וואָס שולצע דעליטש האָט אין אָנהויב פון 1863 געהאַלטן אין בערלינער אַרבעטער=פאַריין, און וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט, געווענדעט קעגן לאַסאַלן, אונטערן נאָמען: „אַ קאַפּיטל צו אַ דייטשן אַרבעטער=קאַטעכיזיס“. די דאָזיקע זאַמלונג, וועלכע איז באַשטאַנען דורכויס פון פלאַכע אַלגעמיינע ערטער פון דער ליבעראַלער עקאָנאָמיע, איז געווען פאַר לאַסאַלן ווי געפונען: זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויך טעאָרעטיש צו פאַרניכטן שולצען, וועלכער איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער, און צוזאַמען מיט אים די פּאַרטיי, וועלכע האָט אים באַטראַכט פאַר איר עקאָנאָמישן העלד. נעמט מען אין אַכט, אַז לאַסאַל האָט זיך אייגנטלעך מיט סיסטעמאַטישע עקאָנאָמישע פאָרשונגען ביז דאַן נאָך נישט אָפּגעגעבן, אַז פונקט ווען ער האָט זיך געוואָלט נעמען פאַר אַזאַ אַרט אַרבעט האָט אים פאַרכאַפּט די פּראַקטישע אַגיטאַציע, און דערמאָנט מען זיך דערצו, אַז בעת ער האָט געשריבן זיין „באַסטיאַ—שולצע“ איז ער געווען צוגלייך שטאַרק באַשעפטיקט מיט זיינע געריכט=פּראָצעסן און מיט דער אָנפירונג מיטן פאַריין — מוז מען באמת האַלטן דאָס ווערק פאַר אַ נייעם באַווייז פון זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלענט, פון דער וואונדערלעכער פילזייטיקייט און עלאַסטישקייט פון זיין גייסט. אָבער די תנאים, באַ וועלכע דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, לאָזן זיך שטאַרק פילן אין אים. די פּאָלעמישע פאָרם האָט טאַקע מיטגעווירקט, דאָס בוך זאָל ווערן זייער פּאָפּולער; דער טאָן פון דער פּאָלעמיק האָט אָבער נישט ווייניק געליטן פון די דערמאָנטע אומשטענדן: לאַסאַל איז דאַן געווען אין אַ ביז גאָר אויפגערעגטער שטימונג, זיין צערייצטקייט איז נאָך מער געשטיגן, ווייל ער האָט אַליין גוט געפילט, אַז ער גליטשט זיך אַלץ מער אויף אַ פאַלשען וועג, אים האָט געדריקט אַ געפיל פון אַנטוישונג, און ער האָט געשטרעבט צו דערשטיקן אין זיך אָט דעם געפיל. און אפילו דער אינהאַלט איז אויך נישט אַלע מאָל אויף דער

געהעריקער וויסנשאַפטלעכער הויך. אין אַ סך ערטער האָבן מיר פאַר זיך בלויז קליינלעכע ווערטער-קריטיק, וועלכע טרעפט נישט אין ציל.*) איינצעלנע פרטים גלאַנצן ווי בריליאַנטן, אָבער דער גאַנצער זאַכלעכער און טעאָרעטישער אינהאַלט איז נישט פריי פון ווידערשפרוכן. דאָך האָט דאָס ווערק אַלס גאַנצעס דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס עס האָט שטאַרק געהויבן בײַ די דייטשע אַרבעטער זייער היסטאָרישן חוש און די פאַרשטענדניש פאַר אַלע טיפע פראָבלעמען פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע. ערטערווייז דערהויבט זיך דאָס בוך אויף אַ אומגעהייערע הויך, און אין די שטעלן באַווייזט זיך לאַסאַלס זשעני אין זיין העלסטן גלאַנץ.

## IX.

## לאַסאַל און ביסמאַרק.

אויף אלץ וואָס לאַסאַל האָט געשריבן נאָך זיין „באַסטיא-שולצע" ליגט א קלאָרער שטעמפּל פון אינערלעכער אויסגעשעפּטקייט, פון גייסטיקער מידקייט. ס'איז שוין נישט די אַמאָליקע ענערגיע, וועלכע האָט געשטראָמט פון א טיפן גלויבן אין אייגענעם כּוח און אין אמת פון דער קאַמפּס-זאַך, —ס'פילט זיך, אז לאַסאַל טוט זיך שוין אן א כּוח צו זיין אקטיוו, ענערגיש. דאָס זעט מען בולט אַרויס, ווען מען פאַרגלייכט, למשל, די „אַרבעטער-פּראָגראַם" מיט דער ראָנסדאָרפער רעדע, אדער די פאַרטיידיקונגס-רעדע „די וויסנשאַפט און די אַרבעטער" מיט דער רעדע אין פּראָצעס וועגן מלוכה-פאַרראַט. די אינערלעכע קראַפט איז איינגעבראָכן, און אנשטאט איר קומען בלויז שטאַרקע ווערטער; אנשטאט לאָגיש-צווינגנדיקע באַווייזן קומט לאָגישער בלענדווערק, און אנשטאָט צו איבערצייגן קומט לאַסאַל אן צום מיטל פון איבערשרייען. עס געשעט מיט אים דאָס זעלבע, אין וואָס

*) אזוי, למשל, איז די ערשטע אָנווייזונג לאַסאַלס קעגן דעליטשן, אז „באַדערפעניש" און „דראַנג צו באַפרידיקונג" זענען „נאָר צוויי פאַרשידענע טערמינען פאַר איין און דערזעלבער זאַך" א פאַלשע. בדרך כּלל פאַלן זיי בײדע צוזאַמען, אָבער איינס און דאָס זעלבע זענען זיי נישט. מיט עטלעכע זייטן ווייטער לאַכט לאַסאַל אָפּ פון דעליטשן, וואָס ער זעט-איין דעם אונטערשייד צווישן מענטשלעכער און טירישער אַרבעט אין דעם, אז די ערשטע (מענטשלעכע) איז אויסגערעכנט אויף צוקונפט-באַדערפנישן; ער פאַלט אָבער אַליין אַריין נאָך אין א גרעסערן טעות, מיינענדיק, אז דער חילוק באַשטייט בלויז דערין, וואָס דער מענטש אַרבעט מיט באַוואוסטזיין און די חיה נישט. דאָסזעלבע חזר'ט זיך איבער נאָך אין אַנדערע שטעלן.

ער האָט ערשט נישט לאַנג אליין באַשולדיקט די פּראָגרעסיסטן — ער ווערט פאַרשיכּורט פון בלומרשטע ערפאָלגן.

אין פּאַרראַט־פּראָצעס וויל לאַסאַל זיך ווערן קעגן דער באַשולדיקונג, אז זיין אגיטאַציע אנטהאַלט אין זיך דעם הינטער־געדאנק, אז מען מוז סוף כּל סוף אנקומען צו פיזישער געוואַלט, און ער באַנוצט זיך זייער געשיקט מיטן בילד פון וואַלענשטיינען (ביי שילערן) ערב זיין איבערגיין צו די שוועדן; ער ציטירט דעם מאָנאָלאָג פון ערשטן אַקט אין „וואַלענשטיינס טויט":

„איז דאָס מעגלעך געווען?—האָב איך דען נישט געקאָנט מער, ווי איך האָב געוואָלט?

די פערזן פאַסן זיך גראָד זייער פאַר לאַסאַלס לאַגע אין יענעם מאָמענט, ווייל זיין לאַגע איז טאַקע זייער ענלעך געווען צו דער פון וואלענשטיינען, בעת ער האָט אויסגערופן די געבראַכטע ווערטער. ער האָט אויך, פּונקט ווי וואלענשטיין, „געטון זאַכן—געברויכנדיק זיין אייגענעם אויסדרוק",—וועלכע ער האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען דערמיט, אביעקטיוו נאָכצופאָלגן די פּאַסירונגען אין דער איבערער און אויסערער פּאָליטיק, כּדי אויסצונוצן א גינסטיקן מאָמענט פאַר אן אַקציע צוליב זיינע פּלענער—ער איז אוועק אויף א וועג פון פאַרהאַנדלונגען מיטן פאָרשטייער פון דער מאַכט, קעגן וועלכער ער האָט געפירט דעם קאַמף, ער האָט פארקניפּט באַציונגען מיטן הער פאָן ביסמאַרק. געוויס, ער האָט געקאָנט נאָך גלייך ווי וואַלענשטיין, זאָגן:

„זי איז נאָך ריין—נאָך ריין! דאָס פאַרברעכן איז נאָך נישט אַריבערגעטראָטן די דיזיקע שוועל!"

ער האָט נאָך קיין שום התחייבותן אויף זיך נישט גענומען. צי איז ער אָבער נאָך געווען אינערלעך פריי? צי איז נישט מעגלעך געווען, אז די לאָגיק פון די פאַקטן זאָל אים טרייבן צו באַגיין דאָס „פאַרברעכן", וויבאַלד ער האָט נישט אָפּגעטריבן פון זיך דעם יצר־הרע"?

עס איז איצט שוין זיכער דערוויזן, אז אין ווינטער פון 1863—64 האָט לאַסאַל עטלעכע מאָל געפירט מיט ביסמאַרקן לאַנגע שמועסן, אונטער פיר אויגן. אין 1878־טן יאָר, ווען ביסמאַרק האָט אריינגעטראָגן זיין געזעץ קעגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט די גרעפין האצפעלד, לויט איר אייגענער איניציאַטיוו איבערגע־

געבן וועגן דעם פאַקט מיט אסך פּרטים די פאַרשטייער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, און ווען בעבעל האָט וועגן דעם געמאָלדן אין רייכסטאַג, אויף דער זיצונג פון 16-טן סעפּטעמבער 1878, האָט ביסמאַרק מוֹדה געווען, אַז ער האָט זיך טאַקע איינציקע מאָל געזען מיט לאַסאַלן, נאָר—האָט ער געפּרובט טענהן—קיין שום פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך דערביי נישט געפירט... שטיצנדיק זיך אויף די מיטיילונגען פון דער גרעפין האַצפעלד, האָט בעבעל דאַן ערקלערט: „אין די שמועסן האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוויי זאַכן: ערשטנס, וועגן פּראָקלאַמירן דאָס אַלגעמיינע וואַל רעכט, און צווייטנס וועגן אַרויסגעבן מלוכה-מיטלען פאַר די פּראָדוציר-פאַריינען. ביסמאַרק האָט אין גאַנצן מסכּים געווען אויף לאַסאַלס פּלאַן, ער האָט זיך נאָר געקווענקלט מיטן תּיכּף'דיקן פּראָקלאַמירן פונם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, ווי לאַסאַל האָט עס פאַרלאַנגט, איידער דער שלעזוויג-האָלשטינישער קריג האָט זיך נאָך געענדיקט מיט אַ פולן נצחון. צוליב אָט דעם פונקט זענען אַנטשטאַנען טיפע חילוקי-דעות צווישן לאַסאַלן מיט ביסמאַרקן, און איך ערקלער אויסדריקלעך, אַז נישט ביסמאַרק האָט איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען, נאָר לאַסאַל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער קאָן ביי אַזאַ אופן ווייטער די אונטערהאַנדלונגען נישט פירן". דערויף האָט ביסמאַרק געענטפערט: „אונזערע שמועסן האָבן זיך טאַקע געדרייט אויך אַרום דעם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, אָבער פאַר קיין פאַל האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן תּיכּף פּראָקלאַמירן עס. צו אַזאַ אוממעגלעכן געדאַנק—צו פּראָקלאַמירן דאָס אַלגעמיינע וואַל-רעכט פון אויבן— בין איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געקומען". ער האָט עס אמת אַקצעפּטירט, אָבער מיט אַ „געוויסן ווידערגעפיל", נאָר אַלס „פראַנקפורטער טראַדיציע". וואָס געהער צו די פּראָדוציר-פאַריינען, איז ער „נאָך איצט אויך שטאַרק מסופּק, צי זענען זיי טאַקע באמת נישט צוועקמעסיק". ליידער, האָבן די דעמאָלט אָנגעקומענע פּאָליטישע געשעענישן געשטערט צו פירן ווייטער די אָנגעהויבענע אין דעם פּרט פּראָבעס. איבעריקנס, און איז עס נישט ער, נאָר לאַסאַל איז געווען דער איניציאַטאָר פון די שמועסן, ער האָט עס אים שריפטלעך געבעטן וועגן דעם, און ער, ביסמאַרק, איז איינגעגאַנגען דערויף אויס ריינער נייגיריקייט און ליבהאַבעריי. „וואָס איז דען לאַסאַל געווען בכוח מיר פאָרצולייגן אָדער געבן? ער האָט גאָר נישט געהאַט הינטער זיך. באַ פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען שפּילט אַלע-

מאָל די הויפּט ראָלע דער Do ut des (איך גיב, כדי דו זאָלסט געבן), אפילו ווען מען זאָגט דאָס נישט אַרויס אין דער הויך צו־ליב אנשטענדיקייט. דא איז דאך א קלאָרע לאַגע. וואָס קאָנסט דו, אַרים באַשעפעניש, מיר געבן? — ער האָט נישט פאַרמאָגט גארנישט אַזוינס, וואָס ער זאָל געוועז קאנען מיר דעם מיניסטער פאָרלייגן".

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אז ביסמאַרק, וועלכער „האָט אָפיציעל נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן", באַגייט זיך דאָ מיטן אמת אויף א נישט־אָפיציעלן אופן. צוליב סתם פארבערענגען וואָלט לאַסאַל נישט געגאַנגען צו ביסמאַרקן, און דער לעצטער וואָלט נישט אזוי אינטענסיוו פארבעטן צו זיך דעם „רעוואָלוציאָנערן ייד" — ער אליין איז מודה, אז לאַסאַל איז אפשר געווען באַ אים א מאָל פיר, און די גרעפין פארזיכערט בפירוש, אז די באַזוכן פלעגן זיך איבער־חזרן דריי פיר מאָל א וואָך און די וויכוחים פלעגן דויערן שעהן לאַנג. און א חוץ דעם, איז געגוג דורכצובלעטערן די רעגירונגס־פרעסע פון יענער צייט און לייענען די דאַמאָלטיקע רעדעס פון די רעגירונגס־לייט אין רייכסטאַג, כדי זיך צו איבערצייגן, אז ביס־מאַרקס קאַבינעט האָט זיך שטאַרק ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק איינ־צופירן דאָס אלגעמיינע וואַל־רעכט — און דאָס האָט אין דער דאַמאָל־טיקער סיטואַציע געקאָנט פּאַסירן נאָר אויפן וועג פון דעקרעטירן עס פון אויבן. לאַסאַל אליין פאַרופט זיך אין זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע אויף איניקע אזוינע שטעלן און פאַרבינדט מיט זיי א רייע דערקלערונגען, וועלכע קאָנען ערשט איצט, ווען זיינע באַגעגנישן מיט ביסמאַרקן זענען א פעסטגעשטעלטער פאַקט, ריכטיק אָפּגע־שאַצט ווערן. לאַסאַל דריקט זיך אויס אזוי:

„דער פראָקוראָר באַשולדיקט מיך, אז איך האָב געוואָלט דער־פירן צו אלגעמיינעם און דירעקטן וואַל־רעכט און דערמיט שטירצן די קאָנסטיטוציע!

אָט וואָס, מיינע הערן, כאָטש איך בין נישט מער ווי אַ פּשוטער פּריוואַט־מענטש, פונדעסטוועגן נעם איך מיך אונטער אייך צו זאָגן: נישט נאָר איך וויל שטירצן די קאָנסטיטוציע, נאָר עס וועט אפשר דויערן נישט מער ווי איין יאָר, און איך וועל זי האָבן געשטירצט!

ווי אזוי? קיין איין טראָפּן בלוט וועט דערביי נישט פאַרגאָסן ווערן, קיין איין פויסט וועט זיך דערביי נישט אויפהויבן! עס וועט אפשר קיין איין יאָר נישט אוועק, און דאָס אלגעמיינע און דירעקטע

וואַל=רעכט וועט אויפן פרידלעכסטן אין דער וועלט אופן ווערן דעקרעטירט!

די שטאַרקע שפּילן, מיינע הערן, קאָנען געשפּילט ווערן מיט אָפענע קאָרטן! די שטאַרקסטע דיפּלאָמאַטיע איז די, וועלכע האָט נישט נויטיק צו היטן זיך אין סודות, ווייל זי באַזירט אויף דער אייזערנער נויטווענדיקייט אליין.

אַלזאָ, איך ערקלער אייך אויף דעם פייערלעכן אַרט—קיין איין יאָר וועט אפשר נישט אריבער, און דער הער פאָן ביסמארק וועט שפּילן די ראָל פון ראָבערט פּיל און דאָס אלגעמיינע דירעקטע וואַל=רעכט וועט ווערן פּראָקלאַמירט!"

לאַסאַל גיט דערביי צו, אַז ער האָט דאָס אַלץ געוווסט פון אָנהויב אָן, „שוין אין דעם ערשטן טאָג, ווען איך האָב מיט מיין „אָפענער תשובה" אָנגעהויבן מיין אַגיטאַציע, און יעדער איינער האָט דאָס געמוזט איינזען, ווער ס'האָט נאָר מיט אַ קלאָרן בליק באַנומען די סיטואַציע". עס איז בלי ספק ריכטיק, אַז נאָך אין ווינטער פון 1862—63 האָט מען שוין אין די רעגירונגס=קרייזן באַטראַכט די פראַגע, צי איז נישט מעגלעך אויפצורייסן די פּראָגרעסיסטישע רייכסטאַג=מערהייט דורך אַ ענדערונג פונ'ם וואַל=געזעץ, און מען האָט זיך אָנגעהויבן דעריבער צו אינטערעסירן אויך מיט דער סאָציאַלער פראַגע*); פונדעסטוועגן וואָלט לאַסאַל נישט געקאָנט מיט אַזאַ זיכערקייט ריידן וועגן דער נאָענטקייט פונ'ם אַלגעמיינעם וואַל=רעכט, ווען ער וואָלט אָט די זיכערקייט נישט געשעפּט פון זיינע ויכוחים מיט ביסמאַרקן—די ויכוחים האָבן אים איבערצייגט, אַז דאָס אַלג. וואַל=רעכט, איז אַ באַשלאָסענע זאַך, די פראַגע איז בלויז, צי דאָס וועט געשען פאַר אָדער נאָכן סוף פונ'ם דענישן קריג.

דאַקעגן קאָן מען מער גלויבן, ווען ביסמאַרק לייקענט, אַז עס זאָל האָבן געקומען צו אַ ברוך צווישן אים און לאַסאַלן. ווען לאַ-

*) ס'איז גענוג דאָ נאָכאַמאָל צו דערמאָנען אָן אייכלערס אויפטרעטן. אינטערעסאַנט איז אויך פאָלגנדיקע שטעל פון שלוסוואָרט, וואָס הער הערמאַן וואַגענער, ביסמאַרקס רעכטע האַנט און טאָנגעבער פון „קרייץ=צייטונג", האָט געהאַלטן אויף אַ זיצונג פון פּרייסישן קאָנסערוואַטיוון פאָלקס=פאַריין דעם 2 נאָוועמבער 1862: „מיינע הערן, לאָמיר זיך נישט נאַרן, לאָמיר זיך לערנען ביי אונזערע קעגנער, זיי זיינען זייער גערעכט,—וועט זיך אייך נישט איינגעבן לייזן די סאָציאַלע פראַגע, איז אייער גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפן. איך שליס דעריבער מיט דער אויפפאָדערונג, מיר זאָלן טון דאָס וואָס מיר האַלטן פאַר דער אויפגאַבע און באַדערפניש פון דער נאָענטסטער צוקונפט, און לאָמיר דאָס טון נאָך מיט מער ענערגיע, און כסדר,—נישט נאָר אויף דער צייט פון די וואַלן".

סאַל האָט געזען, אַז ביסמאַרק אַנטשליסט זיך נישט אויף דעם געוואַג־
טן שריט, אַז ער וויל נאָך אָפּוואַרטן, זעענדיק די אונטערהאַנדלונגען
ממילא געבליבן שטיין אויף איין אָרט — און דעריבער רעדט טאַקע
לאַסאַל כסדר נאָר וועגן „מעגלעכקייט”. אָבער אַז די באַציִונגען
זענען נאָך נישט אין גאַנצן איבערגעריסן געוואָרן זעט מען שוין דער־
פון, וואָס לאַסאַל האָט פאַראָרדנט דעם סעקרעטאַריאַט פון „אַלגעמיי־
נעם דייטשן אַרבעטער־פאַריין” צו שיקן ביסמאַרקן פון אַלע אויס־
גאַבן צו צוויי עקזעמפּלאַרן, אין פאַרמאַכטע פּאַקעטן מיט דער אויפ־
שריפט „פּערזענלעך”.

דאַסגלייכן קאָן מען גלויבן ביסמאַרקן אויך דאָס וואָס ער
זאָגט, אַז זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט לאַסאַלן וועגן „דאָ אויט דעס”
האָבן נישט געקאָנט פירן צו קיינע באַשטימטע אָפּמאַכן. כאָטש ביס־
מאַרק טרייבט שוין אַביסל איבער, ווען ער וויל זיך אָפּפטרן מיט
די ביטול פראַזעס: „וואָס קאָנסטו, אָרים באַשעפעניש, מיר געבן? ער
האָט גאָרנישט פאַרמאָגט אַזוינס, וואָס ער זאָל מיר, אַלס מיניסטער
קאָנען פאָרלייגן”. ביסמאַרקס לאַגע איז גאָרנישט געווען אַזאַ גלענ־
צענדיקע, ער זאָל זיך וואַרפן מיט ווערמענס ס'נישט איז הילף, און
עפּעס האָט לאַסאַל אַלנפאַלס געקאָנט לייסטן. דער עפּעס איז בלויז
געווען צו קליין אויף צו באַוועגן ביסמאַרקן נאָכצוגעבן לאַסאַלן. און
דאָס איז אפשר אויך איינער פון די מאָטיוון, וועלכע האָבן גע־
בראַכט לאַסאַלן דערצו, ער זאָל ביי זיין צוריקקער קיין בערלין
אַזוי קראַנקהאַפט מגזם זיין דעם אייגענעם ערפאָלג, בעת דערזעל־
בער לאַסאַל האָט ערשט נישט לאַנג אין 1863, דעם 25 יולי, גע־
שריבן צו וואַלטייכן: „איר טאָרט נישט ערלויבן אונזערע באַפאָלמעכ־
טיקטע צו זאָגן נישט אמת. איר קאָנט דעריבער נישט פאַרלאַנגען פון
זיי צו ריידן וועגן 10 טויזנט מיטגלידער, בעת אין דער אמתן האָבן
מיר נאָך אפשר קיין 1000 נישט. מען קאָן פאַרשווייגן דעם פּונקט
אָבער זאָגן נישט אמת דאָס פּאַסט זיך פאַר אונז נישט”. איצט אָבער
האָט ער געוואָלט מיט אַלע מיטלען זיך צוגעבן כאָטש אַ שיין פון
מאַכט – ווען אים האָט זיך נישט איינגעגעבן ווירקלעך מיטצורייסן נאָך
זיך די ברייטע מאַסן. ביסמאַרק האָט אָבער אפנים געהאַט ידיעות
נאָך פון אַנדערע מקורים און איז געווען זייער גוט אינפאָרמירט
וועגן קלאָגעדיקן מצב, אין וועלכן די באַוועגונג האָט זיך דעמאָלט
געפונען.

מיט דעם „געבן“ גופא איז די זאַך באַשטאַנען אַזוי. ביסמאַרק האָט זייער גיך זיך ארומגעזען און פאַרשטאַנען, אז לאַסאַלן וועט ער האָבן פאַר א פאָליטישן פאַרבינדעטן נאר אזוי לאַנג, ביז דאָס וועט אַנטשפּרעכן די אינטערעסן און פאָליטישע צוועקן זיינע—אנדערש געזאָגט, ביסמאַרקן איז קלאָר געוואָרן, אז לאַסאַל וועט זיך מיט אים באַגיין פּונקט אזוי ווי ער אליין קלייבט זיך צו באַגיין מיט לאַסאַלן, ד. ה. אז ווי נאָר ער וועט פון אים האָבן באַקומען דאָס געווינשטע, וועט ער זיך תיכף אומקערן צו אים מיטן רוקן, און א ברעקל רחמנות דערביי. פונם ערשטן שמועס זיינעם מיט לאַסאַלן האָט ביסמאַרק אפּנים דערזען, אז לאַסאַל איז נישט „קיין פיש און ביינער“, ווי ראדבערטוס האָט א מאָל געזאָגט וועגן בוכערן, נאָר אז ער האָט גאַנץ גוטע ביינער און נאָך שטעך נאָדלען אויך צו זיי. איינצוימען לאַסאַלן דורך א פּאָסטן—פון געלט שוין אפגערעדט—איז נישט געווען קיין שום אויססיכט. ווי נאר דאס אלגעמיינע וואַל-רעכט וועט שוין זיין געגעבן, קאָן לאַסאַל אנהויבן צו ווערן זייער און זייער אומבאַקוועם—טאָ למאַי זיך איילן? לאַסאַלס אגיטאַציע האָט במילא געווענדעט אירע פיילן אלץ מער קעגן דער ליבעראַלער פּאַרטיי—און דאס איז לעת עתה געווען אלץ, וואס ביסמאַרק האָט געברויכט צו האבן.

אין זיין פארטיידיקונגס-רעדע „די וויסנשאפט און די אַרבעטער“ דעם 16 יאַנואר 1863, האָט לאַסאַל ערקלערט:

„צי קאָן מען דען זאגן אפילו, אז דאס איינפירן פונם דריי-קלאַסן-וואַל-געזעץ איז דער חטא פון דעם דייטשישן בירגערטום?... נאר די פּרייסישע רעגירונג און נישט די פארמעגלעכע קלאַסן, וועט אויף תמיד און פאַרן גאַנצן פאָלק טראָגן די שולד און אחריות פאר דעם דאָזיקן געזעץ“. און ווייטער: „בורזשואַזיע און ארבעטער—ביידע זענען מיר גלידער פון איין פאָלק און זיינען גאַנץ אייניק קעגן אונזערע אונטערדריקער“, ד. ה. אלזא קעגן דער רעגירונג.

און אין מלוכה-געריכט דעם 12 מערץ 1864, איז שוין פאר אים דער גאנצער קאָנסטיטוציע-קאָנפליקט בלויז א קאַמף צווישן דער קרוין מיט א „קליקע“. דא דריקט זיך שוין לאַסאַל אויס, אז דער „קליקע“ קאָן די קרוין נישט נאָכגעבן, אָבער זי קאָן זייער גוט „רופן דאס פאָלק אויף דער פּאָליטישער בינע און אויף אים זיך שטיצן“ די קרוין דארף זיך צוליב דעם נאר דערמאנען אן איר אייגענער

אפשטאַמונג—ווייל יעדע קעניג-קרוין איז לכתחילה געווען א פאָלקס-קרוין".

„א קעניג ווי לואי פיליפ, א קינד פון דער בורזשואזיע, איז נישט פעיק דערויף; אבער א קעניג, וואס איז נאָך געקנעטן פון זעלבן טייג, וואָס אין די בראשית-טעג, וואָס שטיצט זיך נאָך איצט אויפן שווערט, קאָן דאָס גרייליך טון, אויב ער זאָל נאָר פועלן ביי זיך צו פארפאָלגן באמת גרויסע, נאַציאָנאַלע און פאָלקס-נויטיקע צילן".

דאָס איז שוין א צעזאַריזם-לשון. און אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעדע ווערט דער דאָזיקער סטיל נאָך פארשטארקט. לאַסאַל באַטראַכט שוין די גאַנצע קאָנסטיטוציע בלויז ווי א חסד פאר דער בורזשואזיע מצד דער קרוין. קיינער אבער קאָן נישט ווען, אז פון זיין אייגענעם חסד זאָל מען מאַכן א שטריק אויף אים ווערגן, דערויף קאָן מען קיינעם קיין פאַריבל נישט האָבן, דער קרוין אויך נישט" שטענדיק געשטורמט אין נאָמען פון כלומר'שטע „רעכט", האָט זיך די קרוין „דערמאנט, אז איר לוינט א סך מער זיך צוריקקערן צום ווירקלעכן מקור פון רעכט און רופן דאָס פאָלק אויף דער ארענע איידער אָפּטרעטן פאר א חבריתא און צוזען ווי א הייפל מענטשן פלעכטן א שטריק אויף זי צו דערווערגן". אזוי, זאָגט לאַסאַל וואָלט ער געטענהט, ווען די רעגירונג זאָל ברעכן די איצטיקע קאָנסטיטוציע און דעקרעטירן דאָס אלגעמיינע וואַל-רעכט און ער וואָלט דערביי אנגעקלאגט געוואָרן אלס דער אינטעלעקטועלער גורם פון דער איבערקערעניש.

לאַסאַל איז אוועק אזוי ווייט, אז נישט נאר דער פאַקט גופא פון זיין אגיטאַציע איז געווען גינסטיק פאַר דער רעגירונג —דאס קאָן מען אמאָל, ביי געוויסע אומשטענדן, נישט אויסמיידן—נאָר ער האט אנגעהויבן אפּט צו רעדן פשוט מיטן לשון פון דער רעאַקציע. אמת, ער האָט נאָך אלץ געקאָנט נאָכזאָגן וואַלענשטיינען: „גרויסער גאָט אין הימל! דו ביסט מיין עדות, כ'האָב דאס נישט געמיינט ערנסט, קיין באַשלאָסענע זאַך איז דאס קיינמאָל נישט געווען!"

ער האָט געטריבן א שפּיל מיט דער רעאקציע, ער האָט געגלויבט ער וועט זי צווינגען צו דינען זיינע צילן און אין נויטיקן מאָמענט וועט ער מיט איין קלאַפּ זי קאָנען אָפּוואַרפן. אין דעם זימאָמענט האָט ער זיך אמאָל אפילו אויסגעדריקט פאר דער גרעפין האצפעלד, אז ביסמאַרק איז זיינער א „באַפולמעכטיקטער". ער האָט

אָבער פאַרגעסן, אז די לאָגיק פון פאַקטן איז שטאַרקער פארן שטאַרקסטן רצון פון א יחיד; האָט ער זיך געיאָגט נאָך ערפאָלג, אנשטאט צו פארלאָזן זיך אויף דער קראַפט פון דער באַוועגונג און איר אָפגעבן זיין גאַנצע ענערגיע, האָט ער געמוזט, לויט זיין אייגענער טעאָריע נאָך, צום טייל מקריב זיין די באַוועגונג גופא.

לאָמיר זיך נאָר נאָך אמאָל דערמאנען אן לאַסאַלס אייגענע ווערטער וועגן דער גרונט-אידייע פון זיין „פראַנץ פאָן זיקינגען“. צי באַגייט נישט לאַסאַל מיט זיין איצטיקער וואַקלדיקער טאַקטיק דעם זעלבן „מאָראַלישן חטא“, אין וועלכן ער באַשולדיקט זיקינגענען? עס איז זייער מערקווירדיק, ווי לאַסאַל האָט דאָרטן פאָרויסגעזען זיין אייגענעם גורל. ער האָט זיך אויך געלאָזט פאַרפירן פון דעם „כלומרשט רעאַליסטישן שכל הישר“, ער האָט אויך געוואָלט דערגרייכן רעוואָלוציאָנערע צילן דורך דיפלאָמאַטישע מיטלען, ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ מאַסקע כדי אָפצונאַרן דעם קעגנער — די פרייסישע רעגירונג — און אין דער אמתן האָט ער נישט די רעגירונג גענאַרט, נאָר די פאָלקס-מאַסן, אָן וועלכע ער אַליין איז גאָר נישט ווערט געוועזן; די באַוועגונג איז געבליבן באַ אַ קליין הייפל פערזענלעכע אָנהענגער. ווי צוגעפאַסט זענען דאָ לאַסאַלס אייגענע ווערטער וועגן זיקינגענען: „אָט דער גרויסער דיפלאָמאַט און רעאַליסט, וועלכער האָט דוכט זיך אַלץ אַזוי זאָרגזאַם אויסגערעכנט און וויל לגמרי באַזייטיקן די ווירקונג פון צופאַל, דוקא ער איז דורכדעם אַליין געצוווּנגען סוף כל סוף זיך איבערגעבן אין גאַנצן דעם צופעליקסטן צופאַל; די אויסזיכט אָפצונאַרן דורך צופעליקע און אומוועזנטלעכע מאָמענטן מוז זיך אָנשטויסן אָן דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט און מוז פלאַצן, און די אַנטשיידונג קאָן שוין דעמאָלט נישט זיין קיין פראָדוקט פון פאָרויס צוגעגרייטע שריט, נאָר פיל מער. זי הענגט שוין אָפ פונם ערשטן נישט פאָרויסגעזעענעם צופאַל“.*) פונקט דאָס געזאָגטע געשעט מיט לאַסאַלן: ער איז שוין געצוואונגען צו אויסרעכענען אויף אַ צופאַל; ער מוז אַלץ אָפהענגיק מאַכן פון צופעליקע פאַסירונגען אין דער אינערער און אויסערער פאָליטיק. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין שפיל, גלויבנדיק אין זיין אייגענער

*) אין אונזער אויסגאַבע פון לאַסאַלס ווערק געפינט זיך דער אויפזאַץ נעבן פאָרוואָרט צו פראַנץ פאָן זיקינגען, וועלכן לאַסאַל האָט געשריבן פאַרן ברייטן פובליקום. (פאַרגל. 1 באַנד.)

רעאַליסטישער בריה׳שקייט, ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז אין שפּילן האָט מער אויסזיכטן צו געווינען דער, וואָס ס׳האָט מער טרומפן אין האַנט, — אין פּאָליטישן שפּיל הייסט דאָס דער, וואָס ס׳האָט אין זיין רשות וואָס מער פאַקטישע מאַכט־מיטלען. און אַזוי ווי אין דעם פאַל האָט ביסמאַרק פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל מאַכט־טרומפן, איז געווען מער ווי וואַרשיינלעך, אַז אין לעצטן סך הכל וועט לאַסאַל גיכער זיין ביסמאַרקס „באַפולמעכטיקטער", איידער פאַרקערט.

אַזוי איז געווען די סיטואַציע, בעת וועלכער לאַסאַל האָט געהאַלטן זיין ראַנטדאַרפער רעדע: „די אַגיטאַציע פונם אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַריין און דער צוזאָג פונם פּרייסישן קעניג." דאָס איז זיין לעצטע און צוגלייך שוואַכסטע אַגיטאַציאָנס־רעדע, אויסגערעכנט אויסשליסלעך אויפן אויסערלעכן עפעקט. לאַסאַל אַליין האָט דאָס זייער גוט געוווסט — דערויף זאָגן עדות די פילע באַמערקונגען, וועלכע ער האָט צוגעגעבן אין דער געדרוקטער אויסגאַבע; אַ „נאָרמאַל געזונטע" רעדע קאָן זיך געווינלעך באַגיין אָן אַזוינע באַמערקונגען, וועלכע שוואַכן נאָר אָפּ דעם איינדרוק. די ראַנסדאָרפער רעדע פאַרמאָגט נישט, לײדער, קיין איינע פון די מעלות פון זיינע ערשטע אַגיטאַציאָנס־רעדעס, זי האָט אָבער אַלע זייערע חסרונות.

און נישט נאָר לויטן אינהאַלט נאָך איז די רעדע אַ שוואַכע; איר טענדענץ קאָן מען פירהאַלטן לאַסאַלן מער, ווי אַלע זיינע מיסהאַנדלונגען, וועלכע ער איז ביז דאַן ווען ס׳איז באַגאַנגען.

שלעזישע וועבער, געטריבן פון נויט און אונטערגעהעצט דורך סאָציאַלער דעמאַגאָגיע פון פעאָדאַלן, האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין בערלין, כדי צו בעטן ביים קעניג פון פּרייסן זיי אויסצוהעלפן פון דעם שלעכטן מצב, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען. אַזוי ווי דאָס זענען געווען אַרבעטער פון אַ ליבעראַלן פאַבריקאַנט, האָט ביסמאַרק דווקא צוגעהאָלפן, דער קעניג זאָל אויפנעמען די דעלעגאַציע, און דער האָט זיי געענטפערט אויף זייער השתדלות, אַז ער באַפעלט זיינע מיניסטאָרן „ווי ווייט מעגלעך גיך און ערנסט צו פאַרבערייטן די געזעצלעכע הילף".

לאַסאַל שטעלט פאָר די דאָזיקע געשיכטע, ווי אַן ערפאָלג פון זיין אַגיטאַציע. דאָס שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט, אָבער דאָס קאָן מען לאַסאַלן נישט מוחל זיין: זיין לאַגע, ווי געזאָגט, האָט אים מחייב געווען צו איבערטרייבונגען. לאַסאַל האָט זיך אָבער דערמיט

ניִשט באַנוגנט. ער טייטשט אַזוי אויס דעם אויפֿנאַם פֿון דער דעפּוטאַציע און דעם קעניִגס דרשה, אַז דאָס האָט געמוזט ווירקן ווי אַ רעקלאַמע פֿאַרן קעניִג און פֿאַר זיין רעגירונג. ער לייענט פֿאָר די אַרבעטער אַ באַריכט וועגן דער דעלעגאַציע פֿון דער אָפּיציעזער „ציידלער=קאָרעספּאָנדענץ" און לייענט גראָד די גיִנסטיִקסטע פֿאַרן קעניִג שטעלן, — און, ווי ער באַמערקט אַליין אין דער געדרוקטער אויסגאַבע, „מיִט דער העכסטער באַטאָנונג אין קול און מיִט אַ וויִרקונגספֿולער האַנט=באַוועגונג דערביי". *)

אין די ווערטער פֿון קעניִג, ערקלערט לאַסאַל, ליִגט ערשטנס, „די אַנערקענונג פֿון דעם הויפּט=געדאַנק, פֿאַר וועלכן מיִר האָבן אויפֿגעהויבן אונזער אַגיטאַציע" — אַז די אַרבעטער=פֿראַגע מוז ווערן רעגוליִרט אויף אַ געזעצגעבעריִשן אופֿן, צווייטנס, „אַ צוזאָג, אַז די דאָזיִקע רעגוליִרונג און ליִנדערונג פֿון דער אַרבעטער=נויט וועט געשען, און דריִטנס, אַזוי ווי „דער פּראָגרעסיִסטיִשער פּאַרלאַמענט געווילט לויט דער דריי=קלאַסן=סיִסטעם, וועט קיינמאָל ניִשט געבן דעם קעניִג די נויטיִקע דערויף מיִטלען, און אַפֿיִלו ניִשט די בלויזע הסכּמה אויף אַזאַ געזעץ, ווען מען וואָלט קיין געלט=מיִטלען ניִשט באַדאַרפֿט", איִז קומט ממילא אויס, „לויט דער איִנערלעכער לאָגיִק", אַז דעם קעניִגס צוזאָג איִז צוגלייך „אַן הבטחה איינצופֿיִרן דאָס אַלגעמיינע און דיִרעקטע וואַל=רעכט".

די דאָזיִקע ווערטער, דערציילט דער באַריִכט, „האָט די פֿאַרזאַמלונג, וועלכע האָט דעם גאַנצן לעצטן טייל פֿון דער רעדע אויסגעהערט מיִט דער גרעסטער שפּאַנונג, פֿאַרהיִלכט מיִט אומבאַשרייבלעכע יובעל=אויסגעשרייען", וועלכע האָבן זיִך אַלע מאָל פֿון דאָס ניי אָנגעהויבן, ווי נאָר לאַסאַל האָט געפּרווט צו ריידען ווייטער.

איִז די פֿרייד וויִרקלעך געווען אַזוי גרויס, איִז עס אַ סימן, אַז די אַרבעטער האָבן לאַסאַל'ס פּירוש אויפֿ'ן קעניִגס הבטחה אָנגענומען פֿאַר אַ ריינער מטבע—און דאָס איִז דער שליִמסטער אַטעסטאַט פֿאַר דער רעדע.

*) דער באַריכט לויטעט אין דעם אָרט: „די דעפּוטאַציע איִז אַוועק פֿון זיין מאַיעסטעט מיִט דער טרייסט, אַז די פֿראַגע וועט גאָר גיִך רעגוליִרט ווערן אויף אַ געזעצלעכן אופֿן און זייער נויט וועט געליִנדערט ווערן. די קעניִגלעכע הבטחה וועט אָפּהיִלכן אין אַלע טאָלן פֿונם גרויסן באַרג=געביִט און פֿיִל הונדערטער ליידנדיִקע און אָרנטלעכע פֿאַמיִליעס וועלן איִן איִר שעפּן מוט און נייע קראַפֿט אויסצוואַרטן".

נאַטירלעך לאַסאַלס כּונה איז געווען אַן אַנדערע. דורכן שילדערן אין העלע פאַרבן דעם ביז איצט דערגרייכטן ערפאָלג האָט ער געמיינט צו וועקן בא די אַרבעטער העכערע באַגייסטערטע אַקטיוויקייט לטובת דעם פאַריין. די רעדע איז אָבער געווען געצילט נאָך אויף אַן אַנדער אַדרעס, אַ חוץ די אַרבעטער. ווען אין דער „קרייץ-צייטונג" האָט זיך באַוויזן אַ רעצענזיע אויף לאַסאַלס „באַסטיאַ-שולצע", און לאַסאַל האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ „אַכטונגס ווערטער מקור", אַזוי אַז מען קאָן נישט לאָזן די רעצענזיע מיט איר פראַגן אָן אַ תשובה — האָט ער אין דער דאָזיקער תשובה זיך פאַררופן אויף זיין ראַנסדאָרפער רעדע און האָט די תשובה מיט צוויי עקזעמפּלאַרן פון דער רעדע אָפּגעשיקט „פּערזענלעך" ביסמאַרקן. ביידע, אי די רעצענזיע אי די רעדע זענען אויסגערעכנט אויף צו מאַכן אַן איינדרוק אויף דער רעגירונג — און אַזוי זענען זיי געשריבן. „דער אומבאַשרייבלעכער יובעל" האָט געזאָלט דינען פאַר אַ פאַנג-מיטל פאַרן קעניג און פאַר ביסמאַרקן. צוויי געטער דינען מיט אַ מאָל איז אָבער אוממעגלעך, און דאָס וואָס לאַסאַל האָט אין זינען געהאַט דעם עפעקט אין די הויכע פענסטער האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעדע האָט באַקומען אַן אויסגעשפּראָכן צעזאַריסטישן כאַראַקטער. זי איז אַן אָנזאָג פון אַ דאָפּלטן צעזאַריזם: אין די רייען פון דער פּאַרטיי גופא און אין דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי.

„יאָ, זאָגט לאַסאַל אין זיין תשובה דער „קרייץ-צייטונג", דער אומרויִקער, תמיד אומצופרידענער ליבעראַלער אינדיווידואַליזם איז ביזן העכסטן גראַד אומפעיק, אימפּאָטענט און נישט אינטעליגענטיש — דאָס איז די גרויסע מחלה פון אונזער צייט! אָבער דער דאָזיקער אינדיווידואַליזם איז באין אופן נישט קיין מאַסן-מחלה, ער איז אַ נויטווענדיקע געזעצלעכע אייגנשאַפט פון די בורזשואַזע פערטל- און אַכטל-אינטעליגענטן.

די סיבה איז אַ פּשוטע: דער גייסט פון די מאַסע איז, אין הסכם מיט זייער מעמד, תמיד פאַרנומען מיט אָביעקטיווע און זאַכלעכע צוועקן. שטימען פון אומרויִקע אייגנזיכטיקע יחידים ווערן פאַרלוירן אין דעם דאָזיקן שטימען-אַקאָרד, קיינער דערהערט זיי אַפילו נישט. און נאָר אויפן אָליגאַרכישן באָדן קאָן אויסוואַקסן דער נעגאַטיווער צוגעשפּיצטער אינדיווידואַליזם פון אונזער ליבעראַלער בורזשואַזיע מיט איר סוביעקטיוון, אייגנוויליקן פּערזאָנען-קולט".

און ענלעך צו דעם דריקט ער זיך אויס אויך אין דער ראַנסדאָרפער רעדע:

„איך דאַרף דערמאָנען נאָך איין זייער מערקווירדיקן עלעמענט פון אונזער ערפאָלג. איך האָב אין זינען דעם געשלאָסענעם גייסט פון שטרענגסטער איינהייט און דיסציפלין, וועלכער הערשט אין אונזער פאַריין! אין דער הינזיכט, און קודם כל דערין, איז אונזער פאַריין אַ עפּאָכע-מאַכנדיקע ערשיינונג, אַ גאַנץ נייע ערשיינונג אין דער געשיכטע! דער דאָזיקער גרויסער פאַריין, וועלכער פאַרשפּרייט זיך כמעט איבער אַלע לענדער פון דייטשלאַנד, רעגט זיך און באַוועגט זיך מיט אַ געשלאָסענער איינהייט, ווי איין מענטש! אין זייער פיל געמיינדעס קען מען מיך אַפילו נישט אָדער איך בין דאָרט פּערזענלעך קיינמאָל נישט געוועזן נאָך — און פונדעסטוועגן האָב איך אויפן גאַנצן שטח, פון רהיין ביז דעם צפון-ים, פון דער עלבע ביז דונאַי, נאָך אין ערגעץ קיינמאָל נישט געהערט קיין „ניין" — און דער אויטאָריטעט, מיט וועלכן איר באַשענקט מיך, באַזירט דאָך אויך נאָר אויף אייער ווייטגייענדיקסטן פרייען רצון!.. וווהין איך בין נישט געקומען, האָב איך אומעטום געהערט פון די אַרבעטער רייד, וועלכע לאָזן זיך אַזוי פאָרמולירן: מיר מוזן פון אונזער אַלעמענס רצון אויסשמידן איין איינציקן האַמער און דעם האַמער איבערגעבן אין די הענט פון אַ מענטשן, וואָס מיר האָבן דעם נויטיקן צוטרוי צו זיין פאַרשטאַנד, כאַראַקטער און גוטן ווילן, כדי ער זאָל קאָנען מיט דעם האַמער שלאָגן!

די צוויי קעגנזאַצן, וועלכע אונזערע מלוכה-מענער האָבן ביז איצט געהאַלטן פאַר לגמרי אומפאַראייניקבאַר — פרייהייט און אויטאָריטעט — אָט די צוויי העכסטע קעגנזאַצן זענען אינטימסטן פאַראייניקט אין אונזער פאַריין; ער שטעלט מיט זיך אויף אַזאַ אופן פאָר אין קליינעם מאַסשטאַב אַ פאָרבילד פון דער נאָענטסטער געזעלשאַפטס-פאָרם אין גרויסן מאַסשטאַב. אין אונז איז קיין שפּור נישטאָ פון יענעם כמורן גייסט פון ליבעראַליזם, פון יענער מחלה פון אינדיווידועלער מיינעריי און קענעריי, וועלכע פאַרצערט דעם קערפּער פון אונזער בורזשואַזיע..."

דאָ איז פאָרמעל אויסגעדריקט זייער אַ ריכטיקער געדאַנק. אין דער היינטיקער געזעלשאַפט זענען די אַרבעטער ביי באָרמאַלע אומשטענדן אַ סך מער פון אַלע אַנדערע קלאַסן אָנגעוויזן אויף שותפישע

אַקציעס, די עקזיסטענץ־באַדינגונגען גופא פון די מאָדערנע אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער אַנטוויקלען אין זיי אַ געמיינשאַפטלעכן גייסט, בעת דער בורזשואַ פאַרקערט איז נוטה צו געמיינשאַפטלעכע אַקטן נאָר אונטער אומנאָרמאַלע אומשטענדן, די אַרט עקזיסטענץ זיינע אַליין איז נישט מסוגל צו באַוועגן אים דערצו. די אויבן געבראַכטע פאַראַלגעמיינערונג וואַרפט אָבער אַ ביז גאָר פאַלשע שיין אויף אָט דעם ריכטיקן געדאַנק. מאַסן־אַקציע הייסט נאָך כלל נישט פערזענלעכע דיקטאַטור; דאָרט וואו די מאַסע ענטפערט זיך איבער מיט איר רצון צו אַ יחיד, קאָן זי זייער לייכט ווערן אַ פאַקטאָר פון רעאַקציע אָנשטאָט רעוואָלוציע. אין די קאַמפן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט איז פערזענלעכע דיקטאַטור אַלע מאָל געווען דער רעטונגס־אַנקער, פאַר וועלכן ס'האָבן זיך געכאַפּט די רעאַקציאָנערע קלאַסן אין אַ שעת סכנה; דער מאָדערנער בורזשואַ איז אַלע מאָל גרייט מקריב צו זיין דעם „נעגאַטיוון צוגעשפּיצטן אינדיווידואַליזם“, אויב עס שמעקט נאָר מיט ערנסטער געפאַר פאַר זיין געלט־זאַק, פאַר זיינע קלאַסן־פּריווילעגיעס. אין אַזעלכע מאָמענטן בליט אויף דער באָנאַפּאַרטיזם. די קלאַסן, וועלכע זענען אומפעיק אַליין צו רעגירן איבער זיך, טוען פונקט דאָס, וואָס לאַסאַל רוקט אונטער די אַרבעטער: זיי טרעטן אָפּ זייער ווילן איין איינציקער פערזענלעכקייט און זאָגן זיך אָפּ פון יעדן פאַרזוך זיך אַנטקעגנצושטעלן די אינטערעסן פון אָט דער פערזאָן; אַזוינע פאַרזוכן ווערן דאַן באַטראַכט ווי „אומרויקער אומצעפרידענער אינדיווידואַליזם“. אַזוי האָט, למשל, די דייטשע בורזשואַזיע אין די לעצטע יאָרצענדליק פון 19 יאָרהונדערט זייער אָפט באַשולדיקט די דייטש־פרייזיניקע פאַרטיי—גראָד די פאַרטיי, וועלכע האָט אַם קאָנסעקווענטסטן פאַרטראָטן אירע אינטערעסן — אין פאַרראַט, ווייל די פאַרטיי האָט מיט איר מורמלעריי כלומרשט געשטערט דער רעגירונג אין איר מלוכה־אויפהאַלטנדיקער אַרבעט. אין יאָר 1851 האָט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע אַלע מאָל אָנגעגריפן אירע אייגענע פאַרלאַמענט־שליחים, ווי רו־שטערער, אַנאַרכיסטן א. ד. ג. דערפאַר וואָס זיי האָבן געשטערט לואי באָנאַפּאַרטן אין זיין שטרעבן צו אַן איבערקערעניש,—אַזוי לאַנג ביז נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן גענוג שטאַרק און האָט מער נישט געוואָלט זיין בלויז דער היטער פון רו און אָרדנונג פאַר דער בורזשואַזיע, נאָר ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ דיקטאַטאָר איבער איר.

אַן אויפקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער קלאַס האָט אַבסאָלוט קיין גרונט ניִשט אַרויסצוגעבן זיין רצון פון דער אייגענער האַנט, אָפּצוזאָגן זיך פון רעכט אויף קריטיק כּלפּי זיינע פיִרער. אָט האָבן מיִר אין דער זאָליִנגענער געשיִכטע גראָד געזען, אַז לאַסאַלן, דעם הויך געביִלדעטן פיִרער, איִז אויסגעקומען צו דערהערן פון די אַרבעטער־רייען אַ דייטלעכן און קרעפטיִקן „ניין" — און געוויִס ניִשט צום שאָדן פון דער באַוועגונג. און איִן בערליִן האָט ער באַ אַ געוויִסער געלעגנהייט אויך געמוזט אויסהערן אַזאַ „ניין" — אַזוי אַז ווען לאַסאַל האָט זיִך געריִמט, דאָס ער זאָל האָבן פאַרוויִרקלעכט איִן פאַריין „אויטאָריִטעט און פרייהייט" צוזאַמען, האָט ער דערמיִט מער אַ ווונטש אויסגעדריִקט, איידער אַ פאַקט.

צום כּבוד פון לאַסאַלן דאַרף מען זאָגן, אַז פון לכתּחילה אָן האָט ער געהאַלטן די פּערזענלעכע הויפּט־פיִרערשאַפט פאַר אַן אומדערלאָזבארע זאַך. שפּעטער אָבער איִז איִן אַזאַ פיִרערשאַפט געוואָרן אַן אמת׳ע באַדערפעניִש. די פּאָליִטיִק, וועלכע לאַסאַל האָט פאַרקניִפּט, איִז געווען אַזאַ, אַז כּדי זי דורכצופיִרן האָבן טאַקע אַלע מיִטגליִדער און אָנהייגער פון דער באַוועגונג געמוזט אַלץ פאָלגן אָן שום קריִטיִק, און טון אָן שום איִבערקלערעניִש אַלץ, וואָס לאַסאַל האָט פון זיי פאַרלאַנגט. אויב לאַסאַל אַליין האָט אַזוי אויפגעפּאַסט דעם קעניִגס געשפּרעך מיִט די שלעזיִשע וועבער, אַז בלויז איין קליינער אומבאַדייטנדיִקער פאַרבאַהאַלט איִז געבליִבן פאַרן דעמאָקראַט איִן איִם — פאַר זיין אייגענעם געוויִסן — אָבער איִן אַלעם איִבעריִקן איִז דאָס געווען אַ ריין צעזאַריִסטיִשע אויפפאַסונג — האָבן זיינע אָנהייגער אויך געמוזט זיין גרייט, אויף זיין באַפעל, אַרויפצוציִען אויף זיִך אַ מענטעלע פון לאָיאַלקייט. אויב מען קאָן מיִט עפּעס פאַרענטפערן די ראַנסדאָרפער רעדע, איִז עס בלויז מיִט דעם, וואָס באַ די געגעבענע פאַרהעלטניִשן איִז די רעדע פאַר לאַסאַלן געווען אַן אומפאַרמיידלעכע נויטווענדיִקייט. די דיִקטאַטור איִז איִם איִצט שוין נויטיִק געווען, כּדי פון איין זייט צו האָבן צו זיין דיִנסט די אַרבעטער אַלע מאָל, ווען דאָס האָט זיִך געפאָדערט, און צווייטנס כּדי צו אונטערהאַלטן איִן די רעגיִרונגס־קרייזן דעם איינדרוק פון אַ אַקציאָנס־פעיִקער מאַכט. די רעדע איִז געווען אַ געצוואונגענער שריִט אויף דעם באַגעצייכנטן וועג — קיין אָפּהאַלט איִז דאָ שוין מער ניִשט געווען מעגלעך.

## X.

## די לעצטע שריט פון לאַסאַלן און זיין טויט.

לאַסאַלס אויפפירונג האט זיך געלאָזט פילן אינם אינערלעכן לעבן פון פאריין נישט ווייניקער ווי אין זיין געפלאנטער נאענטער אויסערלעכער טעטיקייט. לאסאל האָט באשלאָסן צו באזייטיקן וואלטייכן, וועלכער האט זיך געפינען אין אָפּאָזיציע צו אים אין אָרגאַניזאציאנס-אנגעלעגנהייטן, און האָט געשטעלט דעם פאריין פאר אן אולטימאטום: ער אָדער איך. נאטירלעך, האָט דער פאריין נישט געהאט קיין אנדער ברירה ווי מקריב צו זיין דעם סעקרעטאר דעם ארבעטער צוליבן פרעזידענט. לאסאל האט דערביי נאך געהאנדלט כלפּי וואלטייכן אויף א העכסט אומקארעקטן אופן: ער האָט אָנגעשריבן אויף אים א לאנגע אָנקלאגע און האָט זי אזוי געזען צו פארשפרייטן, אז צו וואלטייכן זאָל זי דערגיין וואָס שפעטער, ווען די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג וועלן שוין זיין „באארבעט" קעגן אים.

ווי מען זאָל זיך נישט באציען צו וואלטייכס פאָרשלאגן מכּח ענדערן די סטאטוטן פון דער ארגאניזאציע, קאָן מען אלנפאלס נישט באַרעכטיקן לאסאלס טאקטיק צו באהאנדלען יעדן פארזוך אין דער ריכטונג ווי א פאראט — בפרט נאָך, ווען לאסאל אליין איז דעמאָלט געווען אזוי געשטימט, אז אויב זיין לעצטער נסיון „צו מאכן א דרוק אויף די געשעענישן" וועט זיך נישט איינגעבן, זאָל ער אפשר גאָר אויפלייזן דעם פאריין.

אָט דער „נסיון" האָט געזאָלט געמאַכט ווערן אין האמבורג, אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואָס דייטשלאנד האָט אָקאָרשט עראָבערט די הערצאָגטימער שלעזוויג-האָלשטיין.

אין ווינטער 1863 איז געשטאָרבן דער דענישער קעניג — און די שלעזוויג-האָלשטיינישע פראַגע איז געוואָרן אַקטועל. לאַסאַל איז שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט ביסמאַרקן, און איז געווען זייער פאַראינטערעסירט דערין, אַז דער פאַריין זאָל אָננעמען די פּאָזיציע פון דער פּרייסישער רעגירונג אין דער דערמאָנטער פראַגע. צוליב דעם האָט ער אָנגעהויבן פירן אַן אַנטשפּרעכנדיקע אַגיטאַציע צווישן

די פאַריין=מיטגלידער *) און האָט אומעטום דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע, וועלכע ער אַליין האָט טאַקע אויסגעאַרבעט, און וועלכע האָט געלויטעט:

„די איינהייטלעכע אויסגעשטאַלטונג פון דייטשלאַנד איז שוין אַליין פאַר זיך אויך די לייזונג פון דער שלעזוויג=האָלשטיין=פראַגע. לגבי דער דאזיקער גרויסער אויפגאַבע האָט שוין לערך אַ קנאַפּע באַדייטונג, צי איינער פון די 33 פירשטן פון דייטשלאַנד, כל זמן אַזעלכע זענען דאָ, וועט זיין אַן אויסלענדער אָדער נישט". ווייטער גיין אין דער רעזאָלוציע מער אָדער ווייניקער אַלגעמיינע ווענדונגען — אַז אַלע דייטשע רעגירונגען זענען מחויב דורכצוזעצן די איינגלידערונג פון די דאָזיקע געביטן אַפילו „מיט געווער אין פאַל פון נויט", נאָר דאָס פאָלק דאַרף פונדעסטוועגן זיין אויף דער וואַך און „זיך נישט לאָזן אָפּציִען דורך קיין זאַך פון זיינע קאָלאָסאַלע צענטראַלע אויפגאַבן". די פּראָגרעסיסטן און די נאַציאָנאַל=פאַריין=לייט ווערט געמאַכט דער פאָרוואורף, אַז „זיי ווילן אַפּנים אויסנוצן דעם ענין שלעזוויג=האָלשטיין כדי אָפּצווענדן די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט פון דער אינערלעכער לאַגע, און אונטער אַ פּאַטריאָטישן אויסרייד ווילן זיי זיך אַרויסמאַכן פון אַ קאָנפליקט, וועלכן זיי זענען נישט דערוואַקסן צו לייזן". דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1863.

איצט אָבער זענען די געביטן געווען שוין עראָבערט, און די פּראַגע איז געשטאַנען וועגן זייער ווייטערדיקן גורל. אַ גרויסער טייל פון די פּראָגרעסיסטן האָט געהאַלטן מיטן הערצאָג פאָן אווגוסטענבורג אין זיין פּרעטענדירן אויף צו קעניגן אין די געביטן; די פּרייסישע רעגירונגס=קרייזן ווידער האָבן פאַרלאַנגט, אַז די געביטן זאָלן אַנעקסירט ווערן פאַר פּרייסן. די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן געוויינלעך געהאַט גאָר אַ קנאַפּן אינטערעס, אַז צו די 33 דייטשע פירשטן זאָל צוקומען אַ 34=טער, זיי האָבן אָבער נאָך ווייניקער אינטערעס געהאַט, אַז די רעאַקציאָנערסטע רעגירונג פון דייטשלאַנד זאָל דורך

---

*) אין מאָמענט פון ערשטער אויפרעגונג האָט לאַסאַל געהאַט געשיקט צום וויצע=פּרעזידענט ד"ר דאַמער צוויי טעלעגראַמעס, וועלכע האָבן ווידערשפּראָכן איינע דער צווייטער. דערנאָך האָט ער צום זעלבן ד"ר דאַמער געשריבן: „די ערשטע דעפּעש... האָב איך אָפּגעשיקט גלייך, ווייל מיר איז דער גאַנצער עסק מיט שלעזוויג=האָלשטיין אין אַ סך הינזיכטן שטאַרק נישט צום האַרצן". דער ווידערשפּרוך דערקלערט זיך איצט מיט דער סתירות=פולער לאַגע, אין וועלכער לאַסאַל האָט זיך געפונען. ער איז שוין מער נישט געווען אינערלעך פריי, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוואוסט פון דעם.

דער אנעקסיע נאך שטארקער ווערן. לאסאל אבער, האט שוין אויך אזוי פיל אנגעווווירען דעם געפיל פון טאקט, אז ער האט מיטן פולן ערנסט פארטראכט צונויפצורופן אין האמבורג א גרויסע פאלקס-פארזאמלונג און דורכפירן אויף איר א רעזאלוציע, אז פרייסן איז מחויב צו אנעקסירן די נייע עראבערטע געביטן אפילו קעגן דעם ווילן פון עסטרייך און פון איבעריקע דייטשע שטאטן. עס איז איבעריק מאריך צו זיין וועגן דעם, וואס פאר א מיסיע לאסאל האט דערמיט גענומען אויף זיך און וואס פאר א געבראיך ער האט געזאלט מאכן פון די סאציאליסטיש-געזאנענע ארבעטער, וועלכע האבן זיך צו אים באצויגן מיט אזוינע געפילן פון פארערונג און פון דאנקבארקייט. גליקלעכערווייז איז דער פלאן נישט פארווירקלעכט געווארן, און די האמבורגער ארבעטער זענען געשוינט געווארן פון א שווערן קאנפליקט צווישן זייערע דעמאקראטישע איבערצייגונגען און זייער כלומרשטן חוב לגבי זייער פירער.

לאסאל האט צו דער צייט פארענדיקט נאך איינעם א פראצעס זיינעם אין דיסלדארף, און איז אוועקגעפארן אין דער שווייץ. ער האט געוויילט אין ריגי קאלטבאד, און דארט איז צו אים געקומען מיט א באזוך מכח אן אויספלוג די פריילין העלענע פאן דעניגעס, מיט וועלכער ער האט זיך באקאנט אין בערלין אין ווינטער פון 1861/2 און שוין דעמאלט, ווי זי גיט איבער, איר פארגעלייגט זיין האנט. דער באזוך איז באשערט געווען צו ווערן דער אנהויב פון א ראמאן, וועלכער האט גורם געווען לאסאלס פריצייטיקן טויט.

די פרטים פונם ראמאן לאסאל-דעניגעס זענען שוין איצט אזוי באקאנט און לאסאלס אלע האנדלונגען אין דער געשיכטע זענען שוין אזוי זיכער פעסטגעשטעלט, אז דא איבערדערציילן דאס אלץ איז לחלוטין איבעריק. לאסאל ערשיינט דא נישט פאר אונז אין א נייעם ליכט. ער ווייזט ארויס די זעלבע אייגנשאפטן, אפשר אין א פארשטארקטער מאס, וועלכע מיר האבן שוין בא אים קענען געלערנט אין א געוויסן זין קאן מען זאגן, אז די דעניגעס-געשיכטע איז בזעיר אנפין אן אפהאלט פון לאסאלס אגיטאציאנס-געשיכטע. לאסאל איז געווען איבערצייגט, אז העלענע איז די אויסדערוויילטע פאר אים פרוי. די איינציקע מניעה איז געווען בלויז, ווי צו קריגן די הסכמה פון אירע עלטערן. ער האט א האר נישט געצווייפלט, אז די מניעה וועט ער מיט זיין איינפלוס געוויס גובר זיין. ער ארבעט אויס א גאנצן אפעראציאנס-פלאן, באדעכענדיק אלע וויכטיקע מאמענטן. ער וועט קומען, און נושא חן זיין בא די עלטערן און וועט

באַ זיי אויספֿועלן זייער הסכּמה, נאָך איידער זיי וועלן זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבּון, וואָס אַזוינס זיי טוען. פּלוצלינג אָבער שוויבט אַרויס אַ קליינער מכשול: אַדאַנק העלענעס אומפּאָרזיכטיקייט דערוויסן זיך די עלטערן באַצייטנס, אַז לאַסאַל איז שוין פֿאַרקנסט מיט העלענען, און זיי מעלדן, אַז זיי ווילן בשום אופֿן נישט לאַסאַלן פֿאַר אַן איידעם. לאַסאַל גיט נאָך פֿונדעסטוועגן נישט אויף זיין פּלאַן; פֿאַרקערט, וואָס גרעסער ס'איז דער ווידערשטאַנד פֿון די עלטערן, אַלץ גרעסער וועט זיין זיין טריאומף. אין אַט דער שטימונג פֿון זיכערקייט באַגייט לאַסאַל אַזאַ שריט, וועלכער בייט ראַדיקאַל די סיטואַציע. נישט נאָר ער פֿאַרלירט יעדע האָפֿנונג צו געווינען דעם רצון פֿון די עלטערן, נאָר אפֿילו העלענע הויבט־אָן אַנדערש זיך באַציִען צו אים. דאַן מיינט לאַסאַל: איז נישט דער וועג, איז אין אַן אַנדערער. און פֿאַרגעסנדיק אינגאַנצן אָן זיין חוב צו זיך און צו זיין פּאָליטישער לאַגע, פֿאַרפֿירט ער אַ קאַמף, אין וועלכן ער רעכנט זיך נאָר מיט איינס: זיך דערשלאָגן ערפֿאָלג! יעדעס מיטל איז כּשר, אויב עס פֿאַרשפּרעכט נאָר ערפֿאָלג! ס'ווערן אַנגאַזשירט שפּיאָנען, וועלכע האַלטן אויפֿן אויג די פֿאַמיליע דעניגעס און שפּירן נאָך יעדן שריט אירן. מיט דער הילף פֿון האַנס פֿאָן ביולאָוו ווירקט ער אויף ריכאַרד וואַגנער, אַז יענער זאָל פּועלן באַם קעניג פֿון בייערן צו אינטערוועניִרן פֿון זייטעטוועגן באַם הער דעניגעס. און אין דערזעלבער צייט ווערן געמאַכט שריט באַם מיינצער ביסקופּ קעטעלטער, ס'ווערט אים פֿאָרגעלייגט לאַסאַלס איבערטריט צום קאַטוילישן גלויבן, אַבי ער זאָל אויך אינטערוועניִרן באַ דעניגעסן. לאַסאַל האָט זיך אַבסאָלוט נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג דערפֿון, ווי אומווירדיק דאָס איז פֿאַר דער היסטאָרישער מיסיע, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, אַז ער זאָל אָפּשלאָגן די שוועל פֿון אַ מיניסטער פֿאָן שרענק, כּדי יענער זאָל אים צונויף קומען באַ זיין געליבטער; ער האָט אַבסאָלוט קיין טראַכט נישט געטון וועגן דעם ווי ווייניק דאָס האַרמאָנירט מיט זיין אייגענעם פֿאַרטרעט פֿון זיך — מיט הוטענען — ווען ער וויל זיך דערשלאָגן ערפֿאָלג באַ אַ פֿרוי מיט דער הילף פֿון אַ קאַטוילישן ביסקופּ. פּונקט דאָרט, וווּ ער האָט געזאָלט אַרויסווייזן שטאָלצקייט, וווּ ער האָט געמוזט זיין אַ שטאָלץ — איז ער עס נישט געווען.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. דער ביסקופּ פֿון מיינץ

האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן, ווייל העלענע איז געווען אַ פּראָטעס־טאַנטין, און דער ספּעציעלער שליח, וואָס דער בייערישער מיניסטער פון אויסערן האָט דעלעגירט אויפן „קאַמף־פּלאַץ" מיט אינטערווענץ־צילן, האָט אַזוי געהאַנדלט, אַז לאַסאַל האָט געקאָנט אַן איבעריק מאָל זען, ווי דורך זיין טאַקטיק שטעלט ער אין זיך אין די פרוי, פאַר וועלכער ער קעמפט, אין אַ אומגעהייער פאַלשע לאַגע. כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז העלענע איז אַ שוואַכע בריאה אָן אַ ברעקל ווילנס־ענערגיע און האָט דאָס אַליין גאָר געהאַלטן פאַר אַ מעלה פאַר זייער קינפטיקן פאַמיליען־לעבן — „האַלט מיר אויף העלענען אין איר הכנעה־געזינונג, ווי זי איז איצט", האָט ער ערשט דעם 2־טן אויגוסט געשריבן צו דער גרעפין האַצפעלד — דאָך האָט ער איר איצט אָנגעוואָרפן אַ ראָל, פאַר וועלכע ס'איז נויטיק געווען די העכסטע מדרגה פון ווילנסקראַפט, און ער איז נאָך געווען אויפגעבראַכט, וואָס דאָס יינגע מיידל וויל זיך אַרויסדרייען פון אָט דער ראָל. געטראָגן פון זיינע געפילן און געוויינט צו באַנעמען אַלץ אויסשליסלעך אין ליכט פון זיינע אייגענע שטימונגען און אינטערעסן, האָט ער נישט גענומען אין אַכט, אַז גראַד באַ ווילנסלאָזע מענטשן בייטן זיך אַם לייכט־סטן זייערע עמפינדונגען — און ער האָט איינגעזעען „באַדנלאָזן פאַראַט", אַ „אומדערהערטער שפּיל" פון אַ „צעלאָזן גאַס־מיידל", דאָרט וואו אין דער אמתן איז געווען פשוטע אומבאַשטענדיקייט פון אַ צו־באַלעוועט בירגער־קינד.

לאַסאַל איז געוואָרן אומגעהייער נערוועז און האָט שוין אַליין אויך נישט פאַרמאָגט די ענערגיע פון אַ געזונטן ווילן. דאָס ראַשע כאַפּן זיך פאַר געוואַלט־מיטלען, דאָס איינלייגן וועלטן באַ יעדער איינציקער קלייניקייט, דאָס נישט קאָנען פאַרטראָגן קיין שום ווידער־שפּרוך אָדער אָפּזאָג — דאָס זיינען אַלץ סימנים נישט פון גייסטיקער קראַפט, נאָר פון העכסטער אָפּגעשוואַכטקייט. און ווי ס'גיבן איבער אין איין קול אַלע עדות, פלעגט דאַמאָלט לאַסאַל לייכט און אָפט איבערגיין פון טרערן צו אַ צושטאַנד פון שטאַרקן כעס און אומגע־קערט — אויך אַ באַווייז, אַז זיין נערוון־סיסטעם איז געווען צעטריי־סלט ביזן העכסטן גראַד.

באַ אַזאַ צושטאַנד איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז לאַסאַל האָט נישט געקאָנט רויק פאַרטראָגן די באַקומענע מפּלה — און ער האָט געוואָלט דורך אַ דועל אָפּוואַשן דעם אָנגעטוענעם אים, לויט זיין מיי־

בונג, בזיון. ווי נאַריש אַ דועל איז נישט אַליין פאַר זיך גענומען, איז זי באַ די באַשריבענע פאַרהעלטנישן זייער אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. אין די קרייזן ווו דער ראָמאַן האָט זיך אָפּגעשפּילט, איז דועל דאָס מיטל וואָס מאַכט ריין פון כּל־ערליי שמוץ און באַליידיגונגען— און ווײַבאַלד לאַסאַלן האָט שוין געפעלט די מאָראַלישע קראַפט צו באַגרעניצן זיך אין קאַמף מיט די מיטלען, וועלכע געשיקן זיך פאַר אַ פאַרטרעטער פון אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי, איז שוין געווען אומ־פאַרמיידלעך, ער זאָל זוכן סאַטיספאַקציע פאַר דער געליטענער מפּלה אויף דעם וועג, וועלכער איז אָנגענומען אין יענע קרייזן. און קעגן דעם פּריצ׳ל יאַנקא פאַן ראַקאָוויצאַ איז אויפן דועל געשטאַנען נישט לאַסאַל דער סאָציאַליסט, נאָר דער פאַראַנקערטער סוחר־זון לאַסאַל, און אויב צוזאַמען מיטן לעצטן איז דערשאָסן געוואָרן אויך דער ערשטער, דער סאָציאַליסט, איז דאָס אַלץ שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט די מאַכט איבער זיך איבערגעגעבן יענעם, דעם סוחר־זון.

## XI

## שלום־וואָרט

אַזוי האָט דער פּריצײטיקער טויט פלוצים איבערגעריסן לאַסאַלס פּאָליטישן וועג, אַלע זײַנע פּלענער און האָפענונגען. אפשר איז דאָס געווען צו גוטן, אפשר האָט לאַסאַל אַליין אין די לעצטע שעהן זײַנע דאָס איבערגעלעבט נישט ווי קיין אומגליק. דער ציל, וועלכן ער האָט געזאָלט האַסטיק דערגרייכן, האָט זיך ממילא ווידער געהאַט דערווייטערט פון אים, און פאַר רויקער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט האָט ער זיך געפילט ווייניק צוגעפּאַסט. זײַן נאָענסטע צוקונפט האָט דע־ריבער אויסגעזען זייער פּראָבלעמאַטיש, און דאָס איז אפשר געווען איינע פון די סיבות, וואָס ער האָט מיט אַזאַ אימפעט, כּמעט ווי וואַנזיניק אויפגעפירט זיך אינם ענין דעניגעס.

אייגנטלעך, איז עס לגמרי אַן איבעריקע זאַך זיך פרעגן, וואָס וואָלט לאַסאַל געווען געטון, ווען ער וואָלט נישט געפאַלן פון דעם העכר פאָן ראַקאָוויצאַס קויל. די פראַגע האָבן אָבער אַנדערע שוין געשטעלט און האָבן זי מייסטנס אַזוי פאַרענטפערט, אַז מיר מוזן זיך אויך אויף איר אַביסל אָפּשטעלן.

געוויינלעך קומט מען צו דעם אויספיר, אַז ווען לאַסאַל וואָלט ווייטער געלעבט, וואָלט אים די לאָגיק פון זײַן האַנדלונג געמוזט

ברענגען דערצו, ער זאָל נאָכטון זיין פריינט בוכער און זיך שטעלן
אין דינסט פון דער פרייסישער רעגירונג. אָבער ווער ס׳זאָגט אַזוי,
דער משפט אַבסאָלוט פאַלש וועגן לאַסאַלן. אמת, די פּאָליטיק וועלכע
ער האָט צולעצט אָנגענומען, מוז אין אירע ווייטערדיקע קאָנסעק-
ווענצן פירן אין לאַגער פון דער רעגירונג — אָבער צו אָט דעם
לעצטן שריט וואָלט לאַסאַל עס נישט דערבראַכט. קיין פּרייסישן
באַאַמטן-בגד וואָלט לאַסאַל אויף זיך קיינמאָל נישט אַרויפגעצויגן.
מאַטעריעל איז ער געווען גענוג פאַרזאָרגט, און פאַר זיין ערגייץ
איז אַ פּאָסטן בײַ דער פרייסישער רעגירונג געווען אַזאַ נישטיקע
זאַך, פונקט ווי וויניק דאָס האָט בכלל האַרמאָנירט מיט אינערלע-
לעכער — אימער אומפאַרענדערטער — געזינונג. אין דער הינזיכט האָט
לאַסאַל נאָך מיט מער רעכט געקאָנט זאָגן צו ביסמאַרקן, איידער
ער אים: „וואָס קאָנסט דו, אָרים באַשעפעניש, מיר פאָרלייגן?“
אַ סך וואַרשיינלעכער איז, אַז ווײַבאַלד די גערעכטס-שטראָפן קעגן
לאַסאַלן וואָלטן אַריין אין קראַפט, וואָלט ער אויף אַ לענגערע צייט
אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד און וואָלט דאָרטן אָפּגעוואַרט, ביז אין
פּרייסן און אין דייטשלאַנד וועלן זיך שאַפן נייע פאַרהעלטענישן,
ווייל ס׳איז דאָך קלאָר, אַז ווען אפילו דער האַמבורגער „נסיון“ זאָל
געווען דערפירט ווערן ביזן סוף, ד. ה. די געפּלאַנטע מאַסן-פאַר-
זאַמלונג זאָל געווען פאָרקומען און די רעזאָלוציע זאָל געווען אַרויס-
געטראָגן ווערן, וואָלט עס אויך די פּאַקטישע לאַגע לחלוטין נישט
געביטן. ווי קליין ס׳איז געווען די אויסזיכט אויף ערפאָלג זעט מען
שוין פון דעם אַרויס, אַז בלויז איין צוזאָג-וואָרט פון העלענען איז
גענוג געווען אויף צו בייטן לאַסאַלס באַציִונג צו דער גאַנצער האַמ-
בורגער אַקציע. דעם 27 יולי האָט ער נאָך געשריבן צו דער
גרעפין האַצפעלד:
„...איך מוז נאָך פריער זיין אין האַמבורג, ווו איך נעם
אונטער אַ גרויסן, זייער אַ גרויסן, אפשר דוכט זיך ווירקלעך אַ וויכ-
טיקן „קלאַפּ“. און מיט איין טאָג שפּעטער באַקומט ער דעם צוזאָג
פון העלענען, און שרייבט שוין דערזעלבער גרעפין, אַז ער אַליין
וואַרט „נישט איבעריק פיל“ פון דעם האַמבורגער נסיון. די באַטרע-
פנדיקע שטעל פון אָט דעם בריוו איז שוין נישט איינמאָל ציטירט
געוואָרן, אַזוי ווי די שטעל איז אָבער אין העכסטן גראַד כאַראַק-
טעריסטיש פאַר לאַסאַלס דעמאָלטיקער שטימונג, איז נישט איבעריק

זי דאָ איבערצוחזרן. לאַסאַל שרייבט: „ווי שלעכט איר פאַרשטייט מיך, אויב איר קאָנט מיר שרייבן: „פאַרוואָס זאָלט איר אויף אַ צייט זיך ניט באַנוגענען מיט וויסנשאַפט, מיט פריינטשאַפט, מיט שיינער נאַטור?” איר מיינט טאַקע, איך מוז האָבן פּאָליטיק.

אַך, ווי ווייניק איר האָט אַ ידיעה אין מיר. איך באַגער קיין זאַך ניט אַזוי שטאַרק, ווי גאָר פּטור צו ווערן פון דער פּאָליטיק, און זיך איינגאַנצן אָפּגעבן מיט וויסנשאַפט, פריינטשאַפט און מיט שיינער נאַטור. איך בין איבערגעזעטיקט מיט פּאָליטיק און מיד פון איר. מעגלעך, איך וואָלט נאָכאַמאָל אַזוי ליידנשאַפטלעך באַגייסטערט געוואָרן, ווען ס'וואָלטן אָנגעקומען ערנסטע געשעענישן, אָדער ווען איך וואָלט געהאַט מאַכט אָדער אַ מיטל אַרויסצורופן אַזעלכע געשעענישן — אַ מיטל, וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר מיר; ווארום אָן העכסטער מאַכט קאָן מען גאָרניט מאַכן. פאַר קינדער-שפּילעריי בין איך שוין צו אַלט און צו גרויס. דערום האָב איך אַזוי ניט גערן אָנגענומען די פּרעזידענטן-וואַל! איך האָב נור אייך צוליב געטון. און דערום דריקט עס מיך איצט אַזוי גוואַלטיק. וואָלט איך באַפרייט געוואָרן, איז איצט פּונקט דער מאָמענט, ווען איך וואָלט מיך אנטשלאָסן אָוועקצופאָרן מיט אייך קיין נעאַפּאָל! (אָבער ווי אַרום ווערט מען פריי?!)

די געשעענישן, האָב איך מורא, וועלן זיך אַנטוויקלען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, און מיין גליענדיקע נשמה טראָגט ניט אַריבער אָט די קינדער-קראַנקהייטן און כראָנישע פּראָצעסן. פּאָליטיק הייסט אַקטועלע תּיכּפדיקע ווירקזאַמקייט. דאָס איבעריקע אַלץ קאָן מען דורך דער וויסנשאַפט אויך באַזאָרגן! איך וועל מיך פּרוּוון צו מאַכן אין האַמבורג אַ דרוק אויף די געשעענישן. אָבער ווי ווייט דאָס וועט זיך איינגעבן, דאָס קאָן איך פאָרויס ניט צוזאָגן, און וואַרט אַליין ניט איבעריק פול דערפון!

אַך, ווען איך וואָלט מיך געקאָנט צוריקציען!

אין דעם זעלבן בריוו שרייבט לאַסאַל ווייטער אַביסל, אַז ער איז „לוסטיק און פול מיט לעבנס-קראַפט”, „דער אַלטער כּח איז נאָך דאָ, און דאָס אַלטע גליק אויך נאָך”. הייסט דאָס, אַז די פריערדיקע פּעסימיסטישע שורות האָט ער געשריבן אויסשליסלעך אונטערן איינפלוס פון דעם פּאָליטישן צושטאַנד.

דעם 3-טן אויגוסט 1864, ווען לאַסאַל איז געקומען קיין גענף,

באַכדעם ווי ער האָט פֿאַרבראַכט מיט העלענען עטלעכע טעג אין בערן, האָט ער כמעט ווי געהאַט באַשלאָסן צו בלייבן פּאַרלויפיק — אַן עמיגראַנט — אין דער שווייץ. צווישן די פּאַפּירן פֿון י. פ. בעקער געפינט זיך אַ וווין־ערלויבניש פֿון דער גענפער רעגירונג אויפֿן נאָמען פֿון „הער פֿערדינאַנד לאַסאַל, לערער" לאַזשירט „באַ הער בעקער" — און אויף דער צווייטער זייט פֿון דער ערלויבניש איז אויפגעשריבן מיט דער האַנט פֿונם אַלטן פֿרייהייטס־קעמפֿער:

„באַ זיין אָנקומען אַהער, אינם טרויעריקן 1864־טן יאָר, האָט לאַסאַל מיר געזאָגט, ער פילט, אַז זיינע כחות זענען אויסגעשעפּט און ער מוז אָפּרוען; ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט אין אַ יאָר אַרויספֿירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף אַ ברייטן וועג, איצט אָבער, זעט ער, אַז אויף דערויף ברויך מען צו האָבן צענער יאָרן, און צו דעם פילט ער זיך פשוט פיזיש נישט בכּוח. ער וועט נישט אַריבערטראָגן די פֿאַרשטייענדיקע תּפיסה־שטראָפֿן. דאַן האָב איך אים גע־עצהט, אַז באַ אַזאַ לאַגע דאַרף ער זיך ערגעץ ווו שאַפן אַ זיכערן וווין־אָרט; זאָל ער צוליב דעם שוין נעמען אַ דירה אין גענף; און אין צוויי יאָר אַרום קאָן ער לויטן געזעץ באַקומען בירגער־רעכט געוויס אָן שום מניעות; אין משך פֿון די צוויי יאָר קאָן ער, באַ־טירלעך, מאַכן וואָסערע נסיעות ער וויל. לאַסאַל האָט תּיכף אָנגענו־מען מיין עצה, און דעם 11־טן אויגוסט 1864 האָב איך אים צוגע־שטעלט די דאָזיקע וווין־ערלויבניש".

די ערלויבניש אַליין איז אויסגעשטעלט דערווייל נאָר אויף זעקס חדשים.

אין משך פֿון די פיר וואָכן קאַמף אום העלענען האָט לאַסאַל אפילו נישט געענטפֿערט אויף די בריוו, וואָס ער פלעגט באַקומען פֿון סעקרעטאַריאַט פֿון אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פֿאַריין. ערשט דעם אָוונט פֿאַרן דועל שוין, ווען ער האָט געשריבן זיין צוואה, האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן פֿאַריין — און האָט אָפּגעשריבן דעם סעקרעטאַר ווילמסן אויף פינף יאָר פֿאָראויס אַ רענטע פֿון 500 טאָלער יערלעך אויף אַגיטאַציע־צוועקן און צו 150 טאָלער אַ יאָר פֿאַר אים פּערזענלעך. אַלס פּרעזידענט, אַנשטאָט זיך, האָט ער רעקאָמענדירט דעם פֿאַריין דעם פֿראַנקפֿורטער באַפֿולמעכטיקטן בערנאַרד בעקער. און זאָל ער, בעקער, פעסט זיך האַלטן אָן דער אָרגאַניזאַציע, וואָ־רום „זי וועט דעם אַרבעטער־קלאַס פֿירן צום זיג".

צווישן די מיטגלידער פון פאַריין האָט די ידיעה וועגן לאַסאַלס טויט אַרויסגערופן אַן אמת'ע מהומה. זיי האָבן לאַנג נישט געקאָנט זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז לאַסאַל איז אומגעקומען פון אַ געוויינלעכער ליבע-געשיכטע. זיי האָבן געמיינט נישט אַנדערש, אַז דאָ זענען פאַרמישט לאַסאַלס קעגנער, וועלכע האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן פטור ווערן פונם געפערלעכן אַגיטאַטאָר, און זיי האָבן געפייערט דעם געפאַלענעם ווי אַ קרבן פון אַ אומווירדיקער פאָליטישער אינטריגע. די ערשטע צייט האָט זיך געלאָזט פילן אַן אמת'ער לאַסאַל-קולט, אַ מין באַזונדערארטיקע לאַסאַל-רעליגיע, — מיט איר פראָפאַגירונג האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן, מער פון אַלעמען—און דאָס איז איבעריקענס זייער פאַרשטענדלעך — די גרעפין האצפעלד. מיטגעווירקט האָט אויך די אייגנאַרטיקע שטעלונג, וועלכע לאַסאַל האָט פאַרנומען בנוגע צו די אַרבעטער. ער איז געווען זייער ליבנסווירדיק אין אומגאַנג מיט זיי, אָבער ער האָט אַלע מאָל געלייגט גרויס אַכט דערויף, צו ערשיינען פאַר זיי אין פולן גלאַנץ פון זיין געזעלשאַפטלעך-און גייסטיק-העכערן מעמד: זיי האָבן אַלע מאָל געפילט די דיסטאַנץ צווישן זיך און אים. די פייערונג אין ראַנגסדאָרף לכבוד אים איז געווען, ווי מען וואָלט פייערן דעם גרינדער פון אַ נייער רעליגיע, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם. ער האָט אפילו אַליין געזאָרגט דערפאַר, אַז אין „נאָרדשטערן" זאָל זיין אַ באַריכט וועגן דער פייערונג, ווו זי ווערט באַשריבן נאָך אפילו גוזמא'דיק אַביסל.

אין זיינע רעדעס ווידער פלעגט זיין אייגענע פערזענלעכקייט תמיד פאַרנעמען דעם אויבן-אָן — אויף אַזוי פיל, אַז ווען אים פלעגט אויסקומען צו רעדן וועגן זיך און וועגן אַנדערע צוזאַמען, האָט ער זיין „איך" אלע מאָל אָפּגעגעבן דעם ערשטען פּלאַץ.

אויף איינצעלנע באַזונדערע מענטשן האָט אזא אַרט אויפטרעטן געקאָנט ווירקן אָפּשטויסנדיק, פאַר דער מאַסע אָבער, בפרט פאַר דער יוגנט, איז אין דעם געווען אַ באַזונדערער שטאַרקער צויבער. און וואָס מער אַרום לאַסאַלס פערזאָן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן א לעגענדע-סוד, אלץ גרעסער איז געוואָרן די ווירקונג פון אָט דעם צויבער.

און מען דאַרף נישט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז אָט דער קולט פון לאַסאַלס פערזענלעכקייט האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט נישט קיין קליינע באַדייטונג אין דער אַגיטאַציע. אַזוי איז שוין די טבע

פונם רוב מענטשן, אַז זיי האָבן ליב צו פאַרקערפּערן זייערע ווייטע — און דעריבער כּמעט ווי אַבסטראַקט — צילן אין אַן איינציקער פּערזאָן. און אָט דער בענקשאַפט צו פּערסאָניפיצירונג ליגט דער סוף פון ערפאָלג פונם רוב רעליגיע־גרינדער, סיי שאַרלאַטאַנען סיי פאַנאַטאַסטן, און אין ענגלאַנד און אַמעריקע איז זי איצט נאָך אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינם פּאָליטישן פּאַרטיי־קאַמף. דער פּערזאָנען־קולט איז נאָך אַזוי שטאַרק, אַז צומאָל איז גענוג, אַ יחיד זאָל אַרויסטרעטן פון אַ קאָלעקטיוו פון זיינער גלייכן אָדער זאָגאַר העכערע פאַר אים, אַז דאָס זאָל אים דערהויבן אין די אויגן פון די מאַסן, און ער זאָל לייכט קומען צו דער מאַכט, צו וועלכער דער קאָלעקטיוו אינגאַנצן האָט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם בולאַנזשע־פיבער אין פראַנקרייך, ס'פעלן אָבער נישט קיין ביישפילן אין דער געשיכטע אויך פון אַנדערע לענדער. צענדליקער מיטגלידער פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט זענען געשטאַנען העכער פון בולאַנזשע אי אין וויסן, אי אין טאַלאַנט און כאַראַקטער און האָבן געהאַט אַ סך מער פון אים פאַרדינסטן פאַר דער רעפּובליק, און אַלע האָבן זיי אויסגעזען ווי נישטיקייטן קעגן אים און נאָר ער איז געוואָרן דער גרויסער יחיד און זיין נאָמען האָט געבראַכט אין גליענדיקער באַוועגונג הונדערטער טויזנטער. פאַרוואָס? ווייל ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ געוויסע אידייע; בעת דער פּאַרלאַמענט אינגאַנצן, בײַ זיין גאָר אַ גרויסן סכום פון קענטעניש און ערפאַרונגען, איז פאָרט מער נישט געווען ווי אַן אַנאָנימער רוב.

דער נאָמען לאַסאַל איז געוואָרן אַ פאָן, וועלכע האָט אַלץ מער באַגייסטערט די מאַסן, וואָס מער לאַסאַלס שריפטן זענען אַריינגעדרונגען אין פאָלק, — געשריבן מיט דער אויסרעכענונג אויפן אומיטלבאַרן ערפאָלג מיט אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, פּאָפּולער און דאָך אויף אַ טעאָרעטישער הויך — האָבן די ווערק געהאַט און האָבן צום טייל נאָך איצט אַ גרויסע אַגיטאַטאָרישע ווירקונג. די "אַרבעטער־פּראָגראַם", די „אָפענע־תשובה", דער „אַרבעטער־לייען־בוך" א. אַ. האָבן הונדערטער טויזנטער נשמות געוואונען פאַרן סאָציאַליזם. די איבערציייגונגס־קראַפט, מיט וועלכער די שריפטן אָטעמען, האָבן הונדערטער טויזנטער באַגייסטערט צום קאַמף פאַר די רעכט פון ארבעט. און דערבײַ זענען לאַסאַלס שריפטן פריי פון פוסטער

ראַזן=דרעשעריי — אַ געזונטער רעאַליזם הערשט אין זיי, און מעג ער אַ מאָל אַ טעות האָבן אין די מיטלען, אָבער די ווירקלעכקייט לאָזט ער קיינמאָל נישט אַרויס פון אויג, — און אָט דער רעאַליזם האָט זיך דורך זיינע שריפטן איבערגעגעבן דער גאַנצער באַוועגונג. פון דעם אַלעם וואָס לאַסאַל האָט אין דער פּראַקטיק פאַרמאָגט אפשר שוין צו אין אַ גרויסער מאָס, האָט ער אין זיינע ערשטע און בעסטע אַגיטאַציאָנס-שריפטן אַריינגעגעבן פּונקט אַזוי פיל, וויפל די אַרבעטער=באַוועגונג האָט באַדאַרפט צו האָבן. אויב די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט אַלע מאָל געוואוסט צו שאַצן דעם ווערט פון אַ קרעפטיקער אָרגאַניזאַציע, אויב די איז געוואָרן אַזוי דורכגעדרונגען מיט דער נויטווענדיקייט פון זאַמלען און צוזאַמענגעמען די כּוחות, אַז זי האָט באַוויזן אויפצוהאַלטן אַלע פונקציעס פון דער אָרגאַניזאַציע, אפילו דאַן, ווען אויסערלעך איז דער פּאַרטיי=באַנד געוואָרן לויז — איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס די ירושה פון לאַסאַלס אַגיטאַציע. עס איז אַ פאַקט, אַז בכלל אין די ערטער, וווּ צווישן דער אַרבעטערשאַפט האָבן זיך אָם שטאַרקסטן געהאַלטן די טראַדיציעס פון לאַסאַלס אַגיטאַציע, דאָרטן איז אין פּרט פון אָרגאַניזאַציע דערגרייכט געוואָרן דער מאַקסימום.

אָבער, וויל מען געניסן פון די מעלות, מוז מען איינגיין אויך אויף די חסרונות. מיר האָבן געזען, אַ מין צווייטייטיקן כאַראַקטער; לאַסאַלס אַגיטאַציע האָט געטראָגן, צווייטייטיק אין איר טעאָרעטישער באַגרינדונג און צווייטייטיק אין איר פּראַקטיק. דאָס איז אַזוי באַשטאַנען גאַנץ לאַנג, שוין נאָכדעם ווי לאַסאַל איז נישט געווען. עס איז נאָך שלימער געוואָרן. האַלטן זיך אין לאַסאַלס טאַקטיק האָט פּאַקטיש געהייסן האַלטן זיך אָן אַ טאַקטיק פון וואַקלעניש, ווי לאַסאַל אַליין האָט דאָס פּראַקטיקירט די לעצטע חדשים פון זיין לעבן — ער האָט אַזוי געהאַנדלט באַוואוסטזיניק און מיט דער כּונה אין אַ באַשטימטן מאָמענט צוריקצוקערן, אַראָפּצוואַרפן פון זיך די מאַסקע. אָבער, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: יחידים קאָנען זיך פאַרשטעלן, מאַסן קיינמאָל נישט. טרייבן ווייטער זיין פּאָליטיק, אויב עס נעמען בוכשטעבלעך, האָט געהייסן פאַרפירן די מאַסן. און די מאַסן זענען טאַקע פאַרפירט געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון שווייצערס דיקטאַטור. צי איז י. ב. שווייצער טאַקע געווען אַ רעגירונגס=אַגענט אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט, איז באַ מיר אַ

גרויסער ספק; אָבער דאָס איז אויסער יעדן ספק, אַז זיין פּאָליטיק איז צייטנווייז געווען זייער נאָענט צו דער, פון אַ רעגירונגס-אַגענט. איז עס דאָך אונטער זיין לייטונג דערגאַנגען דערצו, אַז אַגיטאַטאָרן פון „אַ״געמיינעם דייטשן אַרבעטער-פאַריין״ האָבן געפּריידיקט, דאָס רעפּובליקאַנער און בורזשואַ איז איין זאַך, ווייל די ביז איצטיקע רעפּובליקן זיינען געווען בורזשואַזע רעפּובליקן. שווייצער איז בלי ספק געווען דער סאַמע באַגאַבטער נאָכפאָלגער לאַסאַלס. אָבער אויב ער האָט זיך קוים געגליכן צו אים אין טאַלענט, האָט ער אים אַ סך איבערגעשטיגן אין אייניקע שווערע חסרונות. ער האָט קאָקעטירט מיט די פּרייסישע הויף-סאָציאַל-דעמאַגאָגן נאָך מיט ווייניקער אָפּהאַלט, איידער לאַסאַל. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז פאַר יעדן שריט זיינעם האָט ער געקענט געפינען אַ באַרעכטיקונג און באַגרינדונג, אין וועלכן ס׳נישט איז אויפזאַץ פון לאַסאַלס רעדעס. לאַסאַל האָט דאָך געהאַט דעם טרויעריקן מוט אָנצורופן „קליקע״ די פּאַרטייען, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון דער פאָלקס פאַרטרעטונג און צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַזעלכע מענער ווי יאָהאַן יאַקאָבי, וואַלדעק, ציגלער א. א. וו. — און ווייטער פון דעם איז שווייצער קיינמאָל נישט געגאַנגען.

און אויך אַנדערע פעלער האָבן זיך געהאַלטן אין דער באַוועגונג בירושה פון לאַסאַלן, און ס׳האָט געקאָסט לאַנגע שווערע קאַמפן אויף זיי איינגאַנצן באַצוקומען. וואָס געהער צו די טעאָרעטישע טעות׳ן לאַסאַלס, איז גענוג דאָ בלויז צו דערמאָנען, ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט דער קאַמף אום דעם, די דייטשע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט זאָל ריכטיק אָפּשאַצן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, ווי לאַנג אַ גרויסער טייל סאָציאַליסטן האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט הערן און וויסן פון קיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, האַלטנדיק זיך אָן דעם „אייזערנעם לוין-געזעץ״. די פּערזענלעכע באַפאַרבונג, וואָס לאַסאַל האָט צוגעגעבן דער באַוועגונג, האָט געהאַט דעם פּועל יוצא, אַז נאָך זיין טויט האָט די באַוועגונג לאַנגע יאָרן געליטן פון אַ שווערער סעקטן-קרענק.

פּערזאָנען, וועלכע שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל און פאַרמאָגן ספּעציפישע אייגנשאַפטן, רופן געוויינלעך אַרויס אַ גרויסע צאָל נאָכאַמער נאָך זיך. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט לאַסאַלן. נאָך זיין טויט האָבן זיך גלייך באַוויזן אַ גאַנצע רייע פערטל — און אַכטל —

לאַסאַלן. נאָר אַזוי ווי זייער טאַלאַנט האָט געקלעקט קוים אויף נאָכצומאַכן לאַסאַלן אין זיין „הוסטן און שפייען", און דאָס גראָד איז געווען ניִשט דאָס בעסטע וואָס לאַסאַל האָט געקאָנט, זענען זיי געוואָרן איינע פון די טונקלסטע ערשיינונגען אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

איצט איז דאס אַלץ שוין איבערגעוואונדן, און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קאָן אָן פּאַרביטערטקייט רעדן וועגן דעם. ס'איז אָבער געווען אַ צייט, ווען די באַוועגונג האָט דערפון שטאַרק געליטן.

נאָר גענוג וועגן דעם. ס'זאָל נאָר ניִשט אויסגעטייטשט ווערן, אַז מיר ווילן אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט וועגן דער ירושה, וועלכע לאַסאַל האָט ביז אויף היינט געלאָזן דער אַרבעטער-באַוועגונג. ווייניקער פאַר אַלץ האָב איך אַזאַ אבזיכט. כּל-זמן איך האָב אַנאַליזירט לאַסאַלס טעטיקייט אין אירע פּרטים, האָב איך געמוזט זיין שטרענג; וואָרום דער אינטערעס פון דער אַלגעמיינער זאַך, פאַר וועלכער ס'פירט זיך דער קאַמף, שטייט העכער, איידער דער כּבוד און רום פונם יחיד: דאָ איז פאַר אַלעם וויכטיק דער אמת. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט ניִשט קיין לעגענדעס און באַדאַרף זיי נישט, זי קוקט אויף אירע פּאָרקעמפער ניִשט ווי אויף הייליקע, נאָר ווי אויף מענטשן, און קאָן דעריבער לייכט צוזעען, ווי זיי ווערן אַלס מענטשן קריטיקירט. זי שאַצט אָבער דערום ניִשט ווייניקער זייערע פאַרדינסטן, און האַלט טייער דעם אָנדענק פון די, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער-קלאַס.

און דאָס האָט לאַסאַל געטון אין אַ גרויסער מאָס. פילייכט, אין אַ סך אַ גרעסערע מאָס, ווי ער אַליין האָט זיך עס פאָרגע-שטעלט ערב זיין טויט. עס האָט פּאַסירט אַנדערש, ווי ער האָט געמיינט, אָבער די באַוועגונג איז היינט נאָך די זעלבע, פאַר וועלכער ער האָט עס אַוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין אין פרילינג פון 1863. די צילן זענען געבליבן די זעלבע, אויב אפילו ס'האָבן זיך געביטן דער אופן און די פאָדערונגען פון קאַמף. אין עטלעכע יאָר אַרום קאָן דער קאַמף ווידער אַנדערש אויסזען, די באַוועגונג בלייבט דאָך די-זעלבע.

קיין מענטש, מעג ער זיין דער גרעסטער דענקער, קאָן ניִשט פאָרויס באַשטימען דעם וועג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין זיינע פּרטים. קיינער ווייס ניִשט, ווי-לאַנג דער קאַמף וועט נאָך דויערן

און וויפיל קעמפער וועלן נאָך מוזן פאַלן, ביז דער ציל פון דער באַוועגונג וועט זיין דערגרייכט. אָבער די מצבות פון די אומגעקו־מענע דערציילן וועגן פאָרשריט פון דער באַוועגונג און פילן אָן די הערצער פון די לעבעדיקע מיט פעסטן נצחון־גלויבן אין דער צוקונפט.

לאַסאַל האָט ניט באַשאַפן די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע, פונקט ווי קיינער קיין אַנדערער האָט זי נישט באַשאַפן. מיר האָבן געזען, אַז בעת לאַסאַל האָט זיך געשטעלט בראש פון דער באַווע־גונג, איז שוין געווען אַ באַדייטנדיקע אויפֿדערוּנג צווישן די אַנטוויקלטערע אַרבעטער פון דייטשלאַנד. לאַסאַל קאָן נישט אָנגערופן ווערן אין דעם זינען דער שעפער פון דער פאַרטיי, אָבער דערפאַר האָט ער כשר פאַרדינט דעם שם, אַז ער האָט גרויסעס אויפגעטון פאַר דער פאַרטיי — אַזוי פיל גרויסעס, ווי עס גיט זיך יחידים זעלטן איין. דאָרט ווו ס'איז געווען בלויז אומבאַשטימטעס באַגערן, האָט ער פאַרשפרייט אַ באַוווסטזיניקן שטרעבן; ער האָט געבראַכט די דייטשע אַרבעטערשאַפט צו דער דערקענ־טעניש פון איר געשיכטלעכער מיסיע. ער האָט זי געלערנט, ווי זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ זעלבסשטענדיקע פאָליטישע פאַרטיי, און ער האָט אויף אַזאַ אופן באַדייטנד פאַרזיכערט דעם אַנטוויק־לונגס־פראָצעס פון דער באַוועגונג. זיין אייגענע אַקציע האָט זיך נישט איינגעגעבן, אָבער דער קאַמף אַרום איר איז נישט געווען אומזיסט. לאַסאַל האָט נישט אומזיסט אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר אַלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַל־רעכט. אַדאַנק דער אַגי־טאַציע פון אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער־פאַריין פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג, זענען די פראָגרעסיסטן אויך געצווונגען זי אָנצו־נעמען, און זי איז שוין מער נישט אַראָפּ פון פּאָליטישן סדר־היום, ביז די בערלינער רעגירונג האָט געמוזט איינגיין אויף איר אין 1866 ווען ס'איז, נאָכן דייטשן קריג געשאַפן געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון צפון־דייטשישן בונד. דאָס אַלגעמיינע, גלייכע דירעקטע און געהיימע וואַל־רעכט איז געוואָרן לפּחות פאַרן רייכסטאַג פונם צפון־בונד און דערנאָך פון דער דייטשער מלוכה אַ קאָנסטיטוציאָנעלעס פאָלקס־רעכט. אמת, די צייט פאַר נצחונות דורך אָט דעם וואָפן איז נאָך נישט געקומען. כדי צו קענען זיגן, האָט די אַרבעטערשאַפט פריער גע־מוזט קעמפן זיך לערנען. די נצחונות האָבן נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן

אויף זיך; פון וואַלן צו וואַלן האָבן זיי זיך אַלץ פאַרגרעסערט, און באַ היינטיקן טאָג האָט די דייטשע אַרבעטערשאַפט, אַ דאַנק דעם אויסגעברייטערטן דעמאָקראַטיזירטן וואַל־רעכט אין אַלע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן און זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, דערגרייכט צו אַזאַ פּאָליטישן מעמד, וועלכער עפנט פאַר איר די גלענצענדסטע מעגלעכקייטן דורכצוזעצן די וויטגייענדיקסטע מאַקסימאַלע פון סאָציאַלער באַפרייונג. איינאיבן די אַרבעטער אין קאַמף, זיי געבן, ווי ווערט אין ליד געזונגען, שווערט און האַנט צום קאַמף פאַר ווייטע צילן, און צוגלייך איינפלאַנצן אין זייערע הערצער זין און פאַרשטענדניש פאַר אָט דעם אָרגאַנישן וועג, וועלכער איז פון אַלע שטאַנדפונקטן מער געוווּנשן, איידער דער ווילדער מאַסן־קאַמף — דערין בייסטייט דער גרויסער אומ[ו]אַרגעסלעכער פאַרדינסט פון פערדינאַנד לאַסאַלן,